STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10766

DER OYFSHTAND IN VARSHEVER GETO

Bernard Mark

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. מארק

דער אופשטאנד
פון
ווארשעווער געטאָ

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1947

פון מעכאַבער

דער דאָזיקער בוך איז נים קיין פינקעס און נים קיין פינקטלעכע געשיכטע-באַשרײַבונג. דאָס איז בלויז א רעפּאָרטאַזש, אופגעבוים קוידעמקאָל אפן סמאַך פון די קאַמפס-באַריכטן, וואָס עס האָט בעשײַטע ארויסגעשיקט קיין אויסלאַנד דער אונטערערדישער נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד-קאָמיטעט, און אויך אפן סמאַך פון די קאַמפס-באַריכטן פון דר' עמאַנועל רינגעלבלום, דר' אווראָם בערמאַן, יִיצכאָק צוקערמאַן, מאַרק עדעלמאַן, בערנאַרד באָרג, פון די בריוו פון טאַסיע אלטמאַן און פונעם דײַטשישן גענעראַל פאָן-סטראָאָפּע. די בילדער, וועלכע ווערן געשילדערט בא די פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער צוגרייטונג צום אופשטאַנד און פון דעם קאַמף גופע, זײַנען א ווערטלעכע ליטעראַרישע באַארבעטונג פון די גוויִעס-איידעס פון דער טוערן פון דער פוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי קריסטינאַ קאָוואַלסקאַ און פון די מיטגלידער פון דער יִידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע הענריק קאָטליצקי, ריווקע פּעקער, קאַזשיע קאַגאַן, יאַקעוו בינשטאָק, טעוויע באָזשיקאָווסקי, מאָטל גאָלדשטיין, סאָרע שאָכור, דאָרע גאָלדקאָרן און אַנדערע, און אויך פון די פוילישע פרײַנט פון די אופשטענדלער — יאַן וועסאָלאָווסקי, קאַזימיעזש גראַבסקי, פון די פוילישע זעלנער מיכאַל וורובלעווסקי, וויעזשביצקי, קעדריק-שטשערבינסקי און אַנדערע.

בוילעטער צו מאַכן דעם ספּעציפישן געטאָ-קאָלאָריט האָבן געהאָלפן די זיכרוינעס פון דער טראַגיש-אומגעקומענער נאָעמי ווײַנקראַנץ-שאַץ „אוועק מיטן פײַער", די זיכרוינעס פון דער פּיאַניסטן בעלאַ ווײַסבערג, א קאָמפּלעקט פון דער „יִידישער צײַטונג" פאַרן יאָר 1942, א ריי נומערן פון דער אונטערערדישער פוילישער און יִידיש-פוילישער פּרעסע.

און צום סאָף — דער קורצער פּערזענלעכער באַריכט פֿונעם מע־כאַבער מיט דער שוידערלעכער אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט אין איר ערשטער סטאַדיע, די פּערזענלעכע זיכרוינעס וועגן דעם גרעסטן טייל פֿריער פֿון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ.

זאָל דער דאָזיקער בוך דינען ווי אַ קורצע געאַסטע שילדערונג פֿון דעם דערהויבענעם קאַפּיטל אין דער נייסטער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק, פֿון דעם קאַפּיטל — אויפֿשטאַנד פֿון דער וואַרשעווער געטאָ.

ערשטער טייל

געטאָ

1

דער אָנהייב פונ פארברעכנ

איינעם אנ אָוונט טכילעס זומער 1939 האָט די בערלינער ראדיאָ פאנאנדערגעטראָגנ איבער צענדליקער כוואליעס א רעדע פונ דעם באלטישנ באראָנ אלפרעד ראָזענבערג, דעם „טעאָרעטיקער״ פונ דער ווילדער ראסנ-טעאָריע. אלפרעד ראָזענבערג האָט געבראכט דער וועלט די בסורע וועגנ דעם, וויאזוי פּאָטער צו ווערנ פונ דער „אייביקער פארשאָלטענער יידנ-פראגע״.

די יידישע סאקאָנע, האָט ראָזענבערג געוואָרנט, שפּארט אָנ פונ אלע זייטנ; די יידנ האָבנ נישט בלויז פארכאפּט דעם האנדל אונ די אינדוסטריע, די קולטור אונ די פּאָליטיק, די יידנ האָבנ באשלאָסנ גרינדנ צוויי מעכטיקע מעלוכעס אינ צוויי וויכטיקע ערד-פונקטנ. זיי האָבנ באשלאָסנ שאפנ א מעלוכע אפנ מיטללענדישנ יאם, אפ ביידע ברעגנ פונ יארדנ, ארייננעמענ אינ זייערע גיריקע הענט דעם קאָנטראָל איבער דער שיפנ-קאָמוניקאציע, איבער אזיע אונ אייראָפּע; די יידנ האָבנ כוצ-לאָזע זיכ גענומענ בויענ א מעכטיקע מעלוכע אפנ ווייטנ מיזרעכ, צווישנ בירע אונ בידזשאנ, אונ אויסשפּרייטנ זייער שעדלעכע האשפּאָע אפ נייע ריזיקע געביטנ, אפ דער מאָנגאָלישער וועלט.

אויסער זיכ פונ אָט דער „יידישער כוצפּע״, טיפ באומרויקט מאכמעס דעם יידישנ „דראנג צו באהערשנ אלע וועלט-טיילנ״, האָט ראָזענבערג געמאָלדנ דער וועלט, אז ער פארמאָגט א גליקלעכנ מיטל צו באזייטיקנ די יידישע געפאר.

מע דארפ אלע יידנ פונ דער גאנצער וועלט, פונ אלע לענדער אונ קאָנטינענטנ, אלט אונ יונג, סיי די, וואָס גלייבנ אינ גרויזאמענ יאהאווע, סיי די, וואָס שפּרייטנ אונ זייענ גאָטלאָזיקייט, סיי די, וואָס

זיצן אפֿ זעק מיט געלט, סײַ די שנאָרער און בעטלער, סײַ די אינטערנאציאָנאלע וויסנשאפֿטלער, סײַ די אינטערנאציאָנאלע רעוואָליוציאָנערן — אלעמען ביז איינעם ארויסנעמען פֿון אלע וועלט-טיילן און מעדינעס, צונויפֿנעמען זיי אינאיינעם און באזעצן ערגעץ אפֿ א וויסט אינדזל מיט א טויט-ברענענדיקן קלימאט, ערגעץ אפֿ א מאדאגאסקאר אָדער אפֿ א גוויאנא; איזאָלירטע ווי מעצוירעס פֿון דער וועלט, זאָלן זיי דאָרט מיט זייער שוויס און בלוט באנעצן די שאכטעס, און וואָס גרויזאמער עס וועט זײַן דער קלימאט, וואָס אומענטשלעכער די ארבעט, אלץ בעסער פֿאר דער קריסטלעכער וועלט, פֿאר דער ציוויליזאציע, וועלכע וועט וויסן: די שעדלעכע יידישע ראסע געפֿינט זיך איזאָלירט אין א רעזערוואט, פֿון וועלכן עס איז קיין צוריק-קום ניטאָ, פֿון וועלכן עס איז פֿאראן איין אויסוועג — טויט.

ווארשעווער יידן, וואָס האָבן אין יענעם אָוונט געהערט ראדיאָ, האָבן געכויזעקט פֿון דעם בערלינער מעטורעף, האָבן געטײַנעט — „צו קורץ זײַנען די הענט"; ווער האָט זיך דעמלט געריכט, אז דאָס איז א בעפֿיירעשדיקע פּראָגראם, און אז זי וועט רעאליזירט ווערן קוידעמקאָל אפֿ דער טעריטאָריע פֿון פּוילן, אז אויך דאָ, אין פּוילנס הארץ, אין ווארשע, וועלן ראָזענבערגס „אידייען-כאווײרים" אין אָקטיאבער 1940 מיט שטעכיקע דראָטן ארומצוימען צוויי גרויסע יידישע ראיאָנען, ארײַנשטויסן אהין קאָרעוו 500 טויזנט יידישע נעפֿאשעס און דער פֿארווירקלעכטער רעזערוואט וועט א נאָמען באקומען געטאָ?

עמעס — דעם מילדן פּוילישן קלימאט זײַנען די ברוינע געננעטערס נישט בעיכוילעס געווען צו ענדערן, און קיין שאכטעס אפֿ נאלעווקעס און מוראנאָוו האָבן זיי נישט געקענט אויסבויען; זייערע הענט זײַנען צו קורץ געווען צו פֿארניכטן דאָס יידנטום אין סאָוועטן-פֿארבאנד און אין אמעריקע, אין פּאלעסטינע און אין דאָרעם-אפֿריקע; אָבער אפֿן סאמע געדיכטן יידישן יישעוו, אפֿן פּוילישן יידנטום און אפֿ די יידן פֿון דער אָקופּירטער אייראָפּע האָט זיך אראָפּגעלאָזט דער שוידערלעכער פֿינצטערער מאזל פֿון רעזערוואט.

דאָס ארײַנפֿירן דעם ווארשעווער רעזערוואט האָבן די אָקופּאנטן צוגעגרייט דורך עטלעכע שווערע גזיירעס.

דעם 22 סעפּטעמבער 1939 איז געפֿאלן ווארשע. און גלײַך אין א קורצער צײַט נאָך דעם זײַנען די היטלעריסטן צוגעטראָטן צו דער יידן-אויסראָטונג.

די ערשטע גרעסטע גזירע פון די דײַטשישע פאשיסטן, נאָך זייער פארנעמען ווארשע, איז געווען דאָס אײַנפירן די נירענבערגער געזעצגעבונג, די געזעצגעבונג, וועלכע שטעלט אײַן א מעכיצע צווישן „אריער" און ייִדן און זעצט די לעצטע אראָפּ צו דער מאדרייגע פון פאריער.

די צווייטע גזירע איז געווען — דאָס באשטימען איבער ייִדישע הײַזער און אונטערנעמונגען א דײַטשישע קאָמיסארישע פארוואלטונג; אין יעדן ייִדישן הויז, אין יעדער ייִדישער האנדלס- און אינדוסטריע-אונטערנעמונג זײַנען ארײַנגעזעצט געוואָרן „טרײַהארן" — אָרטיקע דײַטשן, וועלכע זײַנען געוואָרן די פּאקטישע באלעבאטים פון דעם ייִדישן האָב-און-גוטס.

די קלענערע און מיטעלע ייִדישע אונטערנעמונגען זײַנען ארי-בער צו איינצלנע דײַטשישע קאָמיסארן; די גרויסע — האָבן זיך צוגענומען די נאצישע גדוילים. די גרעסטע ייִדישע אונטערנעמונגען האָט אונטער זײַן אפּעטראָפּסעס גענומען דער סאמאָראָדנער הערמאן גערינג. ער האָט זיי אײַנגעגלידערט אין דעם קאָנצערן „הערמאן גערינג-ווערקע".

די דריטע גרויסע גזירע איז געווען — דאָס אײַנפירן ווײַסע בענדער מיט געלע מאָגנדאָווידס פאר אלע ייִדישע מענער און פרויען. פאר אויבער זײַן אפּ אָט דעם באפעל האָט לעכאטכילע געדראָעט א שטראָף פון זעקס כאדאָשים טפיסע. דערנאָך איז די שטראָף פארגרעסערט געוואָרן — טויט.

צווישן איין גזירע און דער צווייטער זײַנען פאָרגעקומען קליינע און גרויסע פּאָגראָמען, רויבערײַ, גיירעש אין אומבאקאנטע ערטער „אפּ ארבעט", ריזיקע קאָנטריבוציעס און אויסקויף-געלט פאר לעבעדיקע מאשקאָנעס.

די ייִדן האָבן זיך נאָך „פרײַ" געקענט באוועגן, אָבער די טריומפירנדיקע האקנקרייץ-ריטער האָבן פאנאנדערגעוויקלט אזא ייִדן-פרעסערישע העצ-קאמפּאניע, אז די אטמאָספער אין גאס איז געוואָרן ביזן העכסטן גראד אָנגעגליט — עס איז אוממעגלעך געוואָרן צו אָטעמען, צו לעבן.

אפּ קאפע-הײַזער, טעאטערן און קינאָס אין די ניט-ייִדישע ראיאָנען האָט די היטלער-יוגנט אויסגעקלעפּט פלאקאטן מיט אויפשריפטן: „ייִדן, הינט און שלעפער ארײַנגאנג פארבאָטן". עמעס, גענוג אָפט זײַנען די אויפשריפטן לענגער געווען מיט נאָך איין וואָרט, וואָס האָט אָפּגעשניטן דעם ארײַנגאנג אויך פאר פּאָליאקן.

אינ קינאָס האָט מענ דעמאָנסטרירט דעמ פילמ „ראָטשילד“, א בילד, וואָס האָט געוויזנ דעמ ייִד ווי די געלטגיריקסטע בריִע.

די מויערנ פונ דער שטאָט, די פענצטער פונ די טראַמווייַענ זייַנענ באַדעקט געוואָרנ מיט העסלעכע אַנטיסעמיטישע קאַריקאַטורנ פונ יוליוס שטרייַכערס פּאָרנאָגראַפישנ „שטירמער“.

די זיגרייַכע כוליגאַנעס האָבנ געשלייַדערט ייִדנ פונ די טראַמווייַענ, מיט קלעפּ געטריבנ פונ די ברויט-רייענ, אונטערגעשאָסנ באַמ שעפּנ וואַסער פונ ווייַסל, אַפּ לעבעדיקע לייַבער דעמ האַקנקרייצ אויסגעבערענט.

איבער גאַסנ אונ פּלעצער איז געלאָפנ א מיטליעריקע פרוי מיט צעפּאַטלטע האָר אונ האַס-אָנגעגאָסענע אויגנ. מיט היסטערישער לייַדנשאַפט האָט זי געשריִענ: „שלאָג די זשידעס!“ נאָכ איר האָבנ זיכ געצויגנ באַנדעס פונ זוינעס, אַלפאָנסנ, שטאָט-מעשוגאָיִמ, כוליגאַנישע סטודענטנ, באַוואָפנטע מיט שטעקנס אונ רימענס, אונ אונטער דער שוצ פונ עסעס געשלאָגנ מאַקעס-רעצעכ ייִדנ צופעליקנ פאַרבייַגייער מיט א ייִדישנ אויסזענ [1].

דער ציל פונ דעמ אַלעמענ איז געווענ א דאָפּלטער: אײ אָפּ-ווענדנ די פאַרביטערטע געמיטער פונ דער באַפעלקערונג פונ דעמ דייַטשישנ אָקופּאַנט אונ אויסגיסנ דעמ צאָרנ אונ ווייטעק אירנ קעגנ די ייִדנ, אײ שאַפנ פאַר די לעצטע אַזאַ אַטמאָספער, אַז עס זאָל זיכ זײ דאַכטנ, אַז אינ געטאָ, אינ פולשטענדיקער איזאָליאַציע פונ דער דרויסנדיקער, צו זײ פייַנטלעכער וועלט, וועט זײ זייַנ לייַכטער צו אָטעמענ.

נאָכ דער צוגרייטונג-אַקציע פונ גאַסנ-געיעגנ האָבנ די נאַציס אינ אָקטיאַבער — נאָיאַבער 1940 אָפּגעצוימט צוויי ייִדישע ראַיאָנענ. 140 טויזנט ייִדנ, וואָס האָבנ געוווינט אינ די ווייַטע, ניט-ייִדישע גאַסנ, האָבנ געמוזט פאַרלאָזנ זייערע אַלטע וווינ-הייַזער, אונטערנעמונגענ, אַרבעטס-פּלעצער אונ גוטס, אונ איבערוואַנדערנ אַפּ צאָפנ, צו זייערע ברידער פונ די ייִדישע גאַסנ, אינ דעמ ריזיקנ אונ דאָכ ענגנ „ייִדנ-רעזערוואַט“.

טויזנטער ייִדנ פונ די אַרומיקע שטעטלעכ זייַנענ ווי סטאַדעס שאָפּ געטריבנ געוואָרנ אינ דער נייַער קאָנצענטראַציע, האָבנ פאַר-גרעסערט די ענגשאַפט, די דאַכקעס, די נויט; מער ווי פיר נעפּאַשעס איז אויסגעפאַלנ אַפּ איינ קוואַדראַט-מעטער אינ געטאָ.

---

[1] לויט די זיכרוינעס פונ בעלאַ ווייַסבערג.

מיט אנ אומשולדיקנ נאָמענ האָבנ די באצווינגער געקרוינט דעם רעזערוואט. זיי האָבנ אים אָנגערופנ — „ייִדישער ווינ-ראיאָנ".

די קאָרבאָנעס גופע האָבנ פאר אים געפונענ א מער פאסיקנ נאָמענ — געטאָ. דער סוינע האָט זיכ געריייצט מיטנ קאָרבנ: די אונ די גאס האָט ער אויסגעשלאָסנ פונ געטאָ אונ אינ א טאָג ארום זיי ווידער אײַנגעגלידערט אינ רעזערוואט, מענטשנ זײַנענ ווי מעשוגענע געלאָפנ פונ גאס צו גאס, נישט געוווסט: דארפ מענ זיכ ארויסציִענ צי מע מעג בלײַבנ? די גראניטשנע גאס איז אזוי עטלעכע מאָל געוועג „אריש" אונ „ייִדיש", אונ דער דײַטש האָט זיכ געפרייט פונ זײַנע שפאסנ[1].

2

צווישנ צוויי בעסאלמענס

פאמעלעכ שיילט זיכ אויס פונ בלוילעכ-גרוילעכנ וועג דער הויכער געטאָ-מויער. די פאשיסטנ האָבנ ניט געטרויט די דראָט-מעכיצעס — דראָט קענ מענ גויוועד זײַנ מיט אײַזערנע שערנ. מיט די הענט פונ די איזאָלירטע האָבנ זיי ארומגעמויערט דעם ייִדישנ ווינקשעטעכ מיט א וואנט; צוויי מיט א האלבנ מעטער די הייכ האָט זי געהאט — קיינ שום דרייסטער יונגאטש זאָל זי נישט קענענ אריבערשפרינגענ.

פאמעלעכ שיילט זיכ אויס פונעם קאיאָר-נעפל א שווערער, שווארצער טויער מיט א ריזיקער אופשריפט אפ דײַטש אונ אפ פויליש: „פלעק-טיפוס!"

דאָ ליגט די גרענעצ צווישנ צוויי וועלטנ. דאָ ענדיקט זיכ די אָכ-אונ-ווייעדיקע פרײַהײַט, דאָ גייט אויס דאָס לעבנ, הינטער דעם טויער געוועלטיקט דער טויט.

ארײַנגעקוועטשט צווישנ דעם נידעריק-הײַזיקנ פּאָוואָנזעק, דער מאָלעריש-סטיליזירטער שטיינערדיקער אלט-שטאָט אונ דער ברייטער אינ מאָטאָרנ-רויש זיכ שטויסנדיקער אײַזנ-גאס ליגט די הונגעריקע „ייִדישע מעלוכע". אינ צוויי בעסאלמענס שפארנ זיכ אָנ אירע גרענעצנ. פונ איינ זײַט — דער קאטוילישער צווינטער אפ פּאָוואָנזעק,

1 נאָעמי ווײַנק־אנצ־שאצ — „אוועק מיטנ פײַער" (זיכרוינעס).

פונ דער צווייטער — דער יִדישער בייס-האקוואָרעס אפ דער אָקאָפּאָווע. סײַ דער ארײַנגאנג סײַ דער ארויסגאנג פונ געטאָ האָט געפירט דורכ מעקוימעס פונ טויט. צווישנ צוויי בעסאלמענס ליגט דער יִדנ-רעזערוואט, וואָס איז אַליינ א לעבעדיקער בעסאַלמע פאר א האלבנ מיליאָנ נעפאָשעס.

האגאָמ דער טויט איז ווי א מוירעדיקער געשפענכט געלעגנ אָנ אופהער אפנ רעזערוואט, האָבנ די פײַניקער נישט פארגעסנ פונדעסטוועגנ ארומצורינגלענ דעמ איזאָלירטנ יִדישנ וווינ-שטעטל מיט אנ אייביקער שמירע. ווי א באלאגערטע שטאָט, פונ וועלכער קיינ לעבעדיקער דעכ טאָר זיכ נישט ארויסבאקומענ, האָבנ די נאציסטנ ארומגענומענ די „יודענ-שטאט" מיט אנ אײַזערנער רייפ פונ וואָפנ-באפעסטיקטע פּאָכטנס. אינ דער נאָענטסטער שכיינעס פונ געטאָ, ארומ אירע מויערנ זײַנענ געשטאנענ די אמטנ פונ די פארשיידנסטע אָרגאנענ, וואָס זייער אוודע איז געווענ — היטנ, פײַניקנ, אויסנאָגנ א טראָפּנ נאָכ א טראָפּנ, אויסראָטנ די יִדישע קנעכט. דאָס זײַנענ געווענ די אמטנ פונ געסטאפּאָ אונ עסעס, פונ שופּאָ אונ קריפּאָ, פונ שטאנד-געריכטנ אונ ברוינער פּאָליציי, פונ זיכערהײַטס-דינסט אונ כטאמ ווײַכסווער-גארניזאָנענ, פונ קאָלערליי מעשונעדיקע פאָרמאציעס אינ גרינער, בלויער, שווארצער האלבאָשע, וואָס האָבנ זיכ ווי היִענעס אונ שאקאלנ געצויגנ צו מענטשלעכע פּגאָרימ, צו לעבעדיקע מייסימ, צו זייער האָב-אונ-גוטס. צוויי גרויסע ביניאָנימ האָבנ דאָמינירט אינ דעמ ערעווראַו פונ די שמירע-פּאָסטנס. אפ לעשנאָ-גאס, אינ איר סאמע מיט, האָט זיכ געצויגנ דער אונהיימלעכער געטאָ-מויער אונ האָט אָפּגעטיילט איינ פּאס הײַזער פונ דעמ צווייטנ. די הײַזער, וואָס האָבנ געטראָגנ די גראָד-נומערנ, דאָס הייסט — די זײַט, ווו עס איז געווענ דער ארטיסטנ-פאריינ, די קאטוילישע קירכע, האָט געהערט צומ געטאָ. די צווייטע זײַט, די אומ-נומערדיקע, איז פארעכנט געוואָרנ צומ „ארישנ" טייל. אינמיטנ איז געשטאנענ די וואכט. אפ דער „ארישער" זײַט האָט זיכ אינ א גרויסנ פּילשטאָקיקנ הויז, ווו עס איז פריִער געווענ די צענטראלע פונ די שטאָטישע געריכטנ, באזעצט די אָפּטיילונג פונ געסטאפּאָ, וואָס האָט געהאט די אופגאבע אָנצופירנ מיט די יִדישע איניאָנימ[1].

אונ אינ סאמע הארצ פונ געטאָ, אינמיטנ פּאַוויע אונ גענשע,

1 ווײַנקראנצ-שאצ — דאָרטנ.

איז ווי א געשפּענסט פון בלוטיקן טעראָר געשטאַנען די ציגל־רויטע געביידע פון דער „פּאוויאַק"־טפּיסע.

מענטשן פון די גאַסן, וואָס זײַנען געלעגן נאָענט צו דער געסטאַפּאָ־געבײַדע, צו דער „פּאוויאַק" - טפּיסע, האָבן באַנאַכט נישט געהאַט קיין רו. מוירעדיקע געשרייען פון צום טויט־פאַרפּײַניקטע און שיסערײַ־סאַלוועס פון עקזעקוציעס האָבן נישט געלאָזט אײַנדרעמלען.

און ווי אַפ צולאָכעס יעדן מענטשלעכן געפיל האָבן אין סאַמע נאָענטקײַט צום רעזערוואַט געבליט די שענסטע ביימער. בלויז דער געטאָ־טויער אַפּ נאַלעווקעס האָט אָפּגעטיילט די ייִדן פונעם צוגאַנג צום היימישן קראַשינסקי־גאָרטן. די היטלעריסטן האָבן אויסגעשניטן פון ייִדישן ווינ־שעטעך דעם גאָרטן, וואָס איז אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן געווען א שפּיל־אָרט פאַר קינדער, אַן אָפּרו־אָרט פאַר זקיינים. קעדיי די איזאָלירטע נאָך מער צו דערדריקן, צו צערייצן, האָבן די הארן דעם גאָרטן קולטיווירט בעסער ווי טאָמיד, געדיכטע בלומענבייטן פאַרפלאַנצט, די וואַסער־באַסיינען פאַרשענערט — זאָלן די קרועבלועדיקע שלעפּער פון יענער זײַט לעבן וואַרפן א בליק און אויסגיין פון בענקשאַפט נאָך א בלום, נאָך א פלאַנץ, נאָך דעם אידילישן בילד פון ווײַסע קאַטשקעס אין שטיל־פליסנדיקן וואַסער [1].

אין אָט אזא אַרומרינגלונג איז געלעגן די הויפּט־געטאָ. נישט ווײַט פונדאַנען, אין דעם ראַיאָן פון גזשיבאָוו, מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אין כלאָדנע, איז געלעגן די צווייטע געטאָ. זי איז געווען קלענער פון איר שוועסטער לעצאָראָ. דערפאַר איז אין איר טכום א קאָפּ לײַכטער צו לעבן. אין דער קליינער געטאָ האָבן געוווינט די גווירים [2]. די אײַנוווינער פון דער קליינער געטאָ זײַנען זעלטענער אויסגעשטעלט געווען אַפּ פּלוצעמדיקע פּוראָניעסן, אָבער אויך זייער גוירל איז א געכאַסמעטער געווען.

באַם צונויפקום פון צוויי גאַסן — פון אײַזן־גאַס און פון כלאָדנע — הייבט זיך אוף אין דער הייך א הילצערנע בריק. דאָס איז די פאַרבינדונג פון די צוויי געטאָס. הויך איבער דער ערד טראָגט זיך אָט די מעשונעדיקע לופט־בריק. דאָס איז די איינציקע מעגלעכקײַט פאַרן ייִדן אַראָפּצובליקן פון א הייכעניש אַפּ דער „פרײַער" וועלט, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אונטן, ווי אין א טיפן טהאָם. איבער הילצערנע

1 דאָרטן.

2 ווײַסבערג.

טרעפ קריכט מען ארופ צו דער בריק, וואָס גייט בארג-ארופ און לאָזט זיך דערנאָך אראָפּ שוין אין טכום פון דער גרויסער געטאָ. אויבן גייען מענטשן מיט מאָגנדאָוויד-בענד׳ער, אונטן גיסט זיך די כוואליע פון די „ריין-בלוטיקע״ גייער, פאָרן גערמאנישע אויטאָ-מאשי-נעס, ציִען זיך „ארישע״ פורן, לויפן „ארישע״ ריקשעס.

3

נאכט און טאָג אין געטאָ

עס איז נאָך גוט טונקל. עס הערשט נאָך די פּאָליציייִשע שאָ. א טויטע שטילקייט איז צעשפּרייט איבער די גאסן. בלויז טיפע קרעכצן און אומקלאָרע געשרייען פון שלאָפנדיקע, איבערגעשראָקענע דורך אומהיימלעכע כאלומעס, רייסן זיך פון פארקלאפּטע לאָדנס און דערמאָנען, אז דאָ לעבן נאָך מענטשן. פון צייט צו צייט ווערט די טויטע שטילקייט איבערגעשניטן דורך א סווישטשערײַ פון א ביקסן-קויל, דורך א שווערן קערפּער-פאל ערגעץ באם געטאָ-טויער, דורך א געשטיקטן, פארצווייפלטן ווײ-געשריי — דאָס איז א דרייסטער קאַ-צעוו, וואָס האָט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און האָט אין א זעקל א שטיק פלייש געשמוגלט פאר די הונגעריקע ברידער, אונטערגעשאָסן געוואָרן ווי א געפלאָגטע כײַע דורך דעם באוואָפנטן שומער.

עס איז נאָך גוט טונקל. אין דרויסן באווײַזט זיך דער ערשטער מענטש — א יונגערמאן אין א בלויען היטל מיט אן אויפשריפט אין דײַטש: „יידישע אָרדנונגס-דינסט״, מיט א נומער. דאָס איז איינער פון די צוויי טויזנט מעיוכאָסים, וועלכע דער אָקופּאנט האָט אוועקגע-שטעלט צו האלטן די אינערלעכע אָרדענונג אין געטאָ, ווי א סימען פון דער יידישער „זעלבסטפארוואלטונג״. דער מענטש אין דעם בלויען היטל געהערט צו די „גליקלעכע״ געטאָ-אײַנוווינער — ער באַ-קומט עטלעכע גראם ברויט מער; ער האָט „מאכט״, ער קען הערשן, ער מעג שרײַען אפ זײַנע ברידער, שלאָגן זיי, יאָגן. מיט קיין קלייניקײַטן איז ער ניט באוואָפנט. דער דײַטש געטרויט ניט. דער דײַטש האָט אים אין האנט ארײַנגערוקט בלויז א גומענעם שטעקן, ער זאָל מיט אים לערנען זײַנע בלוט-ברידער האכנאָע און געהאָרכ-זאמקייט.

דער מענטש אין דעם בלויען היטל שפּאַנט צום טויער. עס טוישט זיך די אינערלעכע וואַך — זי איז אַ ייִדישע. די עמעסע שמירע שטייט אָבער פון יענער זײַט — צוויי היטן דאָרט דעם אַרײַנגאַנג און אַרויסגאַנג — אַ דײַטשישער זשאַנדאַרם און אַ פּוילישער פּאָליציאַנט. באַנאַכט איז געשטאַנען אַ נידעריקער, געפּאַקטער, שוואַרצהאָריקער אויסוואורף, מיט אַ פּאַרצעף פון אַ בולדאָג; זײַנע הענט זײַנען פאַרפלעקט מיט בלוט פון הונדערטער דערשאָסענע — פון שפּײַז-שמוגלער, פון קינדער, אַפילו פון ייִדישע אָרדענונגס-היטער. די ייִדישע געטאָ-יוגנט, וועלכע האָט אין די סאַמע שווערע צײַטן ניט פאַרלאָרן דעם כוש פאַר הומאָר, האָט דעם דאָזיקן דײַטשישן זשאַנדאַר אַ נאָמען געגעבן מוסאָליני; אַזוי שטאַרק האָט דער מענוול דערמאָנט דעם איטאַליענישן דוטשע[1]. פאַרטאָג ווערט „מוסאָליני" געטוישט — עס פאַרבײַט אים אַ צווייטע כײַע אין מענטשלעכער געשטאַלט — אַ הויכער און דיקער מיט אַ קוואַדראַטנער געמבע פון אַ טיפּישן פאַרברעכער, מיט ליפּן פון אַ וואַמפּיר. דאָס איז איינער פון די גרויזאַמסטע פּײַניקער. זײַן באַליבטע באַשעפטיקונג איז פאַרגוואַלטיקן יונגע מיידלעך; ער האָט אַ גוואַלדיקע האַנאָע פון שיסן דעם קאָרבן גלײַך אין מויל אַרײַן, פון שפּילן זיך מיט אים פאַרן מאָרד.

עס איז דאָ נאָך אַ דריטער זשאַנדאַר — אַ קליינער, מיט אַן אייביקן שמייכל, אַ באַרעדעוודיקער. דער האָט ליב זיך מאַכן מיט די ייִדן „פּאַן-בראַט". ער האַנדלט מיט זיי, ציט פון זיי אַרויס דאָס האָב-און-גוטס פאַר אַ סקאָרינקע ברויט, פאַר אַ ברעקל זייף. אין לאַקריץ-רייד הילט ער אײַן סאַם — דעם סאַם פון אומרו, פון פּאַניק, פון גאַליקן כויזעק. ער שטעלט אַרײַן דאָס שמייכלענדיקע פּנים אין דער עפענונג פון טויער, מיט אַ מיטלײַדנדיקן און צוויִעסדיקן טאָן רעדט ער צו די ייִדן:

— אײַ, ייִדעלעך, שעמען מעגט איר אײַך; אײַערע ברידער אין דײַטשלאַנד, אין עסטרײַך פאַרמאָגן ווירדע; ווען מ'האָט זיי צוגענומען די רעכט, האָבן זיי זיך גענומען דאָס לעבן. און איר? פּאַכדאָנים וואָס איר זײַט![2]

אַלע דרײַ, סײַ „מוסאָליני", סײַ „פראַנקנשטיין", סײַ „דער צאַדיק אין פּעלץ" (ווי מע האָט גערופן דעם דריטן) האָבן געהאַט

---

1 לויט די זיכרוינעס פון מאַריאַ גורסקאַ.

2 לויט די זיכרוינעס פון קעדריק-שטשערבינסקי.

די אומגאבע ניט בלויז צו היטן און פייניקן — זיי זיינען געווען פראָוואָקאַטאָרן, זיי פלעגן פארשפרייטן אליין, אָדער דורך זייערע יויצער-מעשאָרסים, קאָלערליי קלאנגען. א קלאנג — מאָרגן דעפּאָרטירט מען אלע ייִדן. זאָלן זיי וואָס שנעלער אויספארקויפן זייער האָב-און-גוטס. דערשרעקן זיך די ייִדן, פארקויפן בעכאָצי-כינעם, וואָס עס לאָזט זיך, און די לעצטע בעבעכעס פליסן אריבער אין די רוקזעק פון די פארשאָלטענע זשאנדארמען.

עס גייט אוף די זון. עס באווייזן זיך אף די טויטע גאַכן נייע געשטאלטן, געבויגענע אונטער דער לאסט פון טראָג־בעטלעך. זיי טראָגן אויך בלויע היטלען, אָבער ניט די שפּיציקע גאָטישע שריפט שרייט אראָפּ פון זייערע בענדער, נאָר די היימישע קוואדראטנע אויסיעס, א העברעיִשע אופשריפט — „חסד של אמת” אָדער „נושאי המטה” — די טרעגער פון טויטן־בעט.

ווען עס האָט נאָך די שליטע די פּאָליצייִשע שאָ, ווען קיין שום לעבעדיקער נפעש טאָר זיך נאָך ניט באווייזן אין דרויסן, טראָגן אומגעזעענע הענט ארויס פון הינטער קוים געעפנטע טויערן טויטע גופים און לייגן זיי אוועק פארן טויער אין דרויסן.

און ווען עס ווערט טאָג, עפנט זיך א מאָדנע בילד: פאר איטלעכן טויער ליגט א מעס; אָנשטאָט אין טאכריכים איז ער איינגעוויקלט אין פאפירענע בגאָדים, גרייט צו דער קווורע.

גיין אין ייִדנראט בעטן א קייווער איז פארבונדן מיט גרויסע געלטער, לייגט מען אוועק באנאכט דעם מעט אין דרויסן — די „נושאי המטה” וועלן ניט אויסמיידן די מיצווע, וועלן איינדערפרי צוגעמען דעם בארמינען אין די פאפירענע מאלבושים און אים אוועקפירן אין הייליקן אָרט — בעכינעם[1].

שנעל, שנעל פאָרען זיך די כעוורע־קאדישע־לייט. עס קאָמאנדעוועט מיט זיי זאלמען פינקערט, וועלכן דאָס פאָלק האָט געקרוינט מיטן נאָמען „דער קעניג פון מייסים”. ווען זיי פארשווינדן פון די גאסן, איז די פּאָליצייִשע שאָ שוין געענדיקט.

די מענטשן האָבן איבערגעלעבט נאָך איין נאכט — נאָך איין סעדרע פון טויט־געפארן, פלוצעמדיקע אָבלאוועס, אנגסטפולן שלאָף. עס קומט דער טאָג, וואָס איז טויזנט מאָל ערגער פון דער נאכט.

מיט אן אומהיימלעכן גרילץ צעפראלט זיך דער טויער. פונדער-

---

1 לויט די פארעפנטלעכטע מאטעריאלן פון דר. רעפאָעל מאלער.

וויַיטנ מארשירט אנ אָפּטיילונג געהילפּס-פּאָליציי — גאָרגל-שנײַדער פונ אלע
עקנ פונ דער אָקופּירטער אייראָפּע. איר טרעפט דאָ א פּוילישנ אונ-
טערוועלט-טיפּ, וואָס האָט מיטאמאָל דערשפּירט, אז אינ זײַנע אָדערנ
פליסט גערמאניש בלוט; אינ איינ ריי מיט דעמ דאָזיקנ „גער" שפּאנט
איינער פונ די, וואָס פארנעמענ אינ דער גערמאנישער יִכעס-הִיע-
ראַרכיע דעמ שטאפּל פונ „פאָלקס-דײַטשנ"; הינטער זיי — אנ אלטער
ווייַסגווארדייער, וואָס האָט פינפ אונ צוואנציק יאָר זיכ געוואַלגערט
אינ די בערלינער רינשטאָקנ, ביז ער האָט זיכ דערוואַרט — עס איז
איצט געקומענ זײַנ צײַט; א מערדער א רעצידיוויסט, וואָס איז ארויס-
געלאָזט געוואָרנ דורכ די זיגער פונ א לעטישער טורמע; א לאנג-
יעריקער שפּיק פונ דער פוילישער דעפּענזיווע, א באַקאנטער פארשויִנ
פונ לוואָווער אונטערוועלט, א מעסער-שטעכער פונ די שאוליסטנ —
פאשיסטנ [1]. באוואָפנט מיט דײַטשישע ביקסנ אונ אווטאָמאטיש געווער,
מארשירנ זיי האלב-שיקער צומ יִדנ-ראַיאָנ אונ פארטויבנ די גאס
מיטנ הימנ פונ דעמ דײַטשישנ אלפאָנס האָרסט וועסעל, דעמ „קאָדויִש"
פונ די דײַטשישע פאשיסטנ:

„אונ ווענ פונ מעסער שפּריצט דאס יודענ-בלוט,
איז דאָכ מיר וויל אונ גוט!"

דאָס איז דער קאָנוווי, וואָס אונטער זײַנ שמירע ווערנ אָפּגע-
פירט אפ שווערער ארבעט מיכוצ דעמ רעזערוואט די שווארצ-ארבע-
טער פונ געטאָ, די אָנגעהעריקע צו דער דריטער קאטעגאָריע יִדנ.

אינ פיר קאטעגאָריעס האָבנ די אָקופּאנטנ אײַנגעטיילט די אײַנוווי-
נער פונ געטאָ... די ערשטע קאטעגאָריע איז די פּריווילעגירטע. עס
באלאנגענ צו איר די פּאָר טויזנט יִדישע פּאָליציי-לײַט אונ די צוואנ-
ציק טויזנט באאמטע אונ אָנגעשטעלטע פונ דעמ יִדנראט אונ די לעגאלע
צדאָקע-אינסטיטוציעס, די באאמטע אונ ארבעטער פונ בייס-האַכאַיִמ.

צו דער צווייטער קאטעגאָריע געהערנ די קוואליפיצירטע יִדישע
ארבעטער, סײַ די, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ די דײַטשישע אונ-
טערנעמונגענ אינ טכומ פונ געטאָ, סײַ די, וואָס ארבעטנ בא ספּע-
ציעלע ארבעטנ אינ פאבריקנ אונ זאוואָדנ, אפ בויונגענ מיכוצ דעמ
רעזערוואט. אינ טכומ פונ געטאָ געפינענ זיכ אזעלכע גרויסע אינ-
דוסטריע-אונטערנעמונגענ, ווי די מעטאל-פאבריק „פּראזשעט", ווי
קליימאנס זאוואָד פונ עלעקטרישע לאָמפּנ, ווי דער אווטאָ-רעמאָנט-

1 לויט ריווקע פּעקער.

זאוואָד, ווי די פאַבריקן פונעם קאָנצערן פון „הערמאַן גערינג-ווערקע“. אין טכום פון געטאָ זײַנען פאַראַן גאַרבעריַיען, באַרשט-פאַבריקן, לעדער-פאַבריקן, אַ סאַך נײַ־פאַבריקן[1]. קליין איז די צאָל ייִדן, וואָס אַרבעטן אין דער אינדוסטריע מיכוץ דער געטאָ. דאָס זײַנען דרוקער, כעמיקער, עלעקטריקער, הויך־ספּעציאַליזירטע מעטאַליסטן.

די דריטע קאַטעגאָריע נעמט אַרום אַלע געטאָ־אײַנוווינער, וואָס זײַנען פּיזיש אַרבעטספּײַיִק, אָבער וואָס באַהערשן נישט קיין באַשטימטע נייטיקע ספּעציאַליטעטן. אָט די מענטשן ווערן עס אַרויסגעפירט אונטער אַ שטרענגער שמירע הינטער דער שטאָט — האַקן שטיינער, בויען שאָסייען, קאָרטשעווען וועלדער, רייניקן וועגן און גאַסן, לאָדן מאַסע בײַ דער באַן. די דריטע קאַטעגאָריע איז אויסגעשטעלט אויפן מינדסטן קאַפּריז פון דעם וועכטער און אויפזעער. דער טויט קוקט אַרויס פון אַלע זײַטן, לויערט אין אַלע ווינקלען — פאַר אויסגלײַכן דעם רוקן בײַ דער אַרבעט, פאַר דורכוואַרפן זיך מיט אַ וואָרט מיטן שכן, פאַר נישט אַראָפּציִען דאָס היטל פאַר אַ גאָדל מיט אַ האַקנקרייץ־צייכן, פאַר אָפּשטיין פון דער רײ. יעדן טאָג מוז דער ייִדנראַט צושטעלן אַ באַשטימטע צאָל פון דער דריטער קאַטעגאָריע. די צאָל ווערט פאַנאַנדערגעטיילט לויט גאַסן, לויט הײַזער.

נישט זעלטן קערט זיך דער דריטקאַטעגאָרניק נישט אום אַהיים. ער בלײַבט ליגן אויף אַ וויסטן שטעג מיט אַ לאָך אין שלייף. אָפט קערט ער זיך אום מיט געשוואָלענע פּיס, מיט אַ צעפּאַסעוועט לײַב, מיט אַן אויסגעברענטן האַקנקרייץ אויפן רוקן.

אָבער אין געטאָ איז פאַראַן נאָך איין קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס קוקט אַפילו אויף דעם ביטערן מאַזל פון דריטקאַטעגאָרניק מיט קינאה.

דאָס איז די גרויסע מאַסע, וואָס איז נישט פעיִק צו פּיזישער אַרבעט. זי געהער צו דער לעצטער, צו דער פערטער קאַטעגאָריע — צו דעם קלאַס פון די פּאַריער שעבעפּאַריער.

דאָס איז די ריזיקע צאָל אינטעליגענטן, זקנים, עלטערע פרויען, וועלכע אַפילו די שטרענגע קעהילע־קאָמיסיע און דער דײַטשישער קאָמיסאַר האָבן אָנערקענט פאַר נישט פעיִקע צו פּיזישער אָנשטרענגונג. זיי זײַנען לאַכלוטן באַרויבט פון מינדסטן רעכט אויף ברויט, אויף לעבן.

---

1 לויט קעדריק־שטשערבינסקי.

עס שטעלט זיכ דער געוויינלעכער, אומרויִקער געטאָ-טאָג. אפ די גאסנ קריכנ ארויס מענטשלעכע שאָטנס, די פערטע קאטעגאָריע. זייערע גופים זיינענ באדעקט מיט וווּנדנ, די אויגנ גלאנצנ מיט א פייער פונ מעשוגאס, די הענט ציטערנ.

אָט די מענטשנ זיינענ געווענ ניט בלויז די ערשטע קאָרבאָנעס פונ הונגער אונ מאגייפעס; זיי זיינענ אויכ געווענ די ערשטע קאָרבאָנעס פונ קאָלערליי מערדערישע דייטשישע אקציעס. איבער זיי האָבנ עס די היטלערישע מאדיקטנ געמאכט די כטעריליזיר-עקספערימענטנ, די פרוווּנ פונ קינסטלעכער באפרוכפערונג, בא זיי האָט מענ געצאפט דאָס לעצטע ביסל בלוט פאר מיליטערישע שפיטאָלנ, איבער זיי האָט מענ צום ערשטנ מאָל אָנגעווענדט די ווירקונג פונ גיפט-גאזנ. זיי זיינענ שפעטער געווענ די קאָרבאָנעס פונ די ערשטע גיירושים אפ מיזרעכ, אפ טויט.

4

די גאס

א גאנצנ טאָג שטייט די געטאָ-גאס אינ געוואלדיקנ טומל, אינ קעסיידערדיקע געשרייענ.

פונ פרי ביז ביינהאשמאָשעס, ווענ די טויערנ ווערנ פארקלאפט אפ זיבנ שלעסער, פילט אָנ די גאסנ דער בונטער האמוינ פונ פערט-קאטעגאָריקער. עס פיבערט דער נייער מינ האנדל — דער גאסנ-האנדל.

קיינ קראָמענ זיינענ נישטאָ. האנדל בא די טויערנ אָדער באם ברעג טראָטואר ציִענ זיכ לאנגע שורעס אָפענע „געשעפטנ” — עס ליגנ איינער לעבנ צווייטנ צעעפנטע טשעמאָדאנעס מיט קאָלערליי סכוירע-אָפפאל. דאָס איז דער „גרויסער” האנדל. די אָרעמע הענדלער לייגנ אויס זייערע סכוירעס אפ פאָשעטע טעקטור, אפ א צייטונג, אפ א ברעטל. מע פארקויפט שאבעסדיקע מעשענע לייכטער, קישנס, שמעלצ, לעפל, גאָפל, א שטיקל ציצ, א פאָר מעטער זייד, כטענגעס, אלטע שיימעס — אלצ איז סכוירע.

מענטשנ פארקויפנ אויס פונ זיכ אלצ, אבי קענענ דורכשלעפנ נאָכ א טאָג [1].

---

1 ארטור ריטער — גהויִעס-איידעס.

די הענדלער שרײַען אויס זייערע סכוירעס, רײַסן די פאַרבײַ־גייער פאַר די פּאָלעס. געציילטע דרייכטע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן פאַר א פּאָר גילדן אײַנגעהאַנדלט בא א דײַטשישן סראָרע א שײַן גרײַנצו־גיין אין געטאָ — פירן מיט די הענדלער אַן אויסטויש — ברענגען קאַרטאָפל, ברויט, גרויפּן און נעמען געניצטע מאַלבושים, קישנס, קדושן־רינגעלעך.

צווישן דער גאַנצער מאַסע גייט אַרום אַן אָפּגעריסענע פרוי מיט א קרוג אויפן אַקסל; זי לויבט איר סכוירע:

— קאַלט וואַסער, פריש וואַסער!

דאָס איז פאַשעטע ווײַסל־וואַסער. אויך דאָס איז א געשעפט. די וואַסער־לייטונג איז קאַליע. פאַר א פּאָר גילדן טרינקט מען זיך אָן מיט פראָסט קאַלט וואַסער.

מיטאַמאָל רײַסט זיך אַרײַן אין דעם געפּילדער א הילכיקע קלינגערײַ. אַלע בלײַבן שטיין פאַרגאַפט, קוקן אויפן בייזוווגנדער, האַגאַז אַלע ווייסן גאַנץ גוט, וואָס דאָס איז, האַגאַם יעדן טאָג כאַזערט זיך איבער דאָס זעלבע.

פון יענער זײַט וועלט פאָרט א רויט־אָפּגעפאַרבטער טראַמווײַ, טראָגט זיך דורך ווי א רועך דורך דער הויפּט־אַרטעריע פון ייִדנ־ראַיאָן און פאַרשווינדט נאָך דעם מוראַנאָווער פּלאַץ.

ייִדן קוקן אויפן טראַמווײַ פונקט ווי דאָרפישע קינדער פאָלגן נאָך מיט זשעדנע בליקן אַן עקספּרעס־צוג, וואָס טראָגט זיך אַוועק אין דער טוידעספולער ווײַטקײַט.

אַפּ א רעגע טרעפן זיך צונויף בליקן — פון פּאָליאַקן, וואָס ווילן שנעל־שנעל פאַרזיגלען אין אייגענעם געדעכעניש דאָס בילד פון דער נײַער עקזאָטיק, בליקן פון שאָדנפרייד און בליקן פון מיטלײַד, — און פון ייִדן, וואָס קוקן מיט גרענעצלאָזער בענקשאַפט אויף דער איינציקער דערמאָנונג וועגן דער פאַרבאָטענער וועלט.

די פּוילישע פאַרבײַפאָרער כאַפּן אויף א מאָדנעם בילד, מאָדנע געשטאַלטן.

וועלנדיק אויסמײַדן דאָס איזדיעקווען זיך פון די אויסוווּרפן, האָבן כסידישע ייִדן אַראָפּגעוואָרפן די שוואַרצע, שמאָלע ספּאָדקעס, אָנגעטאָן היטלען מיט גלאַנציקע קאָזירקעס אָדער ווייכע היט, אָפּגע־שוירן באָרד־און־פּייעס. דאָס איז געווען פּיקועך־נעפעש, אַבי אויס־מײַדן שאַנד, אַבי די באָרד זאָל ניט ווערן אויסגעצופּט דורך כולי־גאַנישע הענט. דאָס איז אויך א סגולע געווען אויף אָנגעבן ייִנגערע יאָרן, קעדיי אויסמײַדן גיירושים, קעדיי צו באַקומען אַרבעט, קעדיי צו מעגן געניסן פון מעדיצינישער הילף.

װעלנדיק אױסמײַדן יױצער-האָרעדיקע בליקן פֿון די רײנע „אריער“, האָבן ײדישע מײדלעך אונטער די קלײדער, בא די אקסלען, ארײַנגעשטופּט קאָלערלײ שמאטעס, אױסגעזוען װי האָרבאטע. נישט אײן װײניק איבערגעשפּיצטער דײַטש האָט געכױזעקט פֿון דער ײדישער ראסע: װיפל קריפּלען, װיפל קאליקעס, װיפל הױקערס [1].

שנעל פֿאָרט פֿארבײַ דער טראמװײַ, שנעל שװימען פֿארבײַ אָנגעשפּיצטע, טשיקאװע בליקן.

די היטלעריסטן האָבן נאָך א געװיסער צײַט צוגערױבט בא די געטאָארעסטאַנטן אױך אָט די אײנציקע איליוזאָרישע פֿארבינדונג מיטן ארומיקן לעבן. זײ האָבן אױסגעלײגט א נײַע פֿארבינדונג-ארטעריע, אױסגעמיטן די געטאָ. אין דעם ײדן-ראיאָן גופֿא האָבן זײ דערלױבט אײַנפֿירן א פֿערד-טראמװײַ, װאָס האָט פֿארײניקט מוראנאָװ מיט לעשנאָ.

װען דער האמױן פֿארלירט פֿונעם אױג די װוּנדערלעכע, הילכיקקלינגענדיקע דערשײַנונג, הײבט זיך װידער אָן דער גאסן-טומל.

פּלוצעם רײַסט זיך איבער דער געפּילדער, עס ברעכט אױס א פּאניק, מענטשן פֿארקלאפּן די טשעמאָדאנעס און נעמען לױפֿן.

— „זעקס! א מײליץ!“

די גאנצע גאס אנטלױפֿט, לױפֿט בארג-אראָפּ, ראטעװעט זיך אין טױערן, פֿארשטעקט זיך אין פֿורװעס.

פֿונדערװײַטן שפּאנט א „מײליץ“ — אײנער פֿון דער ײדישער אָרדענונג-װאך. װײ איז צו דעם, װאָס פֿאלט ארײַן אין זײַנע הענט. אױב ער װעט אָפּקומען מיט קױפֿער-נעפּעש, איז זײַן גליק. אױב ער װעט טרעפֿן אָפּ אזא, װי דער געװעזענער אדװאָקאט נײגראָדסקי, אָדער די „קאָהאָלשע קליאמקע“ לאבענדזש, װעט ער זיך עפּשער קענען אױסדרײען מיט טאכנונים, מיט געלט. אָבער טאָמער כאָלילע שפּאנט לוקסענבורג, דער געװעזענער פּאָטאָגראף, אָט דער פֿארביסענער, פֿארביטערטער, קרענקלעכער פּאסקודניאק, איז דער גורל פֿון דעם שװאכפּיסקן גאסן-הענדלער א געכאסמעטער — ער װעט ארײַנפֿאלן אין פּאװיאק, אין שופּאָ, אָדער, װאָס איז דאָס ערגסטע, אין װאגאָן פֿון גײרעש [2].

די געטאָ-גאס קען נישט בלױז דעם דאלעסדיקן האנדל. זי קען אױך די שױדערלעכע שנאָרערײַ, װאָס איז אינעם ועזערװאט דערגאנגען צו די טרױעריקסטע פֿאָרמען.

1 ראָמאן קאָלאָניעצקי — זיכרױנעס.

2 לױט א פּריװאטן בריװ פֿון ה. דאגער.

א ריזיקער האמוינ קאליקעס, טויב-שטומע, יעסוימימ, האלבע מעטוראָפימ, הימלאָזע, סטאמ בעטלער פליסט גאסנווײַז איבער גאסנ, פילט אָנ די גרויסע הויפנ, ליגט האלב פארכאלעשט פונ הונגער אפנ ברוק, פארנ העקדעש. שטארקער פונ די אויסגעשרייענ פונ די הענדלער זײַנענ די טאכנונימ-רופנ פונ די בעטלער: „ייִדישע קינדער, האָט ראכמאָנעס“... עס שלעפנ זיכ האלב-נאקעטע מענטשנ מיט געשוואָלענע פיס, מיט גייטערדיקע פענעמער, מיט אויסגעכיבערטע גופימ, לעבעדיקע סקעלעטנ. די, וואָס ליגנ אָנ קויכעס אפנ ברוק, שעפטשענ זייערע באקאָשעס אזוי לאנג, ביז עס לעשט זיכ אינ זיי אויס דאָס לעבנ — די מייסימ וואלגערנ זיכ, ביז עס איז זיכ מעראכעמ די כעוורע-קאדישע און ראמט זיי אָפ[1].

די גאס האָט שוינ אופגעהערט צו רעאגירנ אפ די דאָזיקע גרויל-בילדער, פונקט ווי זי האָט זיכ צוגעוווינט צו דער ריזיקער צאָל עפילעפטיקער. די פאליקע איז געוואָרנ איינע פונ די סאמע פארשפרייטע מאכלעס אינ געטאָ.

גליקלעכ איז דער, וואָס האָט זיכ אײַנגעבעטנ באמ שוימער פונ קעהילע-שטיבל אפ עק מוראנאָוו און מילע, און זיכ ארײַנבאקומענ אינ צימער, ווו עס זיצט דאָס פרײַלנ, וואָס דארפ געבנ הילפ, צדאָקע. הונדערט צוואנציק טויזנט אומזיסטע מיטאָגנ גיבנ ארויס טאָג-אײַנ טאָג-אויס די קאָהאָלשע קיכנ. אָבער הונגער-לײַדנדיקע איז דאָ אָנ אנ ערעכ מער, זייער צאָל שטײַגט אריבער א פערטל מיליאָנ[2].

5

הונגער

עסנ! דאָס איז געווענ די ערשטע, גרעסטע און וויכטיקסטע זאָרג פונ געטאָ, פונ דעמ ווײַט גרעסטנ טייל פונ אירע אײַנוווינער. אומברענגענ א גרויסנ טייל ייִדנ דורכ הונגער — דאָס איז געווענ דאָס ערשטע מיטל פונ די דײַטשישע פאשיסטנ אינ קאמפ מיט די איזאָלירטע ייִדנ.

ביז יונ 1941, דאָס הייסט — ביז דעמ אָנפאל פונ די דײַטשישע כאיאָלעס אפ די סאָוועטישע גרענעצנ — האָבנ טיילווײַז געלינדערט די

1 קאָלאָניעצקי.
2 דאָרכנ.

גויט די שפּײַז-פּעקלעך, וואָס פלעגן פון די סאָוועטישע געביטן אָנקומען צו די געטאָ-אײַנוווינער; ביז דעם מאָמענט, ווען אין קריג זײַנען ארײַנגעטראָטן די פאראייניקטע שטאטן, האָט א ביסל דעם הונגער מילדער געמאכט די הילף, וואָס איז געגאנגען דורכן רויטן קרייץ. דורך א שיפרירטן לאָשן, קעדיי אָפּצונארן די פאשיסטישע צענזור, האָבן די הונגעריקע יִדן מודִיע געווען זייערע קרויווים אין אויסלאנד וועגן דעם ריזיקן פארנעם פון דער הונגער־קאטאסטראָפע: „דער פעטער לעכעם איז שוין זינט לאנגע כאדאָשים ניט געווען בא אונדז צוגאסט". „די מומע טאפואך פון גאנץ אדאָמאָ האָט זיך איינגאנגען ארויסגעצויגן פון אונדזער דירע". „כ'האָב שוין פארגעסן, ווי מע מאכט האמויצי און ווען מע זאָגט בוירע מינע מעזוינעס". מענטשן האָבן אין מעשעך פון לאנגע כאדאָשים נישט געשפּירט דעם טאם פון ברויט, נישט געזען קיין קארטאָפל אין די אויגן. די פעקלעך זײַנען געווען די איינציקע דערהאלטונג.

נישט זעלטן האָט א פארברעכערישע האנט פון „ארישן" באאמטן אופגעטרענט די אײַנפּאקונג, ארויסגענומען די פּראָדוקטן, וואָס א וואָרגעוודיקע ברידערלעכע האנט האָט ארײַנגעלייגט, און ארײַנגעשאָטן אהין זאמד. אָנעמען מיטלען קעגן אזא גזילע איז געווען אומעגלעך[1].

די געטאָ האָט אָבער נישט בלויז געוואַרט אף הילף פון אויסן. זי האָט אליין גענומען זאָרגן וועגן שאפן שפּײַז. עס האָט זיך אָנגעהויבן א געהיימע יאגד נאָכן עסן אין דער פארבאָטענער דרויסנדיקער וועלט.

די ערשטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין געיעג נאָך שפּײַז אף יענער זײַט לעבן, אינעם „ארישן" דזשונגל, זײַנען געווען די קינדער.

קינדער, וואָס זײַנען אמאָל געצערטלט און געכאָליעט געווען, קינדער קאפריזנע און איידעלע, קינדער פון אלע שטאנדן, זײַנען געוואָרן שרעקלאָזע יעגער נאָך א קאפּ עסן, עמעסע קעמפער פאר א ביסן ברויט פאר זייערע הונגעריקע מישפּאָכעס.

קינדער איז לײַכטער געווען זיך דורכצוקוועטשן אין דער נעפּלדיקער גרויקייט פון פארטאָג דורך לעכער אין די געטאָ-ווענט, זיך פארטײַען אין פרעמדע מיסטקאסטנס, ווען עס איז דורכגעגאנגען דער שאָרך פון א נאָענטער סאקאָנע.

אין די נעכט האָט מען לעכער געמויערט אין די געטאָ-מויערן,

---

1 „יִדישע צײַטונג" פון 15 פעווראל 1942.

זיי פארשטעלט מיט בלעכן און ברעטער, פארטאָג איז מען ארויס און באַנאַכט האָט מען צוריק געשוואַרצט די גרענעצ.

ווי א וועווערקע שפרינגט דורך דאָס ייִדישע קינד די קריסטלע־כע גאַס, פאלט אריין אין א טויער. דער וועכטער, וואָס פארקערט דעם הויף, דרייט אוועק דעם קאָפּ, מאַכט זיך נישט זעענדיק.

דאָס קינד איז מיט איין שפרונג אָפּ א שטאָק, קלאַפּט אָן אין א טיר און שפרינגט אָפּ צוריק. עס איז אינגאַנצן איין אָנגעצויגענער נערוו, איין צאַפּל, די פיס גרייט צו אַנטלויפן — די סאַקאָנע לויערט פון אַלע זייטן, זי קען קומען פון אויבן, פון העכערן שטאָק, זי קען ארופשפרינגען פון אונטן, פון גאַס, זי קען פּלוצעם ארויספאַלן פון אָט דער באַקאַנטער טיר. עס דראָעט אים א פירפאַכיקער טויט — טויט פאַר אראָפּנעמען דעם באַנד מיטן מאָגן-דאָוויד, טויט פאר דרייען זיך אין פארבאָטענע שטאָנען אין דרויסן, טויט פאר פארלאָזן אָן א רעשוס די געטאָ, טויט פאר בעטלען באַ אַן „אַריער".

עס הערן זיך ווייכע טריט, עס עפנט זיך פאָרזיכטיק די טיר, און א גוטע, ווארעמע האַנט שטעקט ארויס א שטיקל ברויט, א מער, א קארטאָפל. אָפּטמאָל דופט די האַנט דאָס קינד, נעמט עס אריין אינווייניק און גיט אים עפּעס אָפּעסן — דעם אָרעמען עסן פון א פוילישער ארבעטער-פרוי, פון אַן ארבעטסלאָזער פוילישער לערערן.

באַנאַכט ברענגען די מוישעלעך, יאָסעלעך, שלוימעלעך אין די הונגעריקע היימען דאָס „גרויסע געווינס" — א ביסל קארטאָפל-שאָ-לעכץ, א פּאָר כקאָרינקעס ברויט, א ביכל גרויפּן, און די סיבכע איז גרויס, מע פראַוועט די אָוונטיקע סודע.

עס טרעפט אָבער, אַז די גוטהארציקע פרוי אין דער פוילישער גאַס ווארט אומזיסט אפן באַקאַנטן שטילן קלאַפּ אין טיר; עס טרעפט, אַז די הונגעריקע מישפּאָכע הינטער די געטאָ-טויערן קוקט אויס די אויגן, וואָס קענען שוין ניט וויינען, — שלוימעלע איז נישטאָ.

אפּ יענער זייט געטאָ-וואַנט ליגט א קליין קערפּערל, און א דין ריטשקעלע בלוט רינט פון זיין שלייף. א טויט-ברענענדיקע קויל פון א זשאַנדאַר האָט אָפּגעשניטן דאָס קינדערשע לעבן אפּ אייביק [1].

אָבער נישט בלויז די קינדער זיינען געוואָרן די כאַיונע-באַזאָר־גער. בעסוידע-סוידעס האָבן א בונד געשלאָסן די קאַצאָווים און פליישהעקער, די אָקכן־טרייבער און אויפעס-הענדלער. דורך קאָלערליי

1 זיכרוינעס פון מיכאל ווראָבלעווסקי.

וועגן איז אָנגעגאַנגען דער שמוגל פון פלייש. „פראַנקנשטיינס" צי „מוסאָלינים" קויל האָט אוועקגעלייגט אויך דעם יידישן קאַצעוו, וואָס האָט זיך מיט אַ זעקל פלייש אַפּ דער פּלייצע געשלייכט צום טויער.

די פאַשיסטישע קויל האָט געטראָפן אויך אין פּוילישע שמוגלער, וואָס האָבן אונטערן שלייער פון נאַכט געטראָגן שפּייז אין געטאָ.

פלייש פאַר יידן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. פלייש איז אַ מייכל נאָר פאַר דער העכערער ראַסע.

פּונקט ווי לעדערנע שיך מעגן טראָגן נאָר די לייט פון אויסדערוויילטן שטאַם.

פּונקט ווי פון עלעקטרישער ליכט קענען געניסן נאָר „ריינע אַריער". יידן מעגן זיצן בײַ דער טונקעלער שייַן פון אוועדיקע קאַרביד-לעמפּלעך.

מיט קאָל-האַמיטלען האָבן יידן זיך געראַנגלט מיטן הונגער. פון דער טיפעניש פון דער פאָלקס-מאַסע איז געפאַלן דער רוף: פאַרזייען גרינוואַרג-גערטנער אינמיטן געטאָ! דער אוילעם האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם מיטל אויך. עס איז אויסגענוצט געוואָרן יעדער שפּאַן ערד, יעדער גאַנצער באַלקאָן. געווען ערטער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אָאַזיסן אינמיטן פאַרוואָרלאָזטע גאַסן, צעשטערטע דורך דער אַכזאָריעסדיקער באָמבאַרדירונג פון סעפּטעמבער 1939 [1].

דאָס האָט אָבער נישט געקענט שטילן דעם הונגער. דער ריזיקסטער טייל פון געטאָ האָט זיך געפּייניקט, געראַנגלט מיט אָט דעם שווערסטן אָנגריף פון דעם דאַם-סוינע.

* * *

נישט ווייט פון „מאָקעם" ליגט אַ שמאָל, געדרייט געסל, וואָס טראָגט דעם נאָמען קאָזשליע — פון וואָרט קאָזשיעל, אַ באָק. דאָ איז, אפשר, מיט יאָרן צוריק געווען דער מאַרק פון באָקן ציגן, שעפסן. דערנאָך איז דאָ געווען דאָס שטיי-אָרט פון אויפעס- און פעדערנהענדלערס, פון גענדזלערנס. דאָס געסל איז טאָמיד געשטאַנען אין אַ נעפּל פון פעדערן, אין אומופהערלעכן געשריי פון פאַרקויפער.

איצט איז דאָס קאָזשליע-געסל געוואָרן דער גרענעץ-פּאַס צווישן דעם יידן-ראַיאָן און אַלט-שטאָט, וואָס איז געבליבן „ריין-אַריש". און ווי יעדער גרענעץ-פּאַס איז אויך דאָס קאָזשליע-געסל געוואָרן אַ געביט פון שמוגל, פון קאָנטראַבאַנדע.

1 זעט די פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן פון נ. קאָנטאָראָוויטש.

נײַע „קאָנטראַבאַנדיסטן“ זײַנען אויפגעקומען — ייִדן קאַצאָווים, קינדער, און פון דער צווייטער זײַט — די קריסטלעכע אײַנוווינער פון אַלט-שטאָט. צוזאַמען מיט די נײַע „קאָנטראַבאַנדיסטן“ זײַנען אויפגעקומען נײַע אויפּאַנים און נײַע קעגנשטאַנדן פון „קאָנטראַבאַנדע“. צום ערשטן מאָל עפּשער אין דער געשיכטע פון גרענעץ-פּאַסן איז דער אַרטיקל פון קאָנטראַבאַנדע געוואָרן... מילך, פּאַשעטע מילך פון קײשע אײַטערס.

עס שטייען פון ביידע זײַטן געטאָ-מויער שמוגלער-וואַכן. לעבן א רינווע שטייט א ייִדענע מיט א גרויסן קאַן. פון דער רינווע שטראָמט... מילך.

אַף יענער זײַט פון דער רינווע-עפענונג האָט אַרופגעקלעטערט א פּוילישער שמוגלער, און ער גיסט אין דעם קײַלעכדיקן בלעך מילך, און די מילך שטראָמט אַריבער אַף דער ייִדישער זײַט.

— זעקס! — שרײַט אויס די וואַך. — עס גייט א מענטע[1]!

די שמוגלערס ווערן נעלעם. די רינווע בלײַבט א געוויינלעכע רינווע, דער שוימער באַמערקט גאָרנישט.

ווי איז אָבער צו דעם שמוגלער, וואָס איז ווייניקער געשולט און ווינציק געשיקט. ער בלײַבט ליגן מיט א צעשפּאָלטענעם שאַרבן אַפן ברוק, האַרט בא דער געטאָ-וואַנט.

די קאָזשליע-גאַס האָט נאָך א סאַך סוידעס און געהײמנישן. נישט זעלטן צעעפנט זיך דער טויער, און דורך דער גרויסער פּלוצעמדיקער לאָך שפּאַנט אַדורך א לעבעדיקער אָקס, א לעבעדיקע מאַלעגיירעדיקע קו. איצט וועט די געטאָ האָבן א פּיצל פליישׂ אַף א באָווינע.

עס טרעפט אויך, אַז די קו בלײַבט ליגן אין א קאַליוזשע בלוט, און לעבן איר פאַלט אַוועק דער דרייסטער מעסירעסנעפעשדיקער שמוגלער. עס מישט זיך אויס בלוט פון בעהיימע מיטן בלוט פון מענטש[2].

טאָג-טעגלעך פאַלן אַף קאָזשליע-גאַס אומשולדיקע קאָרבאָנעס. אָבער דאָס שטעלט נישט אָפּ די שפּײַזער פון געטאָ פון זייער מעסירעסנעפעש.

פונקט אַזוי שרעקן נישט אָפּ די גזיירעס, רעדיפעס, מעסירעס און טפיסע. די צענדליקער טויזנטער ייִדישע באַלמעלאָכעס, וועלכע

2 „מענטע“ — אַפן וואַרשעווער זשאַרגאָן באַטײַט עס א פּאָליציאַנט.

1 נאָעמי ווײַנקראַנצ-שאַצ — גזיעס-איידעס.

באדעקן די געטאָ מיט א נעצ אומלעגאלע ווארשטאטן און פאבריקלעך פון זאָקן, פון צוקערלעך, פון בראנפן, פון לאטשן, וועלכע פארבײַטן שיך. דער סוינע האָט דאָס צווייפאכיק פארבאָטן — אי ווײַל ײדן טאָרן פון די „לוקסוס"-ארטיקלען ניט גענױסן, אי ווײַל אפ זיי זײַנען כאל ריזיקע שטײַערן. די ײדישע באלמעלאָכעס דרייען זיך מיט קאָל-האמינים מיטלען ארויס פון צאָלן שטײַערן דער פארהאסטער אָקופיר-מאכט. דער גרעסטער טײל פון דער ײדישער מעלאָכע איז אזיארום געוואָרן אומלעגאל.

* * *

כוץ דעם הונגער האָבן די פאשיסטן נאָך איין שטורעם-אָנגריף צוגעלאָזט אפ דעם אָפגעצוימטן ײדישן קיבעץ — מאגייפעס. דורך נישט צולאָזן קיין מעדיצינישע הילף, דורך צורויבן די שפיטאָל-אײַנריכטונגען — די אפטייקן, היגיענישע באדינגונגען — פארקלענערן די צאָל ײדן ביז א מינימום.

זקײנים און קליינע קינדער האָט דער ײדישער דאָקטער ביכלאל נישט געטאָרט געבן קיין הילף.

די געטאָ איז ארויס אין קאמף מיט דער פלאָג פון מאגייפעס, מיט די צעהוליעטע עפידעמיעס פון בויך- און פלעק-טיפוס, מיט דער מוירעדיק זיך שפרייטנדיקער טובערקוליאָז-מאכלע, מיט קאָלערליי גאנגרענעס, דיזענטעריעס, מויעכ-אָנצינדונגען.

בעסוידע-סוידעס פארן אכזאָריעסדיקן אָקופאנט און זײַנע אגענטן האָבן זיך פארייניקט די ײדישע מעדיקער — דאָקטוירים, בארעמהארציקע שוועסטער, פארמאצעווטן, כעמיקער, ביאָלאָגן. זייערע אָנפירער זײַנען געווען די אלטע ײדישע דאָקטוירים און געזעלשאפטלעכע טוער מילייקאָווסקי און לייפונער, מענטשן פאָלקסטימלעכע, מעסירעס-נעפעשדיק דרייכטע.

עס האָבן געארבעט לאבאָראטאָריעס — קיינער האָט זיי נישט געזען. עס האָט זיך אנטוויקלט א היפשע רעפועס-פראָדוקציע — קיינער האָט נישט געוווּסט, פונוואנען זי קומט. עס זײַנען געבוירן געוואָרן נײַע הייל-דערפינדונגען — צווישן די הויכע געטאָ-ווענט, וואָס האָבן אָפגעשניט: דעם פאָרשערישן געדאנק פון דער וועלט, פון זײַנע נײַסן און דערפינדונגען [1].

---

1 ײסראָעל פאָפאָווער — זיכרוינעס.

דעם מאגייפע-אָנגריף פון די היטלערישע מערדער האָט די געטאָ אויסגעהאלטן. די געטאָ איז אָפּגעגאנגען מיט בלוט, אָבער די אינערלעכע מאָביליזאציע פון אלע האצאָלע-קויכעס האָט דערווײַל געראטעוועט דאָס ראָוו מענטשן פון אומקום.

6

די הענקער

די „פראנקנשטיינס" און „מוסאָליניס", די אָפיצערן, סאָלדאטן און באאמטע פון די פאָסטנס, וואָס האָבן ארומגערינגלט די געטאָ, די עסעס און עסדע, די שופאָ און קריפאָ, די אלטע פוילישע פאָליציי און דער ערעווראוו פון די געהילפ-באנדעס זײַנען געווען די דירעקטע פײַניקער פון די יידן. ווײַט פון געטאָ, אין די שענסטע ראיאָנען פון די „ארישע" שטאָט-טיילן, אין עלעגאנט אויסגעפוצטע קאבינעטן זײַנען געזעסן די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די גזיירעס, וואָס האָבן נישט געפײַניקט און נישט געמאָרדעט מיט די אייגענע הענט, נאָר דורך א טעלעפאָן-קלונג, מיט א פעדער-שטריך.

צווישן די צוויי שענסטע פלעצער פון דער הויפטשטאָט, צווישן דעם טעאטער-פלאץ און דעם זאקסישן פלאץ, האָט א פוילישער מאגנאט פון זאקסישן אָפשטאם אין אכצנטן יאָרהונדערט אויסגעבויט א פאלאץ, וועלכער טראָגט אדהאיאָם דעם נאָמען פון זײַן ערשטן באלעבאָס — בריל-פאלאץ. דאָ איז געווען די רעזידענץ פון דעם טרויעריק-בארימטן אויסערן-מיניסטער יוזעף בעק; אין די פרעכטיקע זאלן פון דעם פאלאץ האָט בעק געוועבט זײַנע אינטערנאציאָנאלע אינטריגעס, דאָ האָט ער אופגענומען די שלוכים פון בערלין, דאָ האָט ער פארשאכערט פוילן.

אין דעם בריל-פאלאץ האָט זיך באזעצט דער נײַער מעכטיקער הערשער פון ווארשעווער דיסטריקט — דער גובערנאטאָר לודוויג פישער.

שוין אין דעם אויסערלעכן אויסזען פון אָט דעם אויבער-באנדיט האָט געשטעקט עפעס טײַוולשעס. בלינד אפן לינקן אויג און לאָם אפן רעכטן פוס, וואָלט דער דאָזיקער הויכער היטלערישער סראָרע אפ דער בינע אויסגעזען ווי אן עמעסער קונילעמל. דאָס אויג האָט אים אויסגעהאקט א קויל פון א פוילישן פאָלק-נעקאָמענעמער. א באלמום אפן פוס איז ער געווען פון געבוירן, האָט ער זיך נויקעם געווען אין די שוואכע און שוצלאָזע סײַ פאר דער נעקאָמע פונעם אונטער-

יאָכטנ פאָלק סײַ פאר דעמ קונצ, וואָס עס האָט אָפגעטאָנ די נאַטור.

לודוויג פישער איז געווענ אי פאלש אי ציניש-ברוטאל. זײַנ וועגווײַזער איז געווענ דער אלקאָראנ פונ היטלעריזמ — „מײַנ קאמפ". זײַנ דעוויז איז געווענ דער פאָסעק פונ אָט דעמ הייליקנ בוכ: „וואָס גרעסער דער ליגנ, אלצ גיכער ווערלנ אימ די מענטשנ גלייבנ".

אינעמ ליגנ האָט זיכ דער גובערנאטאָר געהאלטנ אזוי לאנג, ווי לאנג עס האָט זיכ געלאָזט אײַנוויגנ די יידנ אינ פארשיידענע אײַנ-ריידענישנ אונ באָבע-מײַסעס. ווענ דער שעקער איז געבליבנ שטיינ נאקעט-הויל, האָט פישער אויסגעזאָגט דעמ עמעס: „פונ דער יידנ-פראגע וועט בלײַבנ ניט מער ווי א בעסוילעמ". דאָס זײַנעג זײַנע אאוטענטישע ווערטער. די ווערטער זײַנענ געווענ א וועגווײַזער פאר אלע באנדיטנ פונ עסעס אונ עסדע, פונ שופאָ אונ קריפאָ.

פישערס פינפיאָריקע הערשונג איבער ווארשע איז איינ לאנגע קייט פונ דערנידעריקונג, רויב, אויסראָטונג אונ מאָרד איבער פאָ-ליאקנ אונ יידנ. אינ זײַנ עלעגאנטנ ארבעטס-צימער, אינ אבאָליקנ קאבינעט פונ יוזעפ בעק זײַנענ דעטאל מיט אלע איינצלהײַטנ אויס-געארבעט געוואָרנ די אויספיר-פאראָרדענונגענ פונ דעמ פלאנ צו ליקווידירנ פיזיש די יידנ, פונ דעמ פלאנ, וואָס זײַנע דירעקטע שעפער זײַנענ געווענ היטלער, הימלער, קייטעל אונ ריבענטראָפ.

פישער אליינ איז געווענ א קנאפער לאמדנ. האָט ער זיכ צו-געפאסט א פארטרעטער, וואָס איז געווענ געלערנט פאר ביידנ. דאָס איז געווענ דער וויצע-גובערנאטאָר „דאָקטאָר" הערבערט הימעל. אויכ די איידעלע הענט פונ דעמ דאָזיקנ „דאָקטאָר" זײַנענ באפלעקט מיט בלוט פונ אומשולדיקע מענטשנ.

נאָכ מער גרויזאמ פונעמ בריל-פאלאצ איז געווענ די פרעכטיקע געבײַדע אינ דעמ סאמע אריסטאָקראטישנ ראיאָנ פונ דער הויפטשטאָט, אינ דער שוכא-אלייע נומער 23, ניט ווײַט פונ יערוזאלימער אונ אויאזדאָווער אלייענ — די געבײַדע, וווּ עס האָט זיכ באזעצט די גע-היימע שטאטס-פאָליציי, די געסטאפאָ.

דאָ איז געזעסנ דער סאמע ראפינירטער פײַנט פונ דער געטאָ, דער פײַנט, וואָס האָט נישט געוואָלט וויסנ פונ קיינ שום האלבע מיטלענ.

פונ דעמ פאלאצ אפ דער שוכא-אלייע צו דער געריכטס-געבײַדע אפ לעשנאָ-גאס, וווּ עס איז געזעסנ דער געסטאפאָ-אָכטייל ספעציעל פאר יידישע אינייאָנים, זײַנענ קעסיידער געפלאָסנ אָנווײַזונגענ אונ באפעלנ; יעדער באפעל איז געווענ נאָכ איינ קלאפ איבער די יידנ. אונ פונ

לעשנאָ זײַנענ צו דער שוכא-אלייע געגאנגענ יעדע שאָ, יעדנ טאָג ראפאָרטנ — אזויפיל דערהארגעטע, אזויפיל דעפאָרטירטע, ארעסטירטע, פונ הינגער אויסגעגאנגענע.

אינ דעם פאלאצ אפ שוכא-אלייע איז געזעסנ פריצ קוטשערא; זײַנ פולער טיטל איז געווענ: „גענעראל-מאיאָר דער פאָליצײַ אונד עסעס דיסטריקט ווארשוי". ער איז נאָכ געווענ יונג, סאכאקל דרײַ אונ דרײַסיק יאָר אלט, א טיפישער דײַטשישער וואָלפ, וואָס האָט געזויגנ די סאמיקע מילכ פונ די אלטע היטלעריסטישע וואָלפיכעס.

זײַנ אויסשולונג האָט ער דורכגעמאכט אינ דאכאו אונ אָריאנענבורג. איבער כמאָרים צום טויט-פארפײַניקטע מענטשנ איז ער געשטיגנ אלצ העכער. פריצ איז געווענ דעם עסעס-רײַכספירער הימלערס ליבלינג. עס איז שטארק געפעלנ געווענ דעם אויבערטאליענ דער פרעכער יונגאטש, וואָס האָט געקענט איינ שפראכ — די שפראכ פונ פײַניקנ, פונ שיסנ, פונ סמענ.

נישט לאנג האָט דער דאָזיקער יונגער עסעס-גענעראל געוועלטיקט איבער ווארשע. א געהיימע באָמבע האָט אפ שטיקער צעריסנ זײַנ קערפער, א סאָפ געמאכט צו דער עקזיסטענצ פונ אָט דער כײַע-ראָע אינ מענטשלעכער געשטאלט.

אינ דער געריכטס-געבײַדע אפ לעשנאָ האָט אמטירט קוטשעראס געהילפ — דער עסעס-פירער שינ. ער האָט זיכ ספעציאליזירט אינ דער יידנ-פראגע. ער איז געווענ קוטשעראס טרײַער הונט בײַ די טויערנ פונ געטאָ. ער איז געווענ קוטשעראס בלוטיקער אָרעמ.

אינ דעם ראָטהויז אפנ טעאטער-פלאצ פונקט אנטקעגנ איבער דער אָפערע, וואָס איז געלעגנ אינ די כורוועס, איז געזעסנ דער פינפטער פונ דער אָנפירנדיקער מערדער-באנדע — דער בירגערמײַסטער פונ דער שטאָט „דאָקטאָר" לייסט. ער איז געווענ דער מעכאבער פונ קאָלערליי פלענער, ווי אויסצואָמפענ דאָס יידישע האָב-אונ-גוטס אפ א „געזעצלעכנ", „פרידלעכנ" אויפנ. אלס „טאטע פונ דער שטאָט" האָט לייסט געזאָרגט, די דײַטשישע נײַע טוישוים, די אָנגעפאָרענע פונ מײַרעוו, זאָלנ האָבנ וואָס מער ווינ-שטעכ, זאָלנ זיכ אײַנשאפנ פײַנע אײַנאָרדענונג, מעבל, בעטגעוואנט. דער בירגערמײַסטער האָט קעסיידער פאראָרדנט צו פארקלענערנ דעם שטעטעכ פונ דער געטאָ, אויסצושנײַדנ גאנצע גאסנ לעטויוועס דעם באוויצ פונ די העכער-ראסיקע רויבער. די יידנ האָבנ געמוזט לאָזנ די וווינונגענ אָפנ, נישט רירנ דאָס מעבל, דאָס בעטגעוואנט, די טײַערע בילדער, די

פּאָרטעפּיאַנעס. לייכט האָט געפּײַניקט די געטאָ מיט הונגער, געגאַנוועט שפּײַז-טראַנספּאָרטנ און געוואָרפנ די שולד אָפּ די ייִדנ, צינישפונ זיי געכויזעקט, באַרויבט און געשלאָגנ.

די גאַלערייע פונ די הויפּט-טאַליאָנים פונ די וואַרשעווער ייִדנ, די גאַלערייע פונ די פּײַניקער פונ זער וואַרשעווער באַפעלקערונג בכלל איז געווענ א פאַרשיידנאַרטיקע. לעבנ דעמ דערצויגלינג פונ היטלעריזמ פריצ קוטשערא — דער אַלטער ייִדנ-פרעסער דר. שטיינפּורט, וואָס איז אינ געוויסע קרײַזנ באַקאַנט געווענ ווי א סוינע-ייִסראָעל נאָכ לאַנג פאַרנ אויפקומ פונעמ דײַטשישנ פאַשיזמ.

דר. שטיינפּורטנ האָבנ די מאַכט-האָבער אַרױפגעבראַכט קייג וואַרשע אַלס דעמ „געלערנטנ יודאָפאָב". די היטלעריסטישע פרעסע איז פול געווענ מיט אַרטיקלענ פונ אָט דעמ „ייִדנ-קענער". שטיינפּורט האָט געטאָנ, וואָס ער האָט געקענט — ער האָט אויפגעמישט די אַלטע מײַסעס וועגנ די „זיקנע-ציונ"[1]. ער האָט באַשריבנ, ווי ייִדנ קוילענ קריסטלעכע קינדער און נעמענ זייער בלוט אָפּ מאַצעס, ער האָט געשילדערט דעמ „אַליודאַ" ווי דעמ אַמעדאַישנ סינטעז פונ באָלשעוויזמ און פּלוטאָקראַטיע, ער האָט געפּײַערט קעגנ אַלטנ, גרויזאַמענ יעהאָווא און געפאָדערט, מע זאָל אימ פאַרטרײַבנ אינ זײַנ אַלטער רו — אינ מידבער.

לעבנ דעמ פּראָסטאַקישנ בערנאַז, וואָס האָט אָנגעפירט מיטנ „אַרבעטס-אַמט" און האָט פאַרפּײַניקט טויזנטער ייִדנ מיט אומענטשלעכער אַרבעט, האָט זיך איבער דער געטאָ איזדיעקעוועט דער אַריסטאָקראַט פאָנ דעניץ, אַנ אַלטער יונקער פונ מיזרעכ-פּרײַסנ, וועלכער האָט זיך נישט געשיידט מיטנ מאָנאָקל — איז געווענ אויבערפרעזידענט פונ דער פּאָליציי אינעמ וואַרשעווער דיסטריקט. ביידע צוזאַמענ — דער פּראָסטאַק בערנאַז און דער אַריסטאָקראַט פאָנ דעניץ — האָבנ אײַנגעאָרדנט און דורכגעפירט די מאַסנ-שכיטעס, די איבערפאַלנ און אָבלאַוועס, פאַרוואַנדלענדיק דאָס לעבנ פונ די געטאָ-אַרעסטאַנטנ אינ א קעסיידערדיקנ גיהענעמ.

דאָס צעטל פונ די דאָזיקע הויפּט-פאַרברעכער שעפּט זיך נישט אויס מיט די עטלעכע נעמענ. נישט בעסער פונ זיי זײַנענ געווענ דער קאָמיסאַר איבער דעפּאָרטאַציע זייפערט, דער נײַער געסטאַפּאָ-

---

1 אַנ אַלטער בילבל פונ די „אידעאָלאָגנ" פונ אַנטיסעמיטיזמ, אַז עס איז פאַראַנ א פאַרשווערונג פונ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ ייִדנטומ צו באַהערשנ די וועלט.

שעפ, וואָס האָט פאַרביטן קוטשעראַן — מיכעלסאָן, די געסטאַפּאָ-באַ-
אַמטע פאַר ייִדישע איניאַנים העפלע און מענדע, פּישערס פאַרטרעטער
דער געטאָ-קאָמיסאַר אויסערוואַלד. פּונקט ווי זייערע בלוטיקע פאַכ-
קאָלעגן פון אַלע געביטן — אַלע האָבן זיי זיך געבאָדן אין ייִדיש
בלוט, אַלע האָבן זיי געפּײַניקט און געשענדט אויך דאָס פּוילישע
פאָלק, פאַרשוועכט דעם באַגריף מענטש[1].

7

דאָס „דרײַצנטל״

די ערשטע צײַט האָבן דײַטשן זעלטן-ווען זיך באַוויזן אין געטאָ.
די באַנדיטן פון עסעס און די כוליגאַנעס פון דער געהילפס-פּאָליציי
פּלעגן פון צײַט צו צײַט זיך אַראָפּכאַפּן אַפ גאַסטראָלן — יעדער גאַס-
טראָל האָט געקאָסט דער געטאָ הונדערטער לעבנס און גרויסע אויס-
קויפ-געלט. אינמיטן העלן טאָג האָבן געקענט זיך אַרײַנרײַסן אין די
גאַסן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין פאַרטרויערדיקן געפילדער, פּאָלי-
צייִשע אויטאָס; עס זײַנען פון די מאַשינעס אַרויסגעשפּרונגען „אַרי-
שע״ יונגאַטשן, געשפּאַנט אַ כאַאָטישע שיסערײַ, אָפּגעצוימט קוואַרטאַלן,
געכאַפּט קינד-און-קייט, זיך אַרײַנגעריסן אין הײַזער, צוגענומען האָב-
און-גוטס און אַוועק. און עס איז ווידער אַ געוויסע צײַט שטיל גע-
ווען. גאַנצע טעג זײַנען אַדורך, און דער ייִד אין געטאָ האָט קיין
דײַטש פאַר די אויגן נישט געזען. אָבער די געסטאַפּאָ האָט איר אויג
אין געטאָ שטענדיק געהאַט — דאָס זײַנען געווען די עטלעכע מענוו-
וואָלים, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צום בלוטיקן אונטערדריקער.

די צאָל דירעקטע געסטאַפּאָ-אַגענטן אין געטאָ גופא איז געווען
אַ נישטיקע. די געטאָ האָט די דאָזיקע דירעקטע דינער פונעם סוינע גע-
רופן — „דאָס דרײַצנטל״ [2] (דער דאָזיקער צונאָמען האָט זיך גענומען
פון דעם, וואָס די דאָזיקע מענוווואָלים האָבן זייער לאָקאַל געהאַט אַפ
לעשנאָ-גאַס, נומער 13). אָבער אָט די נישטיקע צאָל אויסוואורפן האָט אָנגע-
טאָן די ייִדן אָן אַ שיר צאָרעס. דורך זיי האָט די געסטאַפּאָ נישט בלויז גע-
שטרעבט צו גאַנגרעניזירן דעם ייִדישן קיבעץ; אַדאַנק דעם דרײַצנטל

1 לויט די באַריכטן פון אונטערערדישן פּוילן.

2 ריווקע פּעקער — גוויִעס-איידעס.

האָט מען אין דער געריכטס-געבײַדע אַף לעשנאָ און אין דעם פּאַלאַץ אַף דער שוכאַ-אַלייע געוווּסט וועגן אַ סאַך פּלענער, וואָס די געטאָ האָט געוועבט אין איר דראַנג צו זעלבשוץ, צו ראַטונג, צו אײַנהאַלטן דעם אייגענעם קיום.

צום דרײַצנטל האָט געהערט אַ יונג מיידל — אירענע מאַן. דאָס איז געווען אַ שיינע, עלעגאַנטע פֿרײַלן, אַ קאַבאַרע-טענצערן. די לוסט צו טײַערע צירונגען און ברייטן אַרט לעבן האָט זי אַרײַנגעשטויסן אין די אָרעמס פֿון די געסטאַפּאָ-לײַט. אַן אויסגעלאַסענע פֿון פֿריִער נאָך, האָט זי אָן שום אינערלעכן אומרו געטאָן אַלץ, וואָס די באַלעבאַטים האָבן פֿאַרלאַנגט. זי האָט זיך לעכאַטכילע ספּעציאַליזירט אין אויסשמעקן ייִדישע מענער און פֿרויען, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען אַף דער אַרישער זײַט, זיך אײַנגעקויפֿט קריסטלעכע דאָקומענטן און געפֿירט אַ פֿײַנפֿול אומרויִק לעבן פֿון אַ געפּלאָגטער כײַע[1]. די קאַבאַרע-טענצערן האָט געטרוימט צו ווערן אַ נײַע מאַטאַ-האַרי[2]. דערווײַל האָט זי אירע שפּיאָנישע פֿייִקײַטן אויסגענוצט איבער די אומגליקלעכע נײַע „מאַראַנען", זיך באַפֿרײַנדעט מיט געטרויִדעפּטע ייִדן, וואָס האָבן געזוכט שוץ און ראַטונג, און דערנאָך זיי אַרויסגעגעבן.

נישט קיין פּאָנעם-כאַדאָשעס איז אין געטאָ געווען דאָס פּאָרפֿאָלק לייקין. עטלעכע יאָר צײַט פֿאַר דער מילכאָמע האָט די פּוילישע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אַרײַנגעזעצט אין דעם ייִדישן קעהילע-אַמט אַ בוכהאַלטער אַ געוויסן לייקין, דער דאָזיקער מאַן האָט אינגיכן אַרײַנגערוקט אַף אַ פּאָסטן אויך זײַן פֿרוי. דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען פּילסודסקיס יאָרשים האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אַף פּאַשיזירן דאָס גאַנצע עפֿנטלעכע לעבן אין לאַנד. זיי האָבן אייגענע מענטשן אַרײַנגעזעצט אויך אין דער ייִדישער קעהילע. דאָס פּאָרפֿאָלק לייקין איז אינגיכן געוואָרן דאָס געשפּענסט פֿון די קעהילע-באַאַמטע. די לייקינס זײַנען געווען שטרײַקברעכער, מאָסרים, פּראָוואָקאַטאָרן, שאַנטאַזשיסטן, טרײַע דינער פֿון דער דעפֿענזיווע. אין געטאָ האָבן זיי נאָר געטוישט די באַלעבאַטים — די אַרבעט זייערע איז געבליבן די זעלבע. דער וועג פֿון דעפֿענזיווע אין געסטאַפּאָ אַרײַן איז געווען אַ גלײַכער[3].

---

1 בעלאַ ווײַסבערג — זיכרוינעס.

2 מאַטאַ-האַרי — אַ באַרימטע שפּיאָנקע פֿון די צײַטן פֿון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע.

3 ריווקע פּעקער.

דעם דאָזיקן וועג האָבן דורכגעמאַכט אויך די עפּיקעס ערליך און נוס [1].

צום דריַיצנטל האָט מען אויך צוגערעכנט דעם מעשומעד יוזעף שעריינסקי. פאַר דער דיַיטשישער אינוואַזיע האָט ער געדינט אין דער פּוילישער פּאָליציי. ער האָט געדינט טריַי און זיך דערדינט צו א הויכן אמט — ער איז געוואָרן א פּאָליציי־קאָמיסאַר; זעלטנווען א ייִד, אפילע א מעשומעד, איז זוכע געווען אזא פּאָסטן. ווען די דיַיטשן זיַינען אריַין אין וואַרשע, האָבן זיי די געוועזענע פּאָליציי־אָפיצערן געמאַכט א פאָרשלאָג: שטעלן זיך צום דינסט פון דער נייַער מאַכט. דעם ערשטן ביַישפּיל האָט געוויזן דער טרויעריק־באַריִמטער שעף פון דער דעפּענזיווע, דער פּאָליציי־קאָמיסאַר פּאָגאָזשעלסקי. זיַין ספּעציאַליטעט איז פון אייביק אָן געווען קאַמף מיטן קאָמוניזם. האָט ער איצינד באַקומען א בעגלעכקיַיט צו פאָרזעצן אָפ א פיל ברייטערן אופן דעם קאַמף. געווען זיַינען אָבער אויך אזעלכע, עמעס נישט קיין סאך, וואָס עס האָט זיי פּאָשעט געשראָקן צו דינען דער געסטאַפּאָ. די לעצטע האָט מען פאַרשפּאַרט אין פּאַוויאַק. צווישן די פאַרשפּאַרטע איז אויך געווען שעריינסקי.

די טפיסע האָט אפּאָנעם געהאַט די געהעריקע ווירקונג. שעריינסקי האָט כאַראָטע געקריגן אָפ זיַין מאָמענטאַלער „שוואַכקיַיט". ער האָט זיך איַינגעשפּאַנט אין דעם נייַעם רעַטוואָגן. ער האָט באַקומען א וואַזשנע באַשטימונג — ער איז געוואָרן קאָמענדאַנט פון דער אינערלעכער געטאָ־פּאָליציי, דער ראָש פון דער „ייִדישער אָרדנונגס־וואַכ". שעריינסקיס גוהיפּ איז געווען שמעלינג, וועלכער האָט פּונקט ווי זיַין שעף געטאָן אלץ, וואָס די דיַיטשישע באַלעבאַטים האָבן געהייסן [2].

א פּאָנעם־כאַדאָשעס איז אין געטאָ געווען הענדעל — א ייִד, וואָס איז געקומען פון לאָדזש און וואָס האָט זיך אין א קורצער ציַיט קוינע־שעם געווען ווי איינער פון די געפעורלעכסטע שאַנטאַזשיסטן [3].

דאָס דריַיצנטל איז ווי א וואַמפּיר געזעסן אָפן לעבעדיקן אָרגאַניזם פון דער געטאָ, געטרונקען איר בלוט, גאַנגרעניזירט איר גוף. פּראָוואָקאַציעס, מעסירעס, שאַנטאַזשן, אויסליפערונג פון טויזנטער מענער און פרויען אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ — דאָס איז געווען די

---

1 קריסטינא קאָוואַלסקאַ — גוהיִעס־איידעס.

2 וויַינקראַנץ־שאַץ.

3 קעדריק־שטשערבינסקי.

טאָג-טעגלעכע אוודע פונעם דרײַצנטל. און איבער אירענע מאַן און דעם פאָרפאָלק לייקין, איבער שערײַנסקי און הענדעל איז ווי דאָס סאמע שרעקלעכע געשפענכט געלעגן אפן „ייִדן-רעזערוואַט" דער סאמע עקלדיקער און כאמע געפערלעכער, דער אָנפירער פונעם דרײַצנטל — דער געסטאפאָ-אגענט גאנדזווייכ[1].

די געסטאָ האָט מיט אלע פיבערן פון איר צעוויטעקטן גײַסט געהאסט דאָס דרײַצנטל און אלע די, וואָס האָבן זיך געדרייט ארום אים, אלע די, וואָס האָבן די שפיקעס געכאנפעט און געהאָלפן. די געסטאפאָ-אגענטן זײַנען געלעגן אין א פאקטישן כיידעם, זיי זײַנען ארומגערינגלט געווען מיט פאראכטונג און כינע.

8

טראגישע אילוזיעס און פארעטער

דער טאָג פון 22-טן סעפטיאבער 1939 וועט קיינמאָל נישט פארווישט ווערן אינעם זיקאָרן פון די, וואָס זײַנען נאָך יאָרן פײַן און וואָגלענישן געבליבן ווי די שיריס-האפלייטע פון פוילנס הויפטשטאָט ווארשע. דעם טאָג זײַנען די דײַטשישע ארמייען מיט א פאראד-מארש, אונטער קלאנגען פון שלאכט-מוזיק, ארײַן אין די אויסגעשטאָרבענע גאסן, ארײַן ווי זיגער.

ווי אוויליז, ווי שאָטנס האָבן זיך דורך געסלעך געשלײַכט ייִדישע קולטור-טוער, שרײַבער, ארטיכטן, אסקאָנים. אפ א רעגע זיך אָפגעשטעלט, אומרויִק ארומקוקנדיק זיך אין די זײַטן, אפ איין פוס א שמועס געכאפט מיט א כאווער; איין פראגע האָט געשוועבט אפ אלע פון נישט דערעסן אויסגעבלייכטע ליפן: וועג גייכטו אוועק? וועג לויפכטו אפ מיזרעכ?

מענטשן האָבן געלאָזט אלט-געזעסענע היימען, באקוועמע בעטן, בעמעשעכ פון יאָרן געזאמלטע ביבליאָטעקן, און זײַנען געלאָפן צו דער פון טויט אויסלייזנדיקער גרענעץ, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו זיי.

פון איין גרופקע צו דער צווייטער איז געגאנגען א הויכ-וואקסיקער, אויסגעכאָליעטער, פײַן-מאנירלעכער מאן; עס האָט זיך אין די אויגן געוואָרפן זײַן באהערשטקײַט, רויִקײַט, פראָטעקטאָרישער טאָן,

1 ריווקע פעקער.

וואָס איז געווענ אינ שרײַבער סטירע צו דער דענערווירונג, שטימגעדעמפטקײַט, אומגעדולדיקײַט אונ אָפגעלאָזנקײַט פונ די ארומיקע. ער האָט אויסגעדריקט זײַנ כידעש, וואָס די קאָלעגנ אײַלנ אזוי אוועקצוואַרפנ אלצ אונ אלעמ. אקטיאָרנ, קולטור-בויער דארפנ — לויט זײַנ מיינונג — בלײַבנ אפנ אָרט; עס וועט טאקע זײַנ שווערלעכ באמ דײַטש, דערפאר וועט זיכ צעבליִענ מער ווי טאָמיד די נאציאָנאלע ייִדישע קולטור, עס וועט זײַנ ייִדישער טעאטער, ייִדישע קונסט.

דר. מיכאל ווײַכערט איז נישט געווענ קײנ פאָנעמ-כאדאָשעס אינ דער ייִדישע קולטור-וועלט אינ פוילנ. אנ אײראָפעיִש-געבילדעטער מענטש, א פראָפעסאָר פונ דײַטש, א טעאטראָלאָג אונ רעזשיסער, אנ אדוואָקאט — א מענטש מיט א פאָזיציע, מיט א שטימ אינ דער געזעלשאפט.

צוויי פונקטנ זײַנענ אינ זײַנ ביִאָגראפיע געווענ, וואָס האָבנ געקענט אינ אזא ביטערער צײַט אימ פארעכנט ווערנ באמ אָקופאנט לעקאפ-זכוס.

מיט יאָרנ צוריק, ווענ ער האָט שטודירט יוריספרודענצ אינ בערלינ, האָט ער אינ אוניווערסיטעט א קאָלעגע געהאט; האנס פראנק האָט דער קאָלעגע געהייסנ. דער פײַקער ווײַכערט האָט ארײַנגעקנעלט מיט זײַנ טעמפ-מויעכדיקנ באנק-שאָכנ, אונ יענער האָט טאקע דעמ ייִדנ די טויווע נישט פארגעסנ. מיכאל ווײַכערט איז אוועק אהײמ קײנ פוילנ, איז געוואָרנ כוצ אדוואָקאט — פעדאגאָג אונ רעזשיסער; האנס פראנקנ האָט נישט געפידלט, ביז ער האָט זיכ אָנגעכאפט אינ דער נאציאָנאל-סאָציאליסטישער באוועגונג אונ אפ כמאָרימ הארוגימ געקלעטערט אלצ העכער אונ העכער אפנ לייטער פונ דער פאשיסטישער היִעראַרכיע, ביז ער איז אינ סעפטיאבער 1939 דורכ היטלערנ אלײנ נאָמינירט געוואָרנ פארנ גענעראל-גובערנאטאָר פונ אָקופירטנ פוילנ. ווײַכערטס גורל איז איצט געלעגנ אינ די הענט פונ זײַנ אמאָליקנ אוניווערסיטעט-קאָלעגע.

אונ נאָכ אײנ פראט: בעשאס דער ערשטער דײַטשישער אָקופאציע אינ פוילנ איז ווײַכערט געווענ דײַטשישער צענזאָר אינ לאָדזש — א שטיקל באווײַז, אז ער איז א מענטש, צו וועלכנ מע קאָנ האָבנ צוטרוי.

קלײנקעפלדיקע ייִדישע שטאדלאָנימ פונ אלטנ שניט האָבנ זיכ אצינד אינ ווײַכערטנ אָנגעכאפט ווי אינ אנ עוונ-טאָוו — די האשגאָכע עליונע אלײנ האָט צוגעשיקט דעמ מאנ, וואָס קענ ווערנ דער עמעסער שטאדלענ פאר קלאל-ייִסראָעל.

האַנס פראַנק, וועלכער האָט אונטערגעבראַכט דעם גזר אַפּ מיליאָנען יידן, האָט זײַן פולע „מענטשלעכקײַט" אויסגעגאָסן אַפּ זײַן אַלטן שול-כאַווער. און ד״ר. מיכאַל ווײַכערט האָט זיך גענומען צו קלאַל-אַרבעט.

ער איז געוואָרן דער פרייִדיקער פון דעם געדאַנק, אַז מע דאַרף אײַנהאַלטן די לעגאַלע פּאָזיציעס פון געטאָ פאַר יעדן פּרײַז.

„פאַר יעדן פּרײַז" האָט באַטײַט — נאָכגעבן אַלע אַפּעטיטן פונעם ווילדן סוינע, רײַסן לעבעדיקע שטיקער פון אייגענעם פאָלק און צו-וואַרפן ווי אַ פּרעס דער היטלעריסטישער רויב-חיה.

ווײַכערט האָט אײַנגעשלעפערט די וואַכזאַמקײַט פון די יידן. אײַנגעוויגט זיי אין גלויבן, אַז אין געטאָ וועט מען איבערקומען די בלוטיקע וועלט-שחיטה.

ער האָט אויפגעשטעלט אין געטאָ פיר טעאַטערן — צוויי אין יידיש (איינעם אַפּ נאָוואָליפּיע 72 אונטערן נאָמען „נײַ אַזאָל", דעם צווייטן אַפּ דזשעלנע — „עלדאָראַדאָ"), צוויי אין פּויליש (אַפּ נאָוואָ-ליפּיע 52 און אַפּ לעשנאָ).

אין געטאָ איז געעפנט געוואָרן אַ ליטעראַרישער קלוב, דער אוילעם זאָל האָבן אַן אילוזיע פון אַמאָל און פאַרגעסן אין דעם, וואָס געשעט אַרום און וואָס וואַרט מאָרגן. אין געטאָ איז אַרויסגע-גאַנגען אַ לעגאַלע בלאַט אין פּויליש — „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ" — אַ בלאַט מיט אַנאָנסן פון דאָקטוירים, מיט כאַסענע-גראַטוליאַציעס, מיט שטאָטישע נײַס, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם רעפּאָרטער און גע-וועזענעם קאָמיסאַר פון דער פּוילישער פּאָליציי הערמאַן טשערווינסקי. דאָס איז געווען די קולטור, וועלכע די דײַטשן האָבן דערלויבט אין דעם רעזערוואַט; דאָס איז געווען איינער פון די מיטלען אָפּצוטייטן באַם געטאָ דעם כוש פאַר דערווירקלעכקײַט, אָפּצוטעמפּן דעם באַ-רעכטיקטן אומרו-צאַפּל אין אָנגעזיכט פון אומקום.

* * *

צו וואָס עס האָט דערפירט די אילוזיאָנערישע טעאָריע, אַז די געטאָ וועט פיזיש און נאַציאָנאַל קאָנסערווירן די יידן אין דער מילכאָמע-דיקער שטורעם-צײַט, האָט דערוויזן דער בײַשפּיל מיט דאָקטער אַל-פרעד נאָסיק. דער דאָזיקער 70-יאָריקער אַלטער ציוניסטישער טוער האָט זיך דערקײַקלט צו אַן אָפענעם נויסען-טשוע-זינגער פאַר היט-לערן. אין דער זעלביקער צײַט, ווען אַלע אָרנטלעכע, ווירדיקע פאַר-

שטייער פונ דער יִדישער אינטעליגענצ האָבנ פארטריבנ פונ זיכ דעמ געדאנק מיטצוארבעטנ מיטנ אָקופאנט אונ מיט זײַנ עקספּאָזיטור אינ געטאָ, האָט דער אלטער נאָסיק אויסגעפירט די סאמע דערנידערנדיקסטע אונ שענדלעכסטע ארבעטנ אונ זיכ ניט אָפּגעשטעלט פארנ געמיינסטנ פאראט; דאָס אלצ האָט ער געטאָנ מיטנ צווייִעסדיקנ אויסרייד, אז ער איז אויכנ גאָר די טויווע פונ קלאל-יִסראָעל[1].

אינ די לעגאלע געטאָ-אינסטיטוציעס האָבנ געהערשט מענטשנ, פאר וועלכע מאָראל זונ מיטלײַד איז געווענ א טאָפּל-זאכ, מענטשנ, וועמענס ארט דענקענ עס איז געווענ נישט ווײַט פונ דער „מאָראל" פונ דעמ דרײַצנטל. דער סאמע העכלעכער פונ די נײַע „קלאל-טוער" איז געווענ א געוויסער פירסט[2], דער געוועזענער אדמיניסטראטאָר פונ יִדישנ סטודענטנ-הויז אינ ווארשע. דעמ דאָזיקנ פארשוינ האָט מענ שוינ פונ לאנג כוישעד געווענ אינ זײַנ קאָל-וועלאָכ אינ דער פוילישער דעפענזיווע. איצט, אינ דער צײַט פונ געטאָ, זײַנענ די פירסטס געוואָרנ די באלעבאטים אינ די לעגאלע יִדישע אינסטיטוציעס.

9

יִדנראט

דעמ 28-טנ נאָיאבער 1939 האָט דער גענעראל-גובערנאטאָר האנס פראנק אײַנגעפירט איבערנ גאנצנ געביט פונ אָקופּירטנ פוילנ, אינ אלע שטעט אונ שטעטלעכ, ווו עס האָבנ געוווינט יִדנ, די אזויגערופענע יִדנראטנ. די אלטע קעהילע-פארוואלטונגענ זײַנענ באָטל געוואָרנ. מיטנ אינערלעכנ לעבנ פונ יִדישנ קיבעצ (דערנאָכ פונ געטאָ) האָט געדארפט אָנפירנ דער יִדנראט. א קעהילע, וואָס האָט געציילט ביז צענ טויזנט נעפאשעס, האָט געהאט א יִדנראט פונ צוועלפ ראטמענער; אינ א קעהילע מיט איבער צענ טויזנט יִדנ האָט דער יִדנראט געציילט פיר אונ צוואנציק מיטגלידער. די יִדנראטנ זײַנענ געווענ נאָמינירט דורכ דער דײַטשישער מאכט; אָפּזאָגנ זיכ האָט בא-

1 לויט די באריכטנ פונ דער יִדישער קאמפס-אָרגאניזאציע.

2 עלבערג—זיכרוינעס וועגנ דער ליקווידאציע פונ ווארשעווער געטאָ.

טײַט אָפּן אײַנרײַסן מיטן גרויזאַמען אָקופּאַנט, האָט באַטײַט בונט און האָט געקענט האָבן איין רעזולטאַט — טויט.

די דײַטשן האָבן גענוי באַשטימט די קאָמפּעטענצן און פונקציעס פון יודנראַט, דהײַנו: באַזאָרגן אַלע רעליגיעזע היצטאַרכעסן פון דער קהילה, אויסהאַלטן אַ קאָשערע מיקווע, אַ בעסוילעם, פירן אַ צײַלונג פון דער געטאָ-באַפעלקערונג, אײַנמאָנען שטײַערן, צושטעלן אָרוועס-לײַט און מענטשן צו פאַרשיידענע אַרבעטן אוכצעדוימע[1]. די פאַקטישע אויפזיכט איבער דעם יודנראַט און זײַן טעטיקײַט איז געלעגן אין די הענט פון דעם ספּעציעלן געסטאַפּאָ-באַאַמטן פאַר ייִדישע אינייאָנים. דעם יודנראַט האָבן די דײַטשן געדאַרפט אַלס געוועד אַפּ דורכצופירן אין געטאָ זייערע טײַוולאָנישע צילן.

אין שפּיץ פון דעם וואַרשעווער יודנראַט האָבן די דײַטשן אוועקגעשטעלט דעם אַלטן האַנטוועקער-טוער און געוועזענעם רעגירונגס-באַאַמטן אַדאַם טשערניאַקאָוו. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַלטן שניט קלאַל-טוער — מער שטאַדלען ווי אַסקן. דאָס איז געווען איינער פון די עפּיגאָנען פון יענער באַנקראָטירטער באַוועגונג אין ייִדישן פּוילן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זייער קלאַל-טוערײַ איז אַן אַראָפּגעדערונג פון הויכן פּיעדעסטאַל פון פּאָלאָניזירטע איזראַעליטן צו דער אומקולטורעלער ייִדישער פּאָלקס-מאַסע. איינצײַטיק האָט זיך טשערניאַקאָוו דערקלערט אין ליבע דער אידיי פון פּאַלעסטיניזם.

אַן אינזשעניער לויט דער בילדונג, האָט זיך טשערניאַקאָוו קאָליאָמאָוו פאַרנומען מיט ווירטשאַפטלעכער טעטיקײַט, ס׳ראָוו צווישן דעם ייִדישן האַנטווערקערטום. אַ מענטש אָן אַ פּאָליטישן האָריזאָנט, אָן געזעלשאַפטלעכע איבערצײַגונגען, אָבער אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, האָט ער אויך אין געטאָ געטאָן קליין-אַרבעט. ער איז נישט געווען פון די, וואָס האָבן געוואָלט גיוועד זײַן די שווערקײַטן, באַזײַטיקן זיי, אײַנברעכן זיי; ער איז געווען אַ טיפּישער צופּאַסלער. ער האָט אויסגעבויט אַ נעץ פון פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון און זיך אײַנגערעדט: די גוטע אַרבעט פון די ייִדן וועט איבערצײַגן דעם אָקופּאַנט, אַז גוטע פאַכמענער דאַרף מען נישט אומברענגען. אַ מענטש, וואָס איז פון שטענדיק אָן געווען פאַרבונדן מיט דער פּלוטאָקראַטיע, האָט ער טיף געגלייבט אין דער קישעף-קראַפט פון געלט, פון אונטערקויפן. דאָס

---

1 „ייִדישע צײַטונג" פון 20-טן פעוור אַל 1942.

זײַנען געװען די גערעכנט-מיטלען פון דעם מיטן שטאדלאָנים אין פריִערדיקן פוילן; די זעלביקע מיטלען האָט טשערניאַקאָוו און זײַנע ראַט-מיטארבעטער אָנגעװענדט אויך אין די באַדינגונגען פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. טשערניאַקאָוו האָט אין געטאָ אָרגאַניזירט פּראָ־דוציר-קאָאָפּעראַטיװן, װאָס ס׳איז ניִעט אַרײַנגעגאַנגען אין דער קאָמ-פּעטענץ פון ראַט. דער אַלטער שטאַדלען האָט טריומפירט — דאָס איז געװען אַ זיג.

בײַ דעם אַלעמען איז די לאַגע פון טשערניאַקאָװס יידנראַט געװען אַ טראַגישע. טשערניאַקאָוו און זײַנע כאַװײרים זײַנען, אייגנט-לעך, געװען קמוי אָרװעס-לײַט אין די הענט פון די הענקער. די לאַגע זײַערע איז פון טאָג צו טאָג געװאָרן אַלץ פּאַרװיקלטער, שװערער, טראַגישער.

די געטאָ-באַפעלקערונג האָט נישט איבעם יידנראַט געזען איר אָנפירונג. די אויגן פון די אויסגעמאַטערטע, פאַרפּײַניקטע יידן זײַנען געװען געװענדט אין לעגאַמדע אַן אַנדער ריכטונג, אױף אַנדערע מענטשן, אױף אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קרײַזן.

10

די אונטערערדישע געטאָ

אױף דעם אויבערפלאַך פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ איז געבליבן דער יידנראַט און דער הילפס-פּאַרײַן, די אָרגאַניזאַציעס פון אַדאַם טשערניאַקאָוו, פון דר. מיכאַל װײַכערט, פון לאַבענדזש און ענלעכע טוער. אַלץ, װאָס איז געװען מוטיק און ערלעך, האָט אַראָפּגענידערט אין אונטערערד. אין אונטערערד, פאַרשטעלט פאַר די אויגן פון דער „אָרדנונגס-װאַכ״ און קרידעמקאַל פון דעם דרײַצנטל, איז אין שטורענגער קאָנספּיראַציע אװעק דאָס עמעסע געזעלשאַפט-לעכע לעבן פון געטאָ. דאָ איז אַנטשטאַנען אַ נעץ פון פּאָליטישע, קולטורעלע, װירטשאַפטלעכע, רעליגיעזע, ספּאָרטיװע אָרגאַניזא-ציעס.

צו דער אַדמיניסטראַטיװער אופזיכט-מאַכט האָבן זיך געװענדט עטלעכע יונגעלײַט מיט דער באַקאָשע, מע זאָל זיי דערלויבן גרינדן אַ רעליגיעזע געזעלשאַפט „עונג שבת״ (אויגנעג שאַבעס); איר ציל דאַרף זײַן לערנען ש״ס (טאַלמוד) און זאָגן טילים אין די שאַבעס-

דיקע נאָכניטיקס. נאָך לאַנגע באַמיִונגען און אונטערשטיצונגען האָט מען ענדלעך די קאָנצעסיע באַקומען.

שאַבעס באַטאָג האָבן זיך טאַקע צונויפגענומען די יונגעלײַט. ווען דאָ וואָלט געווען איינער פון דרײַצנטל, וואָלט ער זיך געוויס שטאַרק געכידעשט, וואָס עס טוט דאָ עפּעס אַזאַ פרײַדענקער ווי דר. עמאַנועל רינגעלבלום, אַ באַקאַנטער היסטאָריקער, אַ מעכאַבער פון עטלעכע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע, וועגן דעם אָנטייל פון ייִדן אין קאָשטשיושקאָס אויפשטאַנד, אַ מענטש מיט פּראָגרעסיווע אָנשויונגען.

אונטערן שלייער פון „עונג שבת" האָט דר. רינגעלבלום אויסגעבויט אַ געהיימען צענטראַלן ייִדישן אַרכיוו, ווו עס זײַנען ביזן גרויס זאָרגעוודיקײַט געזאַמלט געוואָרן די דאָקומענטן פון דײַטשישער אַכזאָריעס אין שטעט און שטעטלעך פון געשענדטן פּוילן. אַזוי־אַרום איז געלייגט געוואָרן ציגל צו ציגל צום קינפטיקן ביניען פון מעכטיקן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם היטלעריזם[1].

רינגעלבלום, אַ ריזעוודיקער און אַרבעטסזאַמער, אויסערלעך מיט אַ קאָשערן אויסזען פון אַ פרידלעכן מענטשן, איז איינצײַטיק טעטיק געווען אין נאָך אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. אין שטרענגער קאָנספּיראַציע איז אויסגעבויט געוואָרן די ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציע, דער אומלעגאַלער המשך פון דעם פאַרמילכאָמעדיקן ייִדישן קולטור־פאַרבאַנד, וואָס האָט אין זײַנע רייען אײַנגעשלאָסן אַלע פּראָגרעסיווע קרייזן פון דער ייִדישער קולטור־וועלט.

די אונטערערדישע ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס האָבן קעגנגעווירקט דער דעמאָראַליזאַציע, דער אַמעראַצעס, דעם קולטור־באַרבאַריזם, די געטאָ־אַפּאָלאָגעטישע טעאָריעס פון דר. ווײַכערט און דר. נאָסיק, דער שונד־כוואַליע. אין אונטערערד זײַנען געפּראַוועט געוואָרן ריזנדיקע יובילייען פון מענדעלע, פון שאָלעם־אַליכעם און פּערעץ. די רעפעראַטן, העקטאָגראַפירטע, האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט, האָבן דורכגעגראָבן די געטאָ־מעכיצעס, האָבן דערגרייכט אין אַנדערע שטעט, אין אַנדערע געטאָס.

די אונטערערדישע ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט פאַרשפּרייטן די ייִדישע קולטור־ירושע; זי האָט אַרײַנגעהויכט אין איר אַרבעט אַקטועלן אינהאַלט. יעדער אַרויסטריט

1 לויט די באַריכטן פון דר. רינגעלבלום און דר. בערמאַן.

אירער אינ אונטערערד איז געווענ א רופ צו אָנערקענונג פונ אייגענעם ווערט, צו ווירערשטאנד, צו סאָלידארישקײַט. אָט וואָס פאר א מוסער-האסקל עס האָט פונ דעם פערעצ-יובילײ ארויסגעצויגנ איינע פונ די פריער אסימילירטע ווארשעווער מיידלעכ: „דער מוסער-האסקל, וואָס מיר דארפנ אָפּלערנענ פונ די אלע העלדנ פונ פערעצנ, — האָט זי געשריבנ אינ איינעם פונ די אונטערערדישע פרעסע-אָרגאנענ פונ געטאָ, — איז א קלאָרער: קעגנזײַטיקע הילפ; שטיצנ איינער דעם צווייטנ מיט קאָרבאָנעס-גרייטקײַט, פּאָשעט אונ מענטשלעכ; איכ וויס, אז וואָס עס זאָל ווײַטער נישט פאסירנ מיט אונדז אינ דער צוקונפט, וועלנ מיר ווירדיק אויסהאלטנ אונ אויס-דויערנ אלס פאָלק; אָט וואָס עס לערנט אונדז פערעצ" [1].

אינ שפּיצ פונ דער אונטערערדישער קולטור-באוועגונג האָבנ זיכ ארויסגערוקט אלטע באקאנטע קולטור-טוער, אונ אינאיינעם מיט זיי — נײַע, יונגע; סײַ די ערשטע סײַ די צווייטע זײַנענ געווענ באוואָפנט מיט ענטוזיאזם, מיט ארבעטס-לוסט, מיט אקשאָנעס.

דער לעבעדיקער נערוו פונ דער קולטור-אָרגאניזאציע איז געווענ דער יונגער וויסנשאפטלער מענאכעם לינדער — אינ זײַנע שווארצע, מיט היסלײַוועס ברענענדיקע אויגנ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט דער עדלעכער כאראקטער פונ אָט דעם באגאבטנ יונגנ היסטאָריקער אונ עקאָנאָמיסט. אינ זײַנע הענט איז געלעגנ דער גאנצער קאָנספּי-ראטיווער אפּאראט פונ דער אָרגאניזאציע. דורכ אימ איז געגאנגענ די פארבינדונג צווישנ די אָנגעזעענע פירער אירע.

אינ א קאָנספּיראטיווער דירע קומענ זיכ צונויפ דער גרײַז-גרויער קראנקער אונ דאָכ אייביק מונטערער, מיט האמצאָעס שפּרודלענדיקער פּראָפעסאָר מייער באלאבאנ, דער שווער קראנקער אונ דאָכ מיט אויסערגעוויינלעכער שאפונגס-ענערגיע גליענדיקער דר. יִצכאָק שי-פּער, דער שווערלײַביקער מאָרדכע מאזאָ, דער געוועזענער דירעקטאָר פונ דער ווילנער טרופּע, וועלכער האָט אינ זיכ פאראייניקט וואָכע-דיקע פּראקטישקײַט מיט זעלטענער נעשאָמע-יעסיירעדיקײַט, דער זאכ-לעכער רינגעלבלום אונ דער אומרויִקער לינדער, אונ לעבנ זיי דער איבערגעגעבענער פרײַנט פונ דער ייִדישער קולטור — דער גלאסע-נער אונ קלוגער, דער „דזשאָינט"-טוער יִצכאָק גיטערמאנ [2].

---

1 פונ דער אונטערערדישער פרעסע.

2 לויט די מאטעריאלנ פונ יאָנאס טורקאוו.

די וויסנשאפטלער האָבן אַפּ קיין איין טאָג נישט איבערגע־ריסן זייער פאָרשערישע און ליטעראַרישע ארבעט. שיפּער שרייבט א נייע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק; א נייע אידיי האָט באלויכטן דעם אלטן היסטאָריקער; ער האָט דערזען די אקטועלע טענדענצן און יידישן פאָלק אין פארלויפ פון דורות, די טענדענצן זיך ארויס־צורייסן פון מאָראַלישער און פאַקטישער געטאָ. דער צום קראַנקן־בעט צוגעשמידטער געשיכטלער איז ארויס אין קאמפ קעגן די קאַ־פּיטוליאַנטן ווייכערט און נאָניק, קעגן די אלע פּסעוודאָ-היסטאָריקער אין געטאָ און אויסער איר, וועלכע האָבן אין זייער היסטערישער פארצווייפלונג געשריִען: אלע וועגן פירן צו דער געטאָ!

איבער א נייער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום האָט געארבעט דער אלטער באלאבאן. אויך זיין נייע ווערק איז דורכגעדרונגען גע־ווען מיט א גרויסער אידיי: יידן זיינען נישט קיין פרעמדער פלאנץ, קיין ווילד געוויקס אין פּוילישן לאַנד, אין אייראָפּע, יידן זיינען דאָ פון דורות פארוואָרצלט, יידן זיינען מיטבויער פון דערווירטשאפט און קולטור פון דעם דאָזיקן לאַנד געווען. דאָס איז געווען א וויר־דיקער ענטפער דער העצ-וואַקכאַנאַליע פון דער היטלעריסטישער פרעסע, וואָס האָט געשילדערט די יידן, ווי ווילד-פרעמדע, ווי אזיאַטישע בלוט-זויגער, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט ווי פאראזיטן אפן לעבעדיקן אָרגאַניזם פון פּוילן, פון אייראָפּע, פון דער קריסטלעכער וועלט.

עס איז אפ די געהיימע זיצונגען פון דער קולטור-אָרגאַניזאַציע אראָפּגעקומען דער פאָלקלאָר-זאמלער שמועל לעהמאַן; ער האָט ווי פּערל געקליבן נייע גלייכווערטלעך, וויצן, פאָלקס-מייסעס, וואָס איט־לעכער פון זיי איז געווען א שטאָך אין דעם דייטשן „איבערמענטש”, אין דעם יידנראַט, אין די אָרדענונגס-וואכלייט.

פאמעלעך האָבן זיך ארומגעקלעפט ארום די דאָזיקע קולטור-טוער אָנגעזעענע וויסנשאפטלער, וועלכע דער אכזאָריעסדיקער גורל האָט אריינגעשליידערט אין דעם נייעם טאָל פון טרערן. די געטאָ האָט געקענט יאַקאָוו בלייבערג, וועלכער האָט גאַנץ שפּינאָזע אפ אויסווייניק געקענט; אויך ער איז צו די קולטור-קעמפער צוגעשטאַנען.

באַנאַנד מיט דער גאַנצער קולטור האָט זיך אין אונטערערד פארקאָנספּירירט אויך די יידישע ליטעראַטור און די יידישע פרעסע.

אין הונגער און נויט האָבן פארבראַכט זייערע טעג די יידישע שרייבער פון וואַרשעווער געטאָ. געציילטע פון זיי — די סאמע טאַ־לאַנטלאָזע — האָבן בא זיך געפּויעלט צו פארקויפן די פען און זיך

פארדינגען צום ציניש טשערווינסקי פון דער „גאזעטא זשידאָווסקאַ״. מיט שטאָלץ האָבן געטראָגן די אויסגעדאַרטע גופים, די צעפּליקטע האַלבאָשעס דער בארימטער העבראַישער דיכטער און דראמאטורג יצחק קאצנעלסאָן, דער רעפלעקסיווער לירישער ישׂראל שטערן, דער טאַלאנטפולער ראָמאניסט יהושע פערלע, דער טשודאקישער אָבער טיף־אָריגינעלער נאָוועליסט שלומה גילבערט, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין פּערעצעס הויז, דער קאָרנדיקער דיכטער רעאַליסט יאָסיף קירמאַן, וועלכער האָט אימפּאָנירט מיט זיין פעסט געבויטער פיגור און געמיטלעכן כאַראַקטער, זיין קעגנזאַץ — דער בלייכער, ווייכער, אידילישער יעקבֿ לערער. מיט פאַרשטשעמפּעטע ציין, מיט אייביקן פּראָטעסט אין הארצן און פּוסטקייט אין מאָגן האָט איבער די דאַלעסדיק־פילדערנדיקע גאסן פון געטאָ געשפּאַנט דער איראָפּעיִש־געבילדעטער גלענצנדיקער איבערזעצער און פּובליציסט אַרן איינהאָרן.

די ערשטע האָט זיך איבערגעוואָרפן די שרייבערישע יוגנט. אין שפּיץ האָט זיך ארויסגערוקט דער יונגער פּראָזאיקער יהודה פעלד. ער האָט די באַוואוסטע שרייבער אָרגאַניזירט, געזוכט הילף, סטימולירט צו שאַפונג. ווען דער אומקום האָט כוצפּעדיק און דירעקט אריינגעבליקט אין די אויגן, האָט פעלד די נייסטע ווערק פון די פעןכאַווירים צונויפגענומען, אין אן אייזערנעם קאסטן באַהאַלטן און אונטער א בוים, אין א באַשטימטן אָרט באַגראָבן. זי, וואָס וועלן איבערלעבן, זאָלן די דאָקומענטן פון דער שוידערלעכער צייט געפינען און פאַר דער וועלט ארויסברענגען [1].

אין איינע דיי מיט פעלדן זיינען געשטאַנען די באַגאַבטע נאָוועליסטן זאַלמען סקאַלאָוו און סמאָליאַזש, די אָנהייבנדיקע דיכטער נאָכעם ווײַלאַנד און שבֿעל מאַרוויל, די קריטיקער נאָכעם שטערנבערג און יצחק בערנשטיין.

נישט געקוקט אַף די שוידערלעכע, דערדריקנדיקע באַטערעלע און מאָראַלישע באַדינגונגען, האָבן די שרייבער פיבערדיק געשאַפן. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם שאַפונגס־גייסט, וואָס האָט דורכגעדרונגען סיי די יונגע סיי די אַלטע דיכטער, איז די ליד פון יצחק קאַצנעלסאָן, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער ערגסטער צייט אין געטאָ, די ליד אונטערן נאָמען „זינג!״. די קעסיידערדיקע אומגליקן

---

1 וועגן דעם שרייבט יהודה פעלד אין זיין לעצטן בריוו צו בראָנקע שוואַרץ.

האָבן נישט פאַרשפּאַרט דעם קוואַל פון שאַפן; פאַרקערט — דער דיכטער האָט זיך געצווּנגענע אַרויסצוּשליידערן פון דעם אָנגעווייטעקסטן געמיט דאָס וואָרט פון פּיין און צאָרן; דער דיכטער, אַפילו דער פריִערדיקער קונסט-לעשעם-קונסט-אַפּאָלאָגעטיקער, האָט דערשפּירט, אַז זינגען איז דער איצטיקער שאָ איז נישט קיין ענין פון געניס, נאָר אַ מוז, אַ נאַציאָנאַלער כּיוון; מיט אַ פּאַרבלוטיקט האַרץ האָט דער דיכטער געשריבן:

זינג, נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג,
אַף זיינע סטרונעס דינע וואַרף דיינע פינגער שווערע,
ווי הערצער ווי צעווייטעקטע, די ליד די לעצטע זינג;
זינג פון די לעצטע ייִדן אין אייראָפּעס ערד.
שריי אויס פון יעדן זאַמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אַלע שטויבן שריי, פון אַלע פלאַמען, פון יעדן רויך, —
ס'איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס'איז אייער לייב און לעבן, שריי אַרויס, שריי הויך! [1]

אין געטאָ זיינען נישט בלויז ייִדיש-שרייבנדיקע ליטעראַטן געווען. ברונאָ ווינאַווער און מיעטשיסלאַוו בראַון זיינען געווען פּוילישע שרייבער. ביידע זיינען אומגעקומען ווי ייִדן — איין גרוב האָט זיי איינגעשלונגען אינאיינעם מיט די, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן ייִדיש געשריבן.

אַ סאַך פון דער פריִער פּאָלאָניזירטער אינטעליגענץ האָבן זיך איצט אין איין ריי מיט די ייִדישע בונטאַרן געשטעלט. אומפאַרגעסלעך וועט בלייבן דער נאָמען פון דעם באַרימטן פּאָליטישן אַדוואָקאַט לעאָן בערנסאָן, וועלכער האָט זיך קאָל-יאָמאָוו פאַר אַ פּאָליאַק פון מוישעס גלויבן געהאַלטן און האָט אין געטאָ געוואָרפן דעם לאָזונג: „בלייבן מיטן פאָלק ביזן סאָף".

לייב שור און לאָזער קלאָג האָבן געהערט צו די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע געשטאַלטן פון דער אונטערערדישער ייִדישער קולטור־וועלט. שור — אַ גלייכער, אַן אַקוראַטער, אַ שטרענגער, אויסערלעך אַפילו אַ בייזער, וואָס האָט געפאָדערט פּינקטלעכקייט און

[1] די געטאָ־לידער פון ייִצכאָק קאַצענעלסאָן זיינען געפונען געוואָרן בא די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין פראַנקרייך.

אכרײַעס פון זיך און פון יענעם; קלאָג—א רירעוודיקער, א צעכראַס־טעטער, מיט א פּאָר געדיכטע „אוקראַיִנישע" וואָנצן, א גוטמוטיקער און הארציקער.ביידע—אלטע ייִדישע זעצער, שור א לינאָטיפּיסט, קלאָג א מעטראַנפּאַזש, ביידע וועטעראַנען פון דער קאמפּס-באַוועגונג פון פינפטן יאָר, ביידע ליטוואַקעס, ווילנער, וואָס ייִדיש, ייִדישע קולטור, ייִדישע ארבעטער-באַוועגונג איז זיי אריַין אין בלוט, אין די ביינער.

שור איז געווען אַן אלטער באָכער. א גאַנץ לעבן האָט ער גרזשעט צו גראָשן געלייגט און דעם אָנגעזאמלטן קאַפּיטאַל געשטעלט אין דינסט פון א דערהויבענער פאָלקס-אידיי: ער האָט אופגעבויט מיט אייגענע מיטלען און אומדערמידלעכער ארבעט דעם באַקאַנטן ביכער-פאַרלאַג „טאָמאָר", וואָס איז געווען דער סאַמע ערנסטער ייִדישער פאַרלאַג אין פּוילן. שור האָט אין די צײַטן פון צעהוליעטן טעראָר פון די בעק-לײַט אין פאַרמילכאָמעדיקן פּוילן נישט מוירע געהאַט ארויסצוגעבן אין ייִדיש מאַרקסן און א ריי ווערק מיט א רעוואָליוציאָנערן אינהאַלט.

קלאָג—א לעבנסלוסטיקער טאַטע פון קינדער און נאַכעס-שעפּנדיקער זיידע פון גערעטענע אייניקלעך, א פּראַקטישער טוער—איז יאָרנלאַנג געווען פּאָרזיצער פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון ייִדישע דרוקער-ארבעטער.

דער כאַווער לייב און דער כאַווער לאָזער זײַנען אלטע כאַוויירים געווען. אין די טרויעריקע געטאָ-באַדינגונגען זײַנען זיי אַפּ אומלעגאַלן לעבן אַוועק, צוריקגעקערט זיך צו די הייסע טעג פון פינפטן יאָר.

ביידע זײַנען שוין נאָענט צו די זעכציקער געווען, ווען עס האָט זיך ווידער אופגעפּראַלט פאַר זיי א לעבן פון „סכאָדקעס", מאַ-ראָלן און קאָנספּיראַטיווע דירעס. ווי מענטשן מיט גרויסער דערפאַ-רונג אין דרוק- און פאַרלאַג-וועזן האָבן זיי זיך געשטעלט צו דער ארבעט פון אופשטעלן אונטערערדישע דרוקערײַען און אומלעגאַלע רעדאַקציעס. זיי האָבן געהאָלפן אופבויען די אונטערערדישע פּרעסע אין געטאָ.

אין געטאָ-אונטערערד זײַנען ארויסגעגאַנגען די צוויי אָרגאַנען פון דער ייִדישער אָפּטיילונג פון דער פּוילישער ארבעטער-פּאַרטיי „מאָרגן-פרײַהײַט" און „אייניקײַט", די לינקע פּויאַלע-ציאָניסטישע צײַטשריפט „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", די בונדישע זשורנאַלן „יוגנט-

שטימע" און „צײַט-פֿראגן", דאָס רעכטע פּויאַלע-ציאָניסטישע בלאַט „באַפֿרײַונג", דער אָרגאַן פֿון די שאָמרים „ערעוו-פּרילינג", דער העברעיִש-כאַלוצישער „המדריך" (האמאדריכ — דער וועג-ווײַזער) און אויכ פֿעריִאָדישע ליטעראַרישע אויסגאַבן [1].

די אַלט-נײַע אומלעגאַלע פּרעסע, די פֿאַרבאָטענע בלעטלעכ פֿון ביבולקע־פּאַפּיר, אָנגעפּיקעוועט מיט דריבנעם געדיכטנ שריפֿט, זײַ-נען געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט, געטראָגן אין קעלער-שטיבלעכ און וואַרשטאַטן, אַרויסגערופֿן אומרו און שטאַרקן גײַסט צווישן די אַרבעטער, וואָס האָבן אין די פֿאַרנאַכטן געשפּאַנט הין און צוריק אַפֿ אימפּראָוויזירטע גאַסן-בערזעס. יעדער פּאַכ האָט זײַנ אומלעגאַלנ פּראָפּאַריינ אונטערנ פֿרײַענ הימל געהאַט. דאָ, אַפֿ גאַסנ-ראָגנ, האָט די אַרבעטער אָרגאַניזירט דער אַלטער דערפֿאַרענער טוער פֿון דער האַלב-לעגאַלער לינקער פּראָפֿבאַוועגונג אין פּילסודסקיס פּוילנ — כאַיִם אַנקערמאַנ.

כאַיִם אַנקערמאַנ: אַ גרויסער הוילער שאַרבנ, אַ לאַנגע קרומע נאָז, אַ באַרעדעוודיקער, אַ קענטיקע פֿיגור, וואָס וואַרפֿט זיכ אין די אויגנ; די גאַנצע געשטאַלט—אַ בעפּיידעשער קעגנזאַץ פֿונ קאָנספּיראַ-ציע — און פֿונדעסטוועגנ איז אָט דער שוינ נישט יונגער טיפּישער ייִדישער אַרבעטער-אינטעליגענט געווענ אַ מוכטרהאַפֿטער קאָנספּיראַ-טאָר, אַ רויִק-וועאַיינע-נירע אין דער צווייפּאַכיק נאָכגעשפּיוטער געטאָ.

דער כאַוועד כאַיִם — אַליינ אַ פּאַלעניצער (אַ דאַטשע-שטעטל הינטער וואַרשע) איז מיקאָמע יאָרנ געווענ אַי אָרגאַניזאַטאָר פֿון פּראָפֿעסיִאָנעלע אַרבעטער-פֿאַריינען, אַי קולטור-פֿאַרשפּרייטער. ער האָט מיקאָמע יאָרנ נישט בלויז ייִדישנ פֿליישער-, לעדער-, נאָדל-אַרבעטער צו שטרײַקן געפֿירט, נאָר אויכ אַליינ צווישנ זיי פּראָלע-טאַרישע לעגאַלע און אומלעגאַלע פּרעסע פֿאַרשפּרייט.

אינ געטאָ האָט דער כאַוועד כאַיִם ווידער אַפֿ זיכ די דאָזיקע טאָפּלטע שליכעס גענומענ. דאָס איז געווענ דער זינ פֿונ זײַנ לעבנ. ער פֿלעגט דורכפֿליִענ דורכ די אַרבעטער-בערזעס, הייס אַרײַנריידנ אינ די כאַווײרים, צונויפֿירנ אַ כאַוועד מיט אַ כאַוועד אינ אונטער-ערדישע פּאַכ-קאָמיסיעס, פּראָפֿאַריינישע אַקטיווע געבויט, אַפֿנ אָרט פֿונ דורכגעפֿאַלענע, אַרעכטירטע, דערהאַרגעטע נײַע אַקטיוויסטנ גע-שטעלט און די אונטערערדישע פּרעסע פֿאַרשפּרייט. ער איז געווענ

1 לויט די באַריכטנ פֿונ דר. רינגעלבלום.

דער לעבעדיקער נערוו, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק מיט די קולטור-בויער[1].

נישט ווײַט פון די אַרבעטער-בערזעס האָבן זיך אַנדערע, לעגאַמרע נײַע קאָנספּיראַטאָרן געדרייט. דאָס זײַנען אויך געווען פאַרשווערער פון אַ נײַעם מין. דאָס זײַנען געווען די קאַנאָנים פון ייִדישן דאַס, וועלכע זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע געבעט-הײַזער. אַפּ דער וואַכ זײַנען געשטאַנען אויסשפּירער, געהיט, דאָס בייזע אויג פון געסטאַפּאָ-אַגענט זאָל נישט דערזען, אַז אין הויף-ווינקל, אונטערן פרײַען הימל דאַווענען ייִדן בעצי̇בער, שיקן זייערע טפילעס צו גאָט.

אין דושנע קעלער-שטיבלעך, בײַ אַ קאַנעצל, האָבן זיך צונויפגענומען די ייִנגסטע פאַרשווערער פון געטאָ — די שול-קינדער. דער ייִדישער לערער איז געוואָרן אַ וואַנדערער, די שול — אַ באַוועגלעכע. אַלטע ייִדישע לערער זײַנען געוואָרן קאָנספּיראַטאָרן; אַרומגעבונדן אַרום אייגענעם קערפּער לערנביכער ווי פאַרבאָטענע שמוגל-סחורה, זײַנען זיי געגאַנגען פון גרופּע צו גרופּע, פון גאַס צו גאַס און געטאָן זייער מעסירעסנעפּעשדיקע אַרבעט.

די געטאָ האָט געקענט די געשטאַלט פון נאָסן סמאָליאַר, דעם אַלטן ייִדישן פּעדאַגאָג. אין די סאַמע פאַרצווייפלטסטע טעג האָט ער געטראָגן די קינדער דעם אייביקן מילדן שמייכל, ווי אַ היילונג געווירקט מיט זײַן געלאַסנקײַט, באַהערשטקײַט. די הויכוווקסיקע קלוגע סאָניע נאָוואָגרודזקאַ, די אַלטע פּעדאַגאָגן ראָזע סימכאָוויטש, דער שטאַלטנער בראָדיע, דער אַלטער שול-פאַרוואַלטער אווראָם פרוינד, די געוועזענע פּאָרזיצערן פון פאַריין פון די ייִדישע לערער אין די עפנטלעכע שולן עסטער בערנהאָלץ האָבן מאַרשירט בעראָש פון דעם פאַרייניקטן אָטריאַד איבערגעגעבענע ייִדישע לערער.

פּונקט ווי די שול איז געווען נאַווענאַד, אַזוי איז אויך די ביבליאָטעק געוואָרן באַוועגלעך. מעיאַד לעיאַד האָבן געוואַנדערט ביכער, קסאַוויאַדן; פון דרויסן פּלעגט יעדע עטלעכע טעג אַראָפּקומען דער באַקאַנטער ווילישער שרײַבער ראָמאַן קאָלאָניעצקי; אַן אײַנגעהאַנדלטע לעגיטימאַציע פון אַ שטײַערן-אינקאַסענט האָט אים געעפנט דעם וועג אין געטאָ אַרײַן; ער האָט געבראַכט ביכער אין אַלע שפּראַכן, ער איז געווען דער פאַרבינדער מיט דער אייראָפּעישער ליטעראַטור.

---

1 הענריק קאָטליצקי — גוועס-איוועס.

די אונטערערדישע וואנדערנדיקע שול האָט נישט סטאם געלערנט מיט די קינדער, נישט סטאם זיך באַמיט צו פאַרטרעטן דעם קינד די עמעסע שול; די לערער די קאָנספּיראַטאָרן האָבן א נייעם אינהאלט אריינגעגאָסן אין די לימודים, געלערנט די קינדער וויאזוי צו לעבן אין דער גרויזאמער צייט, וויאזוי אויסהאלטן, נישט פארצווייפלען, אויסדויערן. בא די קינדער האָט זיך געשאפן אן אייגנארטיקער בליק אף דער וועלט, אף דערווירקלעכקייט. צעניאָריקע שילער זיינען שוין געווען פארהארטעוועטע קעמפער, זאָרגפולע, קימאט רייפע מענטשן, וועלכע האָבן געקלערט מיט ערנסט וועגן מאָרגן, וועלכע האָבן טיף געשפירט דאָס קאָלעקטיווע, די אכרייעס פארן קלאל.

11

דאָס פאָלק

צווישן פאָלק האָט טיפע וואָרצלען געשלאָגן די אידיי פון קעגנזייטיקער הילף, פון סאָלידאריטעט.

דער אָקופאנט האָט פראָקלאמירט די אקציע פון „ווינטער־הילף". די דאָזיקע אקציע, וועלכע הערמאן גערינג האָט פראָקלאמירט, איז כאל געווען אויך פאר די געטאָס, זי האָט געדארפט ארויספּאָמפּען פון די אָרעמע יידישע היימען דאָס לעצטע ביסל גוטס. די געטאָ־באפעלקערונג האָט זיך מיט קאָלערליי מיטלען קעגנגעשטעלט דעם נייעם רויב. אָנשטאָט אוועקגעבן מאלבושים פאר דער דייטשישער ארמיי, האָבן פּאָשעטע פאָלקס־מענטשן גענומען זאמלען זאכן פאר די אייגענע נויטליידנדיקע ברידער.

די טרעגער פון דער אידיי פון קעגנזייטיקער הילף זיינען געווען פּאָשעטע מענטשן — באלמעלאָכעס, שטוב־באלעבאָסטעס. די געטאָ איז באדעקט געוואָרן מיט א נעץ פון זעלבסטהילף־קאָמיטעטן. יעדעס הויז האָט געהאט זיין קאָמיטעט. שניידער, שוסטער, סטאָליערס זיינען יעדן פרייטיק ארומגעגאנגען פון דירע צו דירע און געזאמלט פריילוויליקע מאַטאָנעס. פּאָשעטע כאַים־יאנקלס און איטשע־מייערס האָבן זיך דערהויבן צו דער מאדרייגע פון מעסירעסנעפעשדיקע אסקאָנים [1].

דער לאָזונג פון קעגנזייטיקער הילף האָט זיך רעאליזירט נישט

---

1 לויט די פארעפנטלעכטע מאטעריאלן פון דר. רעפאָעל מאלער.

בלויז אפן געביט פון שטיצע. טויט-געפאר האָט געדראָעט יעדן איינעם פון דער פערטער קאטעגאָריע. די מאסע פון געוועזענע הענדלער, אינטעליגענטן, פון בעטלער איז געווען זייער גרויס. די דאָזיקע מענטשן האָבן נישט פארמאָגט קיין פראקטישע פאכן, זייַנען זיי אויסגעשטעלט געווען נישט בלויז אפן הונגער צון קעלט, נאָר אויך אפ גיירעש.

האָט זיך צו דער ארבעט גענומען יאָסעפ יאשונסקי. דער דאָזיקער בלייכער אינזשעניער און וויסנשאפט-פאָפּוליאריזאטאָר מיטן שטערן פון א טאלמיד-כאָכעם, מיטן קאָמעץ-בערדעלע פון אן אלטן רוסישן אינטעליגענט און גרויסע, שווארצע פיקכעסדיקע אויגן, איז אָנגעלאָדן געווען מיט שאפונגס-ענערגיע ביז די נעגל-שפיצן. אויסעולעך א באהערשטער און אפילע א קאלטלעכער און שטרענגער, איז יאשונסקי געווען א הארציקער פאָלקסטימלעכער אינטעליגענט מיט א גרויסן באגאזש אייראָפּעיִש וויסן. זיבעט לאנגע יאָרן האָט יאשונסקי פאר זייַן לעבנסציל געשטעלט די פארוויר קלעכונג פון דער פּראָדוקטיוויזיר-אידייע באַ יידן; ער איז געווען אָנפירער פון דער געזעלשאפט צו פאַרשפרייטן ארבעט באַ יידן — „אָרט". אין די אומגעהייער שווערע באַדינגונגען פון געטאָ האָט יאשונסקי זיך גענומען צו אָרגאניזירן פאַכקורסן און האָט געגעבן הילפלאָזע און פאכלאָזע מענטשן אין האנט אריַין א געווער צו ראנגלען זיך פארן קיעם — א פראקטישע מעלאָכע.

דאָס פאָלק האָט טיף-וויַיטעקדיק געשפּירט די אומענטשלעכע דערנידעריקונגען און גזיירעס. דאָס פאָלק האָט דעם ווייטעק נישט געשטיקט אין זיך, נישט געשוויגן. אין צענדליקער נייַע פאָלקס-לידער האָט די מאסע ארויסגעבראכט אירע געפילן — סיַי די געפילן פון צאר און פייַן, סיַי די געפילן פון ברויזונג און פראָטעסט.

א פּאָשעט יידיש צוואנציקיאָריק מיידל דיטע סויפער, וויַיט ניט קיין קוואליפיצירטע דיכטערן, האָט אין פּראָסט-געפלאָכטענע גראמען אויסגעדריקט געפילן פון טויזנטער באָכערים און מיידלעך אזעלכע ווי זי[1]:

עס ליגט א פרילינג-זון אפ דעכער,
עס שפּראָצט און גרינט אפ פעלדער גראָז;
קומט זשע ארויס פון טיפע לעכער,
אויב שטארבן — איז וויסן כאָטש פאר וואָס.

---

1 מיר גיבן איבער די ליד לויט דער ארבעט פון מאגיסטער בלומענטאל פון לאָדזש וועגן יידישער ליטעראַרישער שאפונג אונטער דער דייַטשישער אָקופּאציע.

בויט באַריקאַדן אַלץ העכער און גרעסער!
לאָמיר וויסן, פאַרוואָס עס גיסט זיך בלוט.
איז נעם א האַק און ווער א בעסער
און נעמט א רויטע פאָן אויך אינדערמיט!

מיר גייען איצט ארויס דאָס פאָלק באַפרייען!
וואַרפט אָפּ דעם פאַכעד אייערן, די נויט!
און קומט מיט מיר, מיט דעם ליד דעם נייעם,
און גייט מיט מיר אין קאַמף אַף לעבן און אַף טויט.

רעפרען:

אַז ס'ווי ליגט יונג און אַלט דערשאָסן,
מיט בלוט באַגאָסן זיינען אונדזערע ווענט.
אַז ס'ווי בלוט האָט זיך שוין געגאָסן,
טאָ פּילט זשע אָן מיט קויער אייערע וועלקע הענט!

רעפרען:

גענוג געהאָפט שוין, גענוג געוואַרט,
איצט ליגט א פרילינג איבערן גאַנצן לאַנד,
אייער גאָט האָט אויכעט אייך גענאַרט,
טאָ נעם א ביקס דיר, ברודער, אין דער האַנט.

בויט באַריקאַדן אַלץ העכער און גרעסער!
לאָמיר וויסן, פאַרוואָס עס גיסט זיך בלוט.
איז נעם א האַק און ווער א מעסער,
און נעמט א רויטע פאָן אויך אינדערמיט!

אין די סאַמע ברייטע קרייזן פון דער געטאָ-מאַסע זיינען געווען פאַרשפּרייט די לידער פון דעם פאָלקס-דיכטער געבירטיג, וועלכער האָט געשריבן און אַליין געשאַפן אויך די מעלאָדיעס. געבירטיגס יעדע ליד האָט זיך געענדיקט מיט א שטאַרקן שלוס-אַקאָרד, וואָס איז געווען א רוף צו טאַט. צו די סאַמע פּאָפּולערע געבירטיגס לידער האָט געהערט „עס ברענט”; קינד-און-קייט האָט געזונגען די לעצטע פאַשעטע האַרציקע שורעס:

עס ברענט! ברידערלעך, ס'עס ברענט!
די הילף איז נאָר אין אייך אַליין געווענדט;

איִבּ דאָס שטעטל איז אײַך טײַער,
נעמט די קײלים, לעשט דאָס פֿײַער!
לעשט מיט אײַער אײגן בלוט!
באַווײַזט, אַז איר דאָס קענט!
שטײט נישט, ברידער, אָט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלײגטע הענט!
שטײט נישט, ברידער, לעשט דאָס פֿײַער!
אונדזער שטעטל ברענט!

די גערטאָ-יוגנט האָט זיך געריסן צו מעשׂים, צו ווידערשטאַנד. און הגם די געטאָ איז אָנמעכטיק געווען קעגן דער ריזיקער מי־ליטערישער מאַכינע פֿון דער דײַטשישער באַוואָפֿנטער קראַפֿט, איז די געטאָ-יוגנט געווען דורכגעדרונגען מיט דער שפּירונג, אַז די געטאָ איז נישט אַליין, איז נישט אָפּגעזונדערט אין איר שטרעבונג און לעכצונג נאָך קאַמף פֿאַר באַפֿרײַונג. אין דער וועלט גייט אָן אַ גרויסער געראַנגל מיט די פֿינצטערע קייכעס פֿון פֿאַשיזם, אַ קאַמף פֿון אַלע פֿרײַהייטליבנדיקע פֿעלקער קעגן דעם באַסטיאָן פֿון רישעס — וועגן דעם האָט די געטאָ געוווסט, געהערט פֿון די אונטערערדישע ראַדיאָ־סטאַנציעס, אויפֿגעכאַפּט אויף די עטער־כוואַליעס, וואָס האָבן גע־טראָגן ידיעות פֿון מאָסקווע און קויבישעוו, פֿון לאָנדאָן און ניו־יאָרק. די געטאָ האָט געלעבט מיטן גלויבן אין דעם, אַז די ישועה וועט סאָפֿקאָלסאָף קומען. דעם דאָזיקן גלויבן האָט אויסגעדריקט די פֿאָלקס־ליד „מאָשיעך“ [1].

צי האָט איר שוין געזען,
צי האָט איר שוין געהערט,
מאָשיעך זאָל קומען אויף טאַנקען און אויף פֿערד.

רעפֿרען:

מאָשיעך מיט מונדירן,
מיט ביקסן און גראַנאַטן,
קומט ער זיך צו פֿאָרן
אויף אײַזערנע האַרמאַטן.

---

1 ציטירט לויט ב. בלומענטאַל.

אונ עס וועט זיכ הערנ
פונ א טרומייטער בלאָזנ,
וועלנ זיכ די סאָנימ
צעלויפנ ווי די האָזנ.

רעפרענ:

איידער ער וועט זיכ נעמענ
נאָכ עפעס טוענ,
וועלנ די מויערנ
פונ געטאָ זיכ צעפליִענ.

רעפרענ:

קומט זשע שוינ צו פאָרנ,
איכ קענ שוינ מער נישט ווארטנ,
מאָשיִעכ מיט מונדירנ,
מיט ביקסנ אונ גראנאטנ.

מיט האָפענונגספולע בליקנ האָט די געטאָ געקוקט אפ מיזרעכ — אפ די ברייטע פעלדער פונ סאָוועטנפארבאנד, ווו עס האָבנ זיכ אָפּגעשפּילט די גרעסטע שלאכטנ אינ דער געשיכטע. אלע האָפענונגענ פונ די איזאָלירטע יידנ זיינענ געווענ געבונדנ מיט דעמ קויעכ פונ דער רויטער ארמיי, מיטנ גורל פונ די שלאכטנ אונטער מאָסקווע, בא דער וואָלגע אונ דאָנ. איטלעכער איינער האָט געשפּירט, אז פונ מיזרעכ קענ אונ וועט קומענ די יעשועַ. קימאַט אלע פרעסע-אָרגאנענ פונ ווארשעווער געטאָ-אונטערערד זיינענ געווענ דורכגעדרונגענ מיט דער איינציקער האָפענונג אפ דער רויטער ארמיי אונ מיט דער אָריענטאציע אפנ סאָוועטנפארבאנד. אונ עס האָט זיכ פונ טויזנטער צעווייטעקטע, אומרויִקע הערצער ארויסגעריסנ די פאָשעטע הארצעדיקע ליד „מאטושקא ראָסיִא" [1].

אכ, ווי איכ בענק נאָכ מיינע רוסישע בוידער,
נאָכ די הארציקע לידער,
נאָכ דעמ רוסישנ מענטש,
וועלכער איז נישט פארשטעלט,
נאָכ דער רוסישער נעשאָמע,
וואָס איז ברייט ווי די וועלט.

---

1 נ. בלומענטאל.

דער אַלטער יאָסעף און זײַנע פרײַנט

צען יאָר איז יאָסעף לעוואַרטאָווסקי אָפּגעזעסן אין פּוילישע טפּיסעס. סײַ דאָס געריכט, וואָס האָט אים פאַרמישפּט, סײַ די אַדמיניסטראַציע פון די טורמעס האָבן אין אים געזען א געפערלעכן פאַרברעכער, וואָס קען אָנשטעקן די פאַרשפּאַרטע מיטווינער מיט פאַרשטאַרקטן גלויבן אין ענדגילטיקן קראַך פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און אין דעם אומפאַרמײַדלעכן ניצחון פון דער אַרבעטער-זאַך.

פון דער פריסטער יוגנט האָט יאָסעף לעוואַרטאָווסקי געשטעלט זײַן לעבן צו דינסט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַלס יונגער באָכער איז ער אַוועק פון היימישן שטעטל אין ביאַליסטאָקער געגנט. פון דעמלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זײַן אומרויִק, פיבערדיק נאַווענאַד-לעבן פון א קאָנספּיראַטיווון טוער פון דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג. לעוואַרטאָווסקי איז געשטאַנען באַם וויגעלע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. ער האָט גוט באַהערשט די קונסט פון קאָנספּיראַציע, פון אויסמײַדן נײַגעריקע בליקן און שפּיקישע נאָכשפּירונגען. ער האָט אין משך פון יאָרן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער פאַרשיידענע געשטאַלטן, געטראָגן יִסרעס נעמען, געווען אי לעוואַרטאָווסקי, אי אַראָנסקי, אי פינקעלשטיין, אי קאַפּלאַן. אין די אומרויִקע באַדינגונגען פון נאַווענאַדיקן לעבן האָט ער שטענדיק געפונען גענוג צײַט צו אַרבעטן איבער זיך, אַפּ באַרײַכערן דעם אייגענעם וויסן-באַגאַזש; ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך א סאַך מאַרקסיסטישן וויסן און קענטעניש אַפּן געביט פון דער יִדישער קולטור.

אַן ערנסטער און קאָנצענטרירטער, מיט א שטאַרקן ווילן, א גוטער, איבערצײַגנדיקער רעדנער, אַן אויסגעצייכנטער פּובליציסט — אָט די אַלע מײַלעס האָבן אַרויסגערוקט לעוואַרטאָווסקין אין די פאָדערשטע רייען פון די קאָמוניסטישע טוער. ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן און איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יִדישער ביוראָ באַם צק פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי.

דער אויסברוך פון דער דײַטשיש-פּוילישער מילכאָמע האָט לעוואַרטאָווסקין געטראָפן אין דער גרויזאמער ראַוויטשער טפיסע, אין פאַמערן. אין דער דאָזיקער טפיסע איז געזעסן א גרופע אָנגעזעענע טוער, פארמישפּעטע דורך רידז-שמיגליס געריכטן אפ לאנגע יאָרן פארשפאַרונג. דער שווערער טורמע־רעזשים האָט נישט אײַנגעבראָכן לעוואַרטאָווסקין נישט גײַסטיק, נישט פיזיש.

עס זײַנען געקומען די דראמאטישע טעג פון סענטיאבער 1939. די פּוילישע ארמיי האָט זיך צוריקגעצויגן, אין פאַמערן האָבן זיך אַרײַנגעריסן די מאַסאָ-מעכאניזירטע דײַטשישע כאַיאָלעס. די טפיסע-אדמיניסטראַציע האָט כײשעק געהאַט צו לאָזן די פּאָליטישע ארעס-טירטע אין די פארשפּאַרטע קאַמערן, איבערגעבן זיי שוצלאָזע, גע-פענטעטע אין די הענט פון געסטאַפּאָ און אליין אנטלויפן. מיט אײַ-גענע קויכעס און מיט דער הילף פון גוטע פרײַנט פין דער פרײַער זײַט האָט לעוואַרטאָווסקי און זײַנע כאַווײרים אופגעבראָכן די טיר און כויער און ארויס אפ דער פרײַ. עס האָט זיך אָנגעהויבן א שווערער און לאנגער וועג אהיים, אפ מיזרעך. עטלעכע הונדערט קילאָ-מעטער צופוס האָט דורכגעמאַכט דער אויסגעמאַטערטער ארעסטאַנט, וואָס האָט אָקאָרשט פארלאָזט די טפיסע-קאַמער. און ווען ער האָט זיך איבער פארברענטע דערפער און כאָרעווע שטעטלעך, אויסמײַדנ-דיק דײַטשיש-מיליטערישע לאגערן, ענדלעך דערשלעפּט מיט געשוואָ-לענע פיס און אן אָפּגעשוואַכט הארץ קיין ווארשע, איז ער דאָ אַרײַנגעפאלן אין דער אומרויִקער אטמאָספער פון באלאגערונג. לע-וואַרטאָווסקי האָט מיטגעמאַכט די דראמאטישע פארטיידיקונג פון ווער-שע. און ווען די אויסגעמוטשעטע, מיט בלוט אָפּגײיענדיקע ווארשע האָט קאַפּיטולירט, איז לעוואַרטאָווסקי אוועק אפ מיזרעך, אהין, ווו די גרענעץ איז געוואָרן באַוועגלעך און זיך צוגערוקט צו דעם רי-זיקן שטראָם פון הונדערטער טויזנטער פליטים, וועלכע עס האָט געטריבן די פּאַנישע שרעק פארן היטלעריסטישן טעראָר, און וועלכע עס האָט געצויגן צו זיך די באפרײַערישע רויטע ארמיי.

אין ביאַליסטאָק האָט זיך לעוואַרטאָווסקי מיט קאָפּ און לײַב-און-לעבן אַרײַנגעטאָן אין דער ארבעט לעטוויוועס די פּליטים. דערנאָך האָט זיך פאר אים געעפנט א נײַער געביט: קאָנסטרוקטיווע בויונג-ארבעט אין דער ביאַליסטאָקער אינדוסטריע; לעוואַרטאָווסקי האָט גע-הערט צו יענעם טיפּ אקטיווע מענטש, וועלכער קען זײַן טעטיק אפ יעדן געביט. פון בארוף א פּאָליטיקער א רעוואָליוציאָנער, האָט זיך

לעוואַרטאָווסקי פּונקט אַזוי אויסגעצייכנט אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער ווירטשאַפט אין דעם קורצן פּעריאָד פון דער פּרידלעכער אַרבעט, אין דעם סאָוועטישן פּעריאָד פון ביאַליסטאָק.

דעם אָנפאַל פון היטלערס אַרמייען אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד האָט לעוואַרטאָווסקי אויפגענומען ווי אַן עכטער אַנטיפאַשיסט. הגם ער איז שוין ווייט קיין יונגערמאַן נישט געווען און זיין געזונט איז געווען נאָך יאָרן טפיסע און וואָגלענישן אַרונטערגעריסן, האָט ער גענומען אַ ביקס אין האַנט אַריין און זיך געשטעלט אין די רייען פון די פרייוויליקע פאַרטיידיקער פון דער שטאָט.

ער האָט אויך איצט געפּרוּווט אַרויסגיין פון דער שטאָט, ווי עס האָבן שוין געהוליעט די כוצפּעדיק-טריומפירנדיקע האַקנקרייץ-העלדן. באַנאַנד מיט אַ גרופּע כאַווערים איז ער אַריינגעפאַלן אין דער אַרומרינגלונג און האָט זיך צוריקגעקערט קיין ביאַליסטאָק, ווו די זיגער האָבן זיך שוין געבאָדן אין יידיש בלוט. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן אומרויִק, סאַקאָנעספול, אומלעגאַל לעבן. לעוואַרטאָווסקי האָט זיך געוואַלגערט פון איין דירע אין דער צווייטער. ווו געטאָגט נישט געכטיקט. עס האָבן געלאַסטעט אויף אים צוויי כאַטאָים: זיין אַנטיפאַשיסטישע פאַרגאַנגענהייט און זיין אַקטיווער אָנטייל אין דער סאָוועטישער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט; אַכוץ אַלעמען איז אויף אים געלעגן נאָך איין „פאַרברעכן״ — ער איז געווען אַ ייִד. אַרום אים זיינען געפאַלן קאָרבאָנעס. די נאַצי-כוליגאַנעס האָבן פאַרשלעפּט אַ גרופּע אַנטיפאַשיסטישע טוער, לעוואַרטאָווסקיס נאָענטע כאַווערים: עס איז נאָך זיי פאַרשוווּנדן יעדער שפּור. אַרום האָט געהערשט פּאַכדאָנעס, קליינמוטיקייט און פאַרצווייפלונג, און בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן האָט איינגעהאַלטן דעם גייסט פון ווירדיקייט אין געטאָ.

אַזוי האָט לעוואַרטאָווסקי דורכגעלעבט עטלעכע וואָכן. אין מעשעך פון דער צייט האָט ער באַוויזן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די אַנטיפאַשיסטישע עלעמענטן פון וואַרשעווער אונטערערד. אינגיכן איז צו אים אַראָפּגעקומען אַ כפּעציעלער שאָליעך פון וואַרשע. די אָנפירונג פון דער אונטערערדישער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי, אין וועלכער עס זיינען געווען אַ סאַך לעוואַרטאָווסקיס וואָפן-כאַווערים, פאָדערט אויף דעם דערפאַרענעם אַנטיפאַשיסטישן קעמפער טייקעף קומען קיין וואַרשע [1]. דער שאָליעך האָט געבראַכט אַלע נייטיקע

1 ריווקע שינדער-וואָיסקאָווסקא — גוויִעס-איידעס.

פאפירנ — „ארישע" דאָקומענטנ, געלט. לעוואַרטאָווסקי האָט זיכ געלאָזט אינ דעמ געפערלעכנ צוריקוועגס, אינ דעמ וועג, מיט וועלכנ ער איז געגאנגענ אינ סענטיאבער 1939 אפ מיזרעכ.

פארשטייענדיק, אז דער היטלעריסטישער טעראָר האָט אינ מעשעכ פונ דער צײַט אויסגעראָטנ אינ ווארשעווער געטאָ דעמ קאָמוניסטישנ אקטיוו, האָט לעוואַרטאָווסקי באלד מיט זיכ מיטגענומענ די צוויי אָנגעזעענע ייִדישע ארבעטער-טוער פונ ווארשע, וועלכע האָבנ זיכ אויסבאהאלטנ, אזוי ווי ער, אינ ביאליסטאָק — יאקאָוו דרייער אונ שמועל מערעטיק.

יאקאָוו דרייער — א הויכוווקסיקער, אנ אימפעטפולער, פונ פאכ א לערער, האָט אויכ געהאט הינטער זיכ אכט יאָר טפיסע אונ א סאכ יאָרנ רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט. ער איז געווענ אנ אויסגעדינטער אונטעראָפיצער פונ דער פוילישער ארמיי, אונ ווי א זעלנער האָט ער געבראכט א סאכ נוצנ אינ דער שפעטערדיקער קאמפס-באוועגונג פונ געטאָ. די יאָרנ טפיסע האָבנ געלאָזט זייערע שפורנ — דרייער האָט געהאט קראנקע לונגענ. ער איז אָבער געווענ אנ אומדערמידלעכער, טעמפעראמענטפולער קעמפער, א ווירדיקער מיטארבעטער פונ יאָסעפ לעוואַרטאָווסקי—אראָנסקי.

שמועל מערעטיק איז געווענ דער סאמע רירעוודיקער אינ דער גרופע. אנ אויסגעצייכנטער שנײַדער פונ פאכ, האָט מערעטיק פארמאָגט א געוויסנ גלאנצ פונ אנ עלעגאנטנ ווארשעווער שנײַדער, אונ דאָס האָט אימ געהאָלפנ זיכ קאָנספּירירנ. אינ די פארמילכאָמע-יאָרנ איז מערעטיק געווענ אינ דער לאָקאלער אָנפירונג פונ די ווארשעווער ייִדישע קאָמוניסטנ; ער איז געווענ א באגאבטער רעדנער, האָט אויסגעצייכנט געקענט טרעפנ צומ מויעכ אונ הארצ פונ ייִדישנ קליינ-אינדוסטריעלנ ארבעטער אונ באלמעלאָכע, פונ וועלכע ער האָט אליינ געשטאמט. דאָס איז געווענ א טיפישער ארבעטער-אינטעליגענט, וואָס איז ארויסגעוואקסנ פונ די סאמע טיפענישנ פונ דער פאָלקס-מאסע.

אינ ווארשעווער געטאָ האָבנ די דרײַ טוער געטראָפנ נישט קיינ צאָלרײַכע גרופע קאָמוניסטנ, ס׳ראָוו ארבעטער אונ שול-יוגנט. עס זײַנענ שוינ דעמאלט געווענ אינ געטאָ קליינע גרופקעס ייִדישע יוגנט, וואָס האָבנ געהערט צו דער פוילישער קאמפס-אָרגאניזאציע „ספארטאק"[1]. די ייִדישע ספארטאקאָווצעס זײַנענ אָרגאניזירט געוואָרנ דורכ

1 קריסטינא קאָוואלסקא.

דעם מערקווירדיקן מיידל האנקע שאַפּיראָ, איינע פון די ווונדערלעכסטע געשטאלטן פון דער פּוילישער אונטערערד. לעווארטאָווסקי און זיינע כאַווערים האָבן פאַר זיך דערזען א יונגע שילערן מיט שוואַרצע אויגן, אָנגעגאָסענע מיט ענטוזיאַזם, א לעבעדיקע, א שפּרודלדיקע מיט הומאָר און פרישקייט. האנקע האָט אין זיך פאַראייניקט רירעוודיקייט און פרישקייט מיט סייכל, אויסגערעכנטקייט, אָריענטאציע. זי איז געווען א פאַרבינדלערן צווישן די געטאָ-אָרגאניזאציעס און די פּוילישע אנטיפאשיסטן פון דער „ארישער" זייט.

אין די רייען פון די „ספּארטאַק"-קרייזלעך האָבן זיך געפונען א סאך קינפּטיקע מוטיקע מיטגלידער פון דער יידישער קאמפּס-אָרגאניזאציע, שילער און ארבעטער-יוגנט, ווי ביילע מאָנטשקאָראָווסקע, רייזל ראָזנפעלד, לייע הימלפארב, סאָרע שאָכור, דאָרע גאָלדקאָרן, זיסל יאמאיקא, לייע ארבייטזאם, ליאָלע סלאָוויק, יורעק זאָלאָטאָוו און צענדליקער אנדערע. די קרייזלעך האָבן זיך לעכאַטכילע פאַרנומען מיט שטודירן מארקסיסטיש-לעניניסטישע ליטעראטור, דערנאָך זיינען זיי אריבער צו מיליטערישער אויסשולונג, צו זאמלען געווער. אין די קרייזלעך האָט געהערשט דער גייסט פון סאָוועטנפאַרבאנד, דער קולט פון דער רויטער ארמיי.

עס זיינען אין געטאָ-אונטערערד געווען נאָך אנטיפאשיסטישע גרופּקעס — צעשטויבטע, אָפּגעריסענע איינע פון דער צווייטער. עס איז געווען א יידישע אָפּטיילונג פון דעם פּוילישן לינקן „פאַרבאנד פון באפרייונגס-קאמף"[1]. אירע אקטיוויסטן זיינען געווען קאזשיע קאגאן, דרושע זאטאָרסקע אא. עס האָט עקזיסטירט א סטודענטן-גרופּע. לעווארטאָווסקי און זיינע כאַווערים האָבן זיך געטראָפן מיט זייער אלטן באקאנטן כאַיִם אנקערמאן, דעם אָרגאניזאטאָר פון די פּראָפאַריינען. די אלטע צעשטויבטע קייכעס האָט מען געדאַרפט פאַראייניקן, אָרגאניזירן. לעווארטאָווסקי האָט אוועקגעשטעלט אַ אָרגאניזאציע פון דער פּוילישער ארבעטער-פּארטיי אין געטאָ. אין דעם ראַיקאָם פון דער געטאָ-אָרגאניזאציע זיינען אריין לעווארטאָווסקי, דרייער און מערעטיק[2]. פאַרן סעקרעטאר איז אויסגעוויילט געוואָרן לעווארטאָווסקי, וועלכן די געטאָ האָט געקענט אונטערן נאָמען „יאָסעף סטארי" — דער אלטער יאָסעף. דער דאָזיקער פּסעוודאָנים האָט אויסגעדריקט דעם דרעכ-ערעץ, די

1 קאזשיע קאגאן.
2 קריסטינא קאָוואלסקא.

ליבע און איינציִיטיק גוטווינטשנדיקע פריינטשאפט, וואָס די מאסע האָט געפילט צו איר פירער. דרייערס פסעוודאָנים איז געווען „קובא״, מערעטיקס — „אדאם״.

אין געטאָ זיינען געווען אונטערערדישע אָרגאניזאציעס אויך פון אנדערע יידישע ריכטונגען. די נאָענטסטע באציִונגען האָט די געטאָ-אָרגאניזאציע פון דער פוילישער ארבעטער-פארטיי איינגעשטעלט מיט די שאָמרים און די לינקע פּועלי־ציון.

אפ פאָסט-קארטלעך האָט יאָסעפ סטארי אָנגעשריבן די ווערטער: „מיר זיינען אלע ברידער, קינדער פון איין מישפּאָכע״, און עס פאנאנדערגעשיקט אין אלע געטאָס, ווו עס זיינען געווען עמבריִאָנען פון ווידערשטאנד-גרופעס[1]. אין די דאָזיקע לאקאָנישע ווערטער איז צום אויסדרוק געקומען די אינסטרוקציע וועגן שאפן אן איינהייטלעכן קאמפּס-פראָנט. לעווארטאָווסקיס קורצע ווערטער זיינען ארייִנגעדרונגען אומעטום, ווו עס האָט געקלאפט א מוטיק הארץ, האָבן דורכגעדרונגען די געטאָ-ווענט און זיינען אָנגעקומען אין אלע ווייטע שטעט און געטאָס; זיי זיינען געווען א פייער-סלופּ פאר אלע אופריכטיקע אנטיפאשיסטן און האָבן באגייסטערט די יידישע קעמפער פון ביאליסטאָק, בענדין, טאַרנע, פון שטעט און שטעטלעך צו געמיינזאמען קאמף.

13

דער שווארצער אנדריי

דער ייִכעס-בריוו פון מאמאָשעסדיקן אנטיפאשיסטישן קאמף פון דער פראָגרעסיווער יידישער יוגנט פון פוילן הייבט זיך אָן נישט ערשט אין יאָר 1939. טויזנטער קאָרבאָנעס-גרייטע יידישע באָכערים און מיידלעך, ארבעטער און סטודענטן, עמיגראנטן אין פראנקרייך און בעלגיע, קינדער פון ווארשעווער מוראנאָוו, לאָדזשער באלוט און ביאליסטאָקער כאנייקעס, זיינען אין די יאָרן 1936—1937 פרייוויליק ארייינגעטראָטן אין די רייען פון דער אינטערנאציִאָנאלער בריגאדע, וועלכע האָט פארטיידיקט די יונגע שפּאנישע רעפּובליק קעגן היטלערס, מוסאָלינים און פראנקאָס רויב-באנדעס. אפ די פּעל-

1 שינדער-וואָיסקאָיוסקא.

דער פון איבערישן האלב-אינדזל האָט זיך אָפּגעשפּילט דער פּראָלאָג פון דער בלוטיקער דראַמע. אַף די שפּאַנישע שלאַכט-פעלדער האָבן יידישע יונגעלייט געקעמפט קעגן פאַשיזם, פאַרטיידיקט נישט בלויז שפּאַניע, נאָר אויך זייער אייגן פאָלק, זייער אייגענע פרייהייט און צוקונפט. די יידישע פרייוויליקע פון פּוילן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער ראָטע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דעם יידישן העלד נאַפּטאָלע באָטווין, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק אומגעקומען אַף אַ טליע אין פּוילן.

אין די שווערע קאַמפן בא סאַמאַסיערא האָט זיך אויסגעצייכנט אַ יידיש-פּוילישער אָפיצער; ער האָט ארויסגעוויזן סיי פּערזענלעכע גוואורע סיי גוטע קענטעניש פון פעלד-טאַקטיק. אין אַ קורצער צייט ארום איז זיין נאָמען ווידער ארויסגעשוומען אין מאַדריד, אין דער באַלאַגערטער הויפּטשטאָט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, וועלכע האָט רעאַליזירט דעם לאָזונג: „נאָ פּאַסאַראַן!"

דער נאָמען פון דעם מוטיקן אָפיצער איז געווען אַנדזשעי שמיט.

אין פּוילן אין די אַנטיפאַשיסטישע קרייזן האָט מען אים גע־קענט אונטערן נאָמען „טשאַרני אַנדזשעי"—דער שוואַרצער אַנדריי.

שמיט האָט געשטאַמט פון שטעטל ביינצק-מאַזאָוועצקי הינטער וואַרשע. דאָ האָט ער געענדיקט די שול, דאָ איז ער אריינגעטראָטן אין קאָמיוג. זיין עמעסער נאָמען איז געווען עליע מאָזעס.

שמיט — אַ שלאַנקער, עלעגאַנטער ברונעט — האָט אויסערלעך גע-מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געוויינלעכן פּאַצעט, אַ פּאַנגער פון פּרויען-הערצער; אין דעם יונגן מענטשן האָט געגליט אַ שטאַרקער טעמפּעראַמענט. ער האָט פאַרמאָגט אַ דרייסטקייט, וואָס ווייסט ניט פון קיין צוימען. ער האָט בעטאַכלעס-סינע פיינט געהאַט פאַרשקלאַ-פונג. ווען די קעמפער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ פראַנצויזישן קאָנצלאַגער, האָט שמיט נישט געפונען קיין רו. ער האָט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון לאַגער און איז פאַרשוווּנדן פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי פון אונטער דער נאָז מאַמעש.

אין יאָר 1940 איז שמיט אויסגעטוישט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג. סאָף 1941 האָט ער זיך אַף אַ פּאַראַשוט אראָפּ-געלאָזט אַף דער צווייטער זייט פראָנט-ליניע און האָט זיך אריינגע-שלייכט אין וואַרשעווער געטאָ. מיט לייב-און-לעבן האָט ער זיך אריינגעוואָרפן אין דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אַרבעט.

דער שוואַרצער אַנדריי איז געווענ דער ערשטער, וואָס האָט אינ דער דערדריקטער, צעטומלטער געטאָ-מאַסע געוואָרפנ דעמ געדאַנק פונ אַקטיוונ ווידערשטאַנד. נאָכ איידער עס איז געקומענ לעוואַרטאָווסקי, איז שמיט צוגעטראָטנ צו אָרגאַניזירנ די מיטגלידער פונ „ספּאַרטאַק" אינ קאַמפּס-דרוזשינעס. לעוואַרטאָווסקי האָט אינ דעמ אַלטנ כאַווער שמיט געפונענ א טרײַענ מיטאַרבעטער, א גלענצנדיקנ אויסגעשולטנ אונ מוטיקנ מיליטער-מאַנ. עס איז באַשלאָסנ געוואָרנ צו פאַרבינדנ די ערשטע קאַמפּס-גרופּנ פונ געטאָ מיט דער אַלגעמיינ-פּוילישער דעמאָקראַטישער קאַמפּס-באַוועגונג, מיט דער נישט לאַנג אַנטשטאַנענער פאָלקס-גוואַרדיע („גוואַרדיאַ ליודאָווא"). די קאַמפּס-גרופּנ פונ „ספּאַרטאַק" אונ אַלע אַנדערע זײַנענ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דער געטאָ-אָפּטיילונג פונ דער פאָלקס-גוואַרדיע. אינ שפּיצ פונ די יידישע פאָלקס-גוואַרדיסטנ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרנ דער געוועזענער קאַפּיטאַנ פונ דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי אַנדריי שמיט[1].

צו דער יידישער אָפּטיילונג פונ דער פאָלקס-גוואַרדיע זײַנענ צוגעשטאַנענ נישט בלויז קאָמוניסטנ, מיטגלידער פונ „ספּאַרטאַק", פונ פאַרבאַנד פונ באַפרײַונגס-קאַמפּ, פונ דעמ סטודענטנ-קרײַז. עס זײַנענ צוגעשטאַנענ אויכ א סאַכ שאָמרים, כאַלוצימ אונ אומפּאַרטייישע, וועלכע האָבנ געטרוימט וועגנ נעקאָמע נעמענ אינ די היטלעריסטישע פּײַניקער.

דער שוואַרצער אַנדריי האָט א גוואַלדיקנ פאַרדינסט פאַר דער אַנטשטייונג אונ אַנטוויקלונג פונ דער קאַמפּס-באַוועגונג אינ געטאָ. ער האָט דערצויגנ די קינפטיקע העלדישע אויפשטענדלער, די קאָמאַנדירנ פונ די אָפּטיילונגענ פונ דער שפּעטערדיקער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע.

נישט באַשערט איז געווענ דעמ שוואַרצנ אַנדריי צו זענ די פּיירעס פונ זײַנ אַרבעט. דער טרוימ פונ זײַנ לעבנ איז געווענ צו זענ די ערשטע אַקטנ פונ אַקטיווונ, באַוואָפנטנ מאַסנ-ווידערשטאַנד. דאָס דערצײַנטל האָט אָבער דערשנאַפּט, ווער עס איז דער אָנפירער פונ דער קאַמפּס-לוסטיקער יוגנט; די געסטאַפּאָ-אַגענטנ זײַנענ געפאַלנ אַפּ שמיטס שפּורנ. דער כאַווער אַנדריי איז געפאַלנ אַפּנ פּאָסטנ, ווי א סאָלדאַט, וואָס פילט אויס זײַנ כויוו ווי א העלד[2].

1 קאָוואַלסקאַ.

2 נעקראָלאָג אינ דער אומלעגאַלער צײַטשריפט פונ דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי „די פרײַהײַטס-טריבונע", מײַ 1943.

אנדריי שמיט איז ארויסגעריסן געוואָרן פון צווישן די לעבעדיקע, אָבער די זוימענ, וואָס ער האָט פארזייט, האָבן אופגעשפּראָצט. און ווען עס איז געקומען די אומגעריכטע קאטאסטראָפע, און די געטאָ — איינגעשלעפּערט דורך די פשאָרעניקעס און צופאסלער — איז געבליבן שטיין פארלאָרן און דעזאָריענטירט, האָבן זיך געפונען קויכעס אנדערע, שמיטס כאווײרים, וועלכע האָבן געוויזן דעם פאָלק א נייעם וועג.

צווייטער טייל

פארטיליקונג

1

די בלוטיקע כוואליע

אזוי איז אדורכ דער ערשטער פעריאָד אינ דער קורצער געשיכטע פונ ווארשעווער געטאָ. אזוי איז אדורכ די צײַט זינט דער אנטשטייונג פונעמ „יידנ-רעזערוואט“ ביז דעמ אָנפאל פונ היטלער-דײַטשלאנד אפנ סאָוועטנפארבאנד, ביז זומער 1941.

שוינ אינ דעמ ערשטנ פעריאָד האָבנ די אָקופאנטנ נישט בלויז דערנידעריקט די יידנ מאָראליש, בארויבט, איזאָלירט, נאָר אויכ געמאָרדעט יעכידימ אונ גאנצע גרופעס, גאנצע קעהילעס. שוינ אינ ערשטנ פעריאָד האָבנ די דײַטשישע פאשיסטנ — אפ די בעפֿײרעשע באפעלנ פונ היטלערס גענעראל-שטאב מיט קייטעלנ בעראָש אָנגעווענדט לעגאבע יידנ קאָלעקטיווע מיסע-מעשונעס — געשאָסנ, געהאנגענ, געברענט אונ באגראָבנ לעבעדיקערהייט, פארנארט דורכ פארשיידענע שווינדלענ אינ א נעצ, געשטיקט, פארסאמט אונ צומ טויט פארפײַניקט דורכ אָנגערייצטע הינט. שוינ דעמלט האָט אפ אלע קיילימ געארבעט דער טויט-לאגער אינ כעלמנאָ, וואָס צווישנ לאָדזש אונ פויזנ, דער ערשטער טויט-לאגער אינ אָקופירטנ פוילנ. דעמ 9-טנ דעקאבער 1940 איז שוינ אהינ געבראכט געוואָרנ די ערשטע פארטיע יידנ, זיבנ הונדערט נעפאשעס, פונ די ארומיקע שטעטלעכ; געזאָגט האָט מענ זיי, אז מע פירט זיי איבער אפ ארבעט. אפנ אָרט האָבנ די באנדיטנ געהייסנ די יידנ זיכ אויסטאָנ, קלוימערשט נעמענ א באָד, ארײַנגעטריבנ די נאקעטע, שוצלאָזע מענטשנ אינ אווטאָס אונ זיי פארגאזירט צומ טויט. נאָכ די ערשטע זיבנ הונדערט האָט מענ געבראכט יעדנ טאָג נײַע פארטיעס, אונ עס האָט זיכ איבערגעכאזערט דער זעלבער טויט-קאראהאָד. דעמ ערשטנ טויט-לאגער אינ פוילנ האָבנ אופגעשטעלט אונ אָנגעפירט מיט אימ די עסעס-לײַט לאנגע, מאיאָר באָטמאנ, אוי-

בער-לייטענאנט לאנג; מיט די טויט-טראנספּאָרטן האָט געקערעוועט בעם. די צירונג און גאָלדענע ציין פלעגט ארויסרייסן בריסטינגע, די פונקציעס פון א „דאָקטער“ האָט אויסגעפירט לאנדסמייסטער, די פארגאזירטע קערפּערס האָבן געבערענט רונגע און קלעטשמער [1].

אין דעם צייט-אָפּשניט פון האַרבסט 1939 ביז זומער 1941 האָבן די היטלעריסטן פארפייניקט צום טויט דורך מאָרד, הונגער און מאגייפעס ביז צוואנציק פראָצענט פון פוילישן יידנטום.

אָבער נישט געקוקט אף דעם, איז דאָך דער ערשטער פעריאָד געווען א „גאנײדן“ אין פארגלייך מיט דעם, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן פאר די געטאָ-יידן א געוויסע צייט נאָכן אויסברוך פון דער דייטשיש-סאָוועטישער מילכאָמע.

עס זיינען אוועק יענע צייטן, ווען א פּאָליאַק, וואָס איז געטרויעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און דער פוילישער פּאָליציי פאר זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען און פּאַטריאָטישער טעטיקייט, האָט געפונען א באהעלטעניש אין געטאָ; עס זיינען אוועק די צייטן, ווען יידישע ארבעטער פון די קאָנספּיראַטיווע דרוקערייען האָבן ארויסגעלאָזט פוילישע אומלעגאלע צייטשריפטן, אָרגאַנען פון די פוילישע אנטיפאשיסטישע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן איבער אן ארייַנפאל פארלוירן זייערע אייגענע אונטערערדישע דרוקער. אין ערשטן פעריאָד האָבן די יידן פון געטאָ נישט איין מאָל געהאָלפן, געשטיצט און שוץ געגעבן די גערודפטע פוילישע אומאָפּהענגיקייט-קעמפער.

דאָס איז אלץ געווען ביז היטלערס אָנפאל אפן סאָוועטנפארבאנד.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די נייע מילכאָמע, זיינען די יידן אין געטאָ זיכער געווען: איצט וועט דער דייטשישער קאָלאָס געשלאָגן ווערן ביז טויט; די רויטע ארמיי וועט ברענגען דערלייזונג די ווארשעווער יידן, אזוי ווי זי האָט געראַטעוועט פון אומקום די יידן פון די מיזרעך-געביטן מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק. אייניצייטיק איז די געטאָ געוואָרן נאָך אומרויִקער ווי פריער: זי האָט פון דער טרויעריקער דערפארונג געוווסט, אז פאר יעדער צאָרע, פאר יעדער מאַפּאָלע וועלן די דייטשן פאראנטוואָרטלעך מאכן און זיך נויקעם זיין קוידעמקאָל אין די יידן[2].

---

1 לויט די מאטעריאלן פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש.

2 בעלא וויסבערג.

און בעממעס: באלד פון ערשטן טאָג אָן האָבן די נאַציִשע איבער-באַנדיטן פּאַנאַנדערגעוויקלט א ווילדע העצ-קאַמפּאַניע קעגן די ייִדן, קעגן „ייִדן באָלשעוויקעס", „ייִדן פּלוטאָקראַטן"; אין ווארשע האָט עס געטראָגן א ספּעציפישן טיטל — „זשידאָ-קאָמונא".

די מילכאָמע האָבן די היטלעריסטן אָנגעהויבן מיט א כוואַליע פּאָגראָמען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך.

אין דער נאַכט פון 21-טן אויפן 22-טן יונ האָט דאָס דייטשישע מיליטער אטאַקירט די סאָוועטישע גרענעץ-פּאָסטנס, באָמבאַרדירט סאָוועטישע שטעט. אינדערפרי זײַנען דורך ראַדיאָ ארויסגעטראָטן היטלער, געריניג, ריבענטראָפּ און דער „העטמאַן" סקאָראָפּאַדסקי. יעדער איינער פון זיי האָט „באַגרינדעט" די מילכאָמע קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד. יעדער איינער פון זיי האָט די רעדע פאַרענדיקט מיטן פּאָגראָם-לאָזונג: „שלאָג ייִדן!"

די ווארשעווער געטאָ, איזאָלירט, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, האָט דורך די אונטערערדישע ראַדיאָס א ביסל געוווּסט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אף דער וועלט. זי האָט אָבער נישט געקענט האָבן קיין גענוי בילד וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט די ייִדן אין די געביטן, וועלכע זײַנען אָקאָרשט פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן. בלויז קאַרגע שוואַרצע בסורעס זײַנען דערגאַנגען צו די ווארשעווער. עס איז דערגאַנגען צו זיי א שוואַכער ווידערקאָל פון די ערשטע שכיטעס אין לוואָוו, אין ביאַליסטאָק.

דער סוינע האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שמירע ארום געטאָ. עס איז קימאט אומעגלעך געוואָרן ארויסגיין און אַרײַנגיין. פּוילישע מענטשן האָבן פון צײַט צו צײַט געבראַכט מעטושטעשדיקע ידיִעס וועגן מאַסן-הארגעס אין די מיזרעך-געביטן. די געטאָ האָט זיך געפּײַניקט אין איר אומוויסן, אָבער גאָרנישט געקענט דערגיין.

דעמלט האָבן די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן ארויסשיקן געהיימע שליכים אף מיזרעך זיך דערוויסן דעם עמעס. עס זײַנען קיין ביאַליסטאָק ארויס דער ייִדישער אקטיאָר סטאַשעק און דער פּורמאַן ראָמעק[1]. קיין ווילנע זײַנען געשיקט געוואָרן כאַנטשע פּלאַניצקא און לייע פּערלמאַן[2].

---

1 שינדער-וואָיסקאָווסקא.

2 פון יִצכאָק צוקערמאַנס באַריכט.

די שליחים האָבן געבראַכט די ערשטע טרויעריקע בסורעס — צענדליקער טויזנטער ייִדן פון מיַירעוו-וויִסרוסלאַנד און מיַירעוו-אוק־ראַיִנע זייַנען געפאַלן אונטערן נאַציסטישן מעסער. וואָס עס קומט פאָר וויַיטער און טיפער אין די אָקופּירטע געביטן, האָבן די דאָזיקע שליחים אויך ווייניק געוווּסט.

אין א קורצער צײַט אַרום איז קיין וואַרשע אָנגעקומען א גע־היימע דעלעגאַציע פון ווילנער געטאָ-אונטערערד — מאָרדכע טענענבוים, כײַקע גראָסמאַן, עדעק באַראַקס, עטקין און שנײַדערמאַן [1]. אויף א ברייטער געהיימער זיצונג פון די געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן די ווילנער געגעבן א שילדערונג פון דער טאָטאַלער אויסראָטונג, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון די ייִדן אין די אָקופּירטע געגנטן. צום ערשטן מאָל האָט די וואַרשעווער געטאָ זיך דערוווּסט וועגן דעם שוידער אין פּאָנאַר.

אין אומרו און שרעק, אין אוויילעס נאָך די צענדליקער טויזנ־טער אומגעבראַכטע ייִדן אין מיזרעך זײַנען אַדורך די לעצטע כאָדאָ־שים פון 1941. דאָס פאָלק האָט מיט אומרו געפרעגט: וואָס וועט ברענ־גען דאָס יאָר 1942?

אַן ענטפער האָט אויף דעם געגעבן היטלער אַליין. דעם 30-טן יאַנוואַר 1942 האָט ער דורך בערלינער ראַדיאָ געהאַלטן א רעדע, גע־ווידמעט ספּעציעל דער ייִדן-פראַגע. דער „פירער" האָט פײַערלעך פּראָקלאַמירט די אַקציע פון טאָטאַלער אויסראָטונג פון די ייִדן אין אייראָפּע. זײַן בלוט-דורשטיקע רעדע האָט היטלער פאַרענדיקט מיט א „וויץ": „איך שווער, אויב ביזן סאָף פון לויפנדיקן יאָר וועט אויפן געביט פון אַמאָליקן פּוילן בלײַבן איין לעבעדיקער ייִד, וועל איך אַליין אים מאַכן פאַר א מיניסטער!"

אין דער געטאָ איז געפאַלן א פּאַנישע שרעק. מענטשן האָבן געזוכט רעטונג, אין פאַרצווייפלונג געפרעגט: „פונוואַנען וועט קומען די הילף?"

די צופאַסלער האָבן נאָך דעמלט געטרײַסט: היטלערס רעדע איז בלויז פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אינערלעכן געברויך. און א שרעק-אָנוואַרפע־ניש אויף די פאַרבינדעטע.

אָבער היטלערס געהילפן האָבן נישט געהאַלטן דעם „פירערס" לאָזונג פאַר א טעאָריע און הוילער פּראָפּאַגאַנדע. דער רײַכספירער פון

1 לויט די מאַטעריאַלן פון איוראָם כוצקעווער.

עסעס היינריכ הימלער האָט זיכ טייקעפ גענומענ צו פארווירקלעכנ היטלערס אָנווײַזונג. ער האָט צונויפגערופנ אינ בערלינ א בעראטונג פונ אלע עסעס-פירער אונ אוועקגעשטעלט די קאָנקרעטע אויפגאבע פונ רעאליזירנ די פראָגראמ פונ פיזיש ליקווידירנ די ייִדנ; אויפ דער בערלינער בעראטונג אינ דער עסעס-צענטראלע זײַנענ אויסגעארבעט געוואָרנ די פלענער פונ דער ליקווידאציע[1].

דער קאָנווייער פונ מאָרד האָט געארבעט פינקטלעכ. נאָכ היטלערנ אונ הימלערנ זײַנענ צומ וואָרט געקומענ די אָרטיקע „פיוערלעכ". עס האָבנ גענוי געפלאנירט די ייִדנ-אויסראָטונג דער גובערנאטאָר קערנער אינ לובלינ, דער גובערנאטאָר וואכטער אינ קראָקע, דער גאולייטער גרײַזער אינ פּוזנ, דער גובערנאטאָר פישער אינ ווארשע.

דעמלט זײַנענ געפאלנ די „היסטאָרישע" ווערטער פונ פישערס מויל: „פונ דער ייִדנ-פראגע וועט בלײַבנ ניט מער ווי א בעסוילעמ".

אינ די מיזרעכ-געביטנ האָט זיכ די אויסראָטונג צעהוליעט נאָכ שטארקער ווי פריִער. נאָכ קיִעווער באבי-יאר אונ נאָכ ווילנער פאָנאר, נאָכ דעמ, ווי די דווינע אונ דער דאָנ זײַנענ רויט געוואָרנ פונ בלוט, נאָכ אָדעס אונ כארקאָוו, נאָכ וויטעבסק אונ מינסק, האָט זיכ די פארטיליקונג-כוואליע פארקערעוועט צוריק אונ זיכ דערנעענטערט צומ בוג. איינע נאָכ דער צווייטער האָבנ זיכ אראָפּגעלאָזט איבער די יונגע געטאָס די שכיטעס אינ לוואָוו אונ סטאניסלאוו, ראָוונע אונ קאָוועל, אינ פּינסק אונ בריסק, אינ סלאָנימ אונ באראנאָוויטש.

אינגיכנ איז דער פײַער אויסגעבראָכנ אינ די מײַרעוו-געביטנ. די אויסראָטונג האָט זיכ ווי א מאלכאַמאָוועסדיקער וויכער געטראָגנ איבער פוזנ אונ שלעזיע, איבער קוטנע אונ וולאָצלאוועק, זיכ ארײַנגעכאפּט קיינ לאָדזש אונ טשענסטאָכאָוו. פונ קראָקע זײַנענ די ייִדנ פונ לאנג שוינ פארטריבנ געוואָרנ, די שיידים-האפליטע איז אויסגעשאָכטנ געוואָרנ.

דער „גענעראל-גובערנעמענט" מיט ווארשע, לובלינ, ראדאָמ, טאָרנע איז ארײַנגענומענ געוואָרנ אינ צוויי בלוטיקע כוואליעס; פונ ביידע זײַטנ איז טײַכנווײַז געפלאָסנ ייִדיש בלוט.

סאָפ פעווראל 1942 האָט זיכ די בלוטיקע כוואליע שטארק א דערנעענטער געטאָנ צו ווארשע. אינ די לעצטע פעווראל-טעג זײַנענ געקומענ אינ ווארשעווער געטאָ די ערשטע פּלייטימ פונ לובלינ; זיי

1 לויט די מאטעריאלנ פונ ייִדישנ אנטיפאשיסטישנ קאָמיטעט אינ פססר.

האָבן געבראַכט מעשונעדיקע ידיעות וועגן ריזיקע געשפּענסטיקע אויוונס, וואָס שלינגען איין טויזנטער לעבעדיקע מענטשן [1].

אין מאַרץ זיינען אָנגעקומען נאָך מער באַאומרויִקנדיקע ידיעות. עס איז געפאַלן די געטאָ פון ראַדאָם.

פון שטעטל קויל בײַ לאָדזש דערגייט אַ קלאַנג וועגן גאַז־דערשטיקונגען, וועגן מאַסן־פאַרסאַמונגען. פון דאָרעם ברענגט אַ פּוילישער באַן־אַרבעטער אַן אויפשוידערנדיקן גרוס פון דער טויט־פאַבריק אין בעלזשעץ, ווי מענטשלעכע פעטס און מענטשלעכע ביינער ווערן איבערגעשמאָלצן אין זייף [2].

וואַרשע ווערט אַרומגערינגלט דורך אַ בלוטיקער אויסראָטונג־רייף.

איינציַיטיק קומען פון מיַרעוו־ווײַסרוסלאַנד אָן די ערשטע דערמוטיקנדיקע ידיעות פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. פון מויל צו מויל וואַנדערט די בשורה וועגן דעם העלדישן ייִדישן דאָקטער אַטלאַס, אַ פּאָליט פון לאָדזש, וואָס האָט אָרגאַניזירט אין באַראַנאָוויטשער געגנט דעם ערשטן ייִדישן קאַמפּס־אָטריאַד [3]. מיט ענטוזיאַזם דערציילט מען וועגן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון די ייִדן אין ראַיאָן פון נאָוואָגרודעק, וועגן דעם העלדישן אומקום פון די נעסוויזשער ייִדן [4].

דאָס וואָרט נאָוואָגרודעק ווערט אין וואַרשעווער געטאָ דער סינאָנים פון נאַציאָנאַלער ווירדע, פון העלדנמוט. די אַרבעטער־גרופּירונגען שטעלן אַרויס דעם געדאַנק נאָכטאָן דעם בײַשפּיל פון די נאָוואָגרודקער.

2

זעלבסטמאָרד פונעם פאָרזיצער פון ייִדנראַט

אין דער נאַכט פון 17־טן אויפן 18־טן אַפּריל איז די געטאָ אומגעציטערט געוואָרן פון אַ נײַעם מאַסן־מאָרד. אין „פּאַוויאַק" זײַנען 110 אַרעסטירטע ייִדן אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן טפיסע־הויף און דערשאָסן געוואָרן „פאַר שטיצן אַ ווידערשטאַנד דער דײַטשישער מאַכט" [5].

---

1 ריווקע פּעקער.

2 יאָסעף אָסטראָווער — גוויִעס־איידעס.

3 הערש סמאָליאַר — גוויִעס־איידעס.

4 דר. א. בערמאַן — אַרטיקל אין לאָדזשער „נײַעם לעבן", אַפּריל 1945.

5 באַריכט פון ייִדישן נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד־קאָמיטעט.

אָפּ מאָרגנ באַנאַכט, דעם 18-טנ אַפּרעל, האָבּנ זיכ באַנדעס פונ שופּאָ אונ פונ עסעס אַרײַנגעריסנ אינ געטאָ. עס האָט זיכ אָנגעהויבּנ אַ גײַעג נאָכ געזעלשאַפטלעכע טוער. פיר אונ נײַנציק טוער פונ פאַרשײדענע לאַגערנ זײַנענ דערמאָרדעט געװאָרנ אָפּ דער גאַס. צװישנ די געפאַלענע איז געװענ דער יונגער פילצװײַגנדיקער קולטור-טוער, די נעשאָמע פונ דער אונטערערדישער קולטור-אָרגאַניזאַציע מאַגיסטער מענאַכעמ לינדער [1].

עס זײַנענ אויכ דערמאָרדעט געװאָרנ דער יידישער טוער פונ פּ. פּ. ס. יעזשי נאָידינג, װעלכער איז געװענ אַ פאַרבינדלער פונ געטאָ מיטנ פּױלישנ אונטערערד, די ז״צער סקליאַר אונ שאָנ, װעלכע האָבּנ געאַרבּעט פאַר דער אומלעגאַלער יידישער פּרעסע, דער בעקער בליימאַנ, װעלכער האָט געשטיצט מיט ברויט אונ געלט די אונטערערדישע קעמפער, אונ אַנדערע יידישע מוטיקע טוער.

פאַר די פירער פונ אַנטיפאַשיסטישנ בלאָק איז געװענ קלאָר: דער גובּערנאַטאָר פישער װיל אַרױסרײַסנ בּא דער געטאָ זײַנ האַרצ, זײַנע געזעלשאַפטלעכע טוער, קעדײ דערנאָכ קענענ אָנפאַלנ אָפּ די יידנ פּלוצעמ, פאַקנ זײ אומאָרגאַניזירטע, אָנ פירער, אונ דערלאַנגענ דעמ טױט-קלאַפּ. די פירער פונ אַנטיפאַשיסטישנ בלאָק האָבּנ פאַרשטאַנענ: דאָס איז די טרויעריקע אָװערטיורע צו דער קאַטאַסטראָפע, װאָס װעט קומענ.

דעמ 21-טנ יול איז אַרעסטירט געװאָרנ דער פּאָרזיצער פונ יידנראַט טשערניאַקאָװ.

אָפּ מאָרגנ איז ער אַרױסגעלאָזט געװאָרנ. ער האָט זיכ צוריקגעקערט אַהיימ פונ געסטאַפּאָ, געזעגנט מיט די בּני-באַיס אונ זיכ גענומענ דאָס לעבּנ. ער האָט זיכ געסאַמט מיט ציאַנקאַלי.

אינ די צונױפגעקלאַמערטע פינגער פונ דעמ זעלבּסטמערדער האָט מענ געפונענ אַ קלײנ צעטעלע, װאָז איז פאַרשריבּנ געװענ מיט צװײ װערטער: „ביזנ לעצטנ״ [2].

נישט קענענדיק װאָרענענ אָפּנ דאָס פאָלק װעגנ דער אָנקומענדיקער טױט-געפאַר, האָט טשערניאַקאָװ דאָס געטאָנ, ליגנדיק שוינ מיט אַנ אָפּגעשטעלט האַרצ.

בּליצ-שנעל האָט זיכ פאַנאַנדערגעטראָגנ די יעדיע איבּער דער געטאָ. אַלע האָבּנ אַצינד פאַרשטאַנענ דעמ פּײרעש פונ די צװײ לאַ-

---

1 דאָרטנ.

2 בעלאַ װײַסבּערג.

קאָנישע בלוט-טריפנדיקע ווערטער. איצט האָט זיכ די געטאָ דערווּסט דעמ שרעקלעכנ סאָד: דער געסטאַפּאָ-שעפ האָט פונ דעמ „עלטסטנ ייִדנ" פארלאנגט א רעשימע פונ זעקס טויזנט „אומנוצלעכע" ייִדנ, וועלכע דארפנ ווערנ דעפּאָרטירט אפ מיזרעכ, אינ וויניק באפעלקערטע געביטנ. טשערניאקאָוו האָט פארשטאנענ, אז דאָס איז א דעפּאָרטאציע אפ טויט, אז נאָכ די זעקס טויזנט וועלנ מוזנ גיינ אנדערע טויזנטער אונ עפּשער אלע. דער אלטער אסקנ האָט נישט געוואָלט באפלעקנ זײַנע הענט מיט בלוט פונ אייגענע ברידער. עמעס, ער האָט נישט געפונענ אינ זיכ גענוג קויעכ אפ איבערײַסנ מיט די אלטע קלאל-טוערשע מעטאָדנ, אפ אראָפּנידערנ אינ אונטערערד, אפ זאָגנ הויכ, אפנ קאָל, מיטנ פולנ מויל דעמ גאנצנ עמעס. דאָס איז געווענ איבער די קויכעס פונ אָט דעמ שניט שטאדלענ. זײַנ זעלבסטמאָרד איז אָבער געווענ א שטומער פּראָטעסט, א טראגישער ווייגעשריי קעגנ דעמ שוידערלעכנ פארברעכנ, וואָס עס האָבנ געגרייט די דײַטשנ אונ וועלכנ זיי האָבנ געוואָלט דורכפירנ מיט זײַנע, טשערניאקאָווס, הענט.

אזוי האָט טאקע אופגעפאסט טשערניאקאָווס זעלבסטמאָרד די געסטאַפּאָ. באלד אפצומאָרגנס איז דער בניענ פונ דעמ ייִדנראט ארומגערינגלט געוואָרנ דורכ עסעס אונ שופּאָ. אינ קעהילע-שטיבל האָט זיכ אראָפּגעלאָזט א כטײַע געסטאַפּאָ-לײַט בעראָש מיטנ נײַעמ מעמונע איבער ייִדנ-איניאָנימ — דעמ „דאָקטאָר" אויסוואלד.

די געסטאַפּאָ האָט פאנאנדערגעלאָזנ דעמ ייִדנראט מיט אלע זײַנע אָפּטיילונגענ אונ אינסטיטוציעס. אלע מיטגלידער פונ ייִדנראט זײַנענ דערקלערט געוואָרנ פאר אָרוועס-לײַט אונ גענומענ געוואָרנ אינ טפיסע. טשערניאקאָווס געהילפ, אדוואָקאט ראָזענשטאט, איז דערשאָסנ געוואָרנ אפנ אָרט.

די אָנפירונג איבער דער געטאָ האָבנ איבערגענומענ צוויי דורכגעטריבענע היטלעריסטישע רעלדפירער, צוויי „דאָקטוירימ" — קאָמיסאר אויסוואלד אונ דער „ייִדנ-קענער" שטיינפורט. העיויס דער ייִדנראט האָט זיכ אָפּגעזאָגט אלײנ דורכצופירנ די דעפּאָרטאציע, האָט די דײַטשישע מאכט איבערגעגעבנ דעמ איניענ אינ די הענט פונ געסטאַפּאָ-באאמטנ זייפערט; ער איז געוואָרנ קאָמיסאר איבער דער דעפּאָרטאציע פונ ייִדנ. דער דאָזיקער סאדיסט האָט זיכ צוהילפ גענומענ דעמ אינזשעניער ראדזשיעווסקי, א פארעטער פונ פוילישנ פאָלק, אונ דעמ פאָלקס-דײַטש בראונ, פונ פאכ א טאליענ[1].

---

1 ווײַנקראנצ-שאצ.

די ערשטע, אף וועלכע עס איז געפאלן דער ביטערער גורל פון דעפּאָרטאציע, זיינען געווען די ארעסטאנטן פון „פּאוויאַק".

נאָכן זיי האָט מען גענומען פון די גאסן און פון די הע־קדעש שלעפּער, אָרעמע קאַליקעס, היימלאָזע.

די געטאָ האָט זיך געוואָרט קעגן דעם גיירעש. ייִדן האָבן זיך נישט געשטעלט אפן „אומשלאג־פּלאַץ" — אַזוי האָבן די דייטשן א נאָמען געגעבן דעם זאמלפּונקט אף דעפּאָרטאציע.

האָבן אויסוואַלד און זייפערט אָנגעווענדט א פאַרנאַר־מיטל. אף אַלע גאסן זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן באקאַנטמאכונגען:

„יעדער איינער, וואָס וועט פרייוויליק מעלדן זיך אריבערצופאָרן פון וואַרשע אף מיזרעך, אף ארבעט, באקומט שפּייז אפן וועג — ברויט און מאַרמעלאַד; די פרייוויליקע באקומען אויך די פּריווילע־גיע, וואָס מישפּאָכעס וועלן נישט צעשיידט" [1].

דאָס פאַרנאַר־מיטל האָט ווייניק־וואָס געווירקט. בלויז מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אפן ראַנד פון אומקום, פון הונגער־טויט, האָבן זיך געשטעלט אפן אומשלאַג־פּלאַץ; עס האָט זיי צוגעצויגן דער צוזאָג צו באקומען א לאבן ברויט.

זייפערטן איז קוים געלונגען צונויפצושלעפּן די ערשטע זעקס טויזנט. דער ערשטער עשעלאָן איז אוועק. קיין ידיעות פון די דע־פּאָרטירטע זיינען נישט אָנגעקומען. און האגאַם יעדער איינער אין געטאָ האָט פאָרויסגעשפּירט דאָס ערגסטע, האָט מען דאָך ניט גע־וואָלט צולאָזן קיין בייזן געדאַנק. מע האָט זיך געטרייסט: די פאָסט ארבעט שלעכט.

אין עטלעכע טעג ארום זיינען די מויערן באקלעפּט געוואָרן מיט א נייער באקאַנטמאכונג, א געכאַסמעטע דורך דר. אויסוואַלד:

„אף איטלעכן ייִד, וואָס איז נישט באשעפטיקט אין א דייטשי־שער פירמע, אָדער אין די אונטערנעמונגען פון דער ייִדישער קע־הילע, איז כאַל די פאַראָרדענונג פון באַלדיקן ארויספאָרן פון געטאָ; מענער און פרויען, פייִקע צו ארבעט און נאָך נישט באשעפטיקטע, וועלן באשעפטיקט ווערן" [2]. איינצייטיק האָט די אָרדענונגס־וואַך באקר־מען א באפעל: צושטעלן צום גיירעש שוין נישט קיין זעקס טויזנט, נאָר צוויי מאָל אזויפיל.

---

1 לויט דער אונטערערדישער פּוילישער צייטונג „פּאָלסקאַ".

2 דאָרטן.

דער פּאָליציי-קאָמיסאַר שערײַנסקי און זײַן געהילף דער פּאָליציי-אינ-ספּעקטאָר שמעלינג זײַנען געהאָרכזאַם צוגעטראָטן אויסצופירן דעם באַפעל [1].

אָבער אויסוואַלד און זייפערט זײַנען געווען אומבאַפרידיקט. עט-לעכע טעג זײַנען אַריבער נאָך דעם צווייטן גייִרעש, און זיי האָבן אַרויסגעשטעלט צו שערײַנסקין אַ נײַע פאָדערונג: צוואַנציק טויזנט מענטשן מוזן צוגעשטעלט ווערן ביז צוועלף אַזייגער אינדערפרי. אַזאַ אופן איז שערײַנסקי נישט געווען בעקויעך צו דערגרייכן. האָבן די אוודאי אַפ זיך גענומען די דײַטשן אַליין.

3

„זאָנדער־אופטראַגס־קאָמיסיאָן" און „פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָ"

די דײַטשישע פאַשיסטן האָבן פון טאָג צו טאָג פאַרשטאַרקט די אויסראָט-אַקציע. נאָך די אַרעסטאַנטן און שלעפּער איז געקומען די ריי אַפ פּערט-קאַטעגאָריקעס ביכלאַל. דערנאָך האָט אַפילע אַ דײַטשישע אַרבעטס-קאַרטע אופגעהערט צו זײַן אַ גענוגנדיקע שוץ. עס האָט זיך געשפּרייט דער שוידערלעכסטער און צינישסטער ווילקיר.

באַם פאָלק איז וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרשוווּנדן די אַפּאַטיע; די אומדערמידלעכע אַרבעט פון די אַרבעטער-גרופּירונגען האָט גע-נומען ווירקן; עס איז אופגעוועקט געוואָרן דער ווילן זיך צו ראַ-טעווען, עס איז אופגעקומען די אָנגעשפּיצטע וואַכזאַמקייט. דאָס לויפן אַפ דער „אַרישער" זײַט, דאָס אוועקגיין אָרגאַניזירטערהייט אין וואַלד, דאָס אַנטלויפן פון די וואַגאָנעס גופע, דאָס אַמפּערן זיך מיט די כאַפּערס, דאָס בויען באַהעלטעניש-ערטער — די אַלע רעטונגס-מיטלען און אָפּווער-מיטלען האָבן אַרומגעכאַפּט ברייטע קרײַזן[2]. פישער, אויס-וואַלד און זייפערט האָבן געשפּירט, אַז דער שווינדל זייערער איז דעמאַסקירט געוואָרן, אַז עס ווירקט אַ שטאַרקע אינערלעכע קראַפט אין געטאָ, וואָס האַמעוועט די ליקווידיר-אַקציע.

פון דער געריכטס-געבײַדע אַפ לעשנאָ זײַנען שנעל געגאַנגענע

---

1 ווײַנקראַנץ-שאַץ.

2 קריסטינאַ קאָוואַלסקאַ.

ראפּאָרטן צום בריל־פּאַלאַץ, פונדאַנען האָט זיי דער טעלעפאָן איבער־געטראָגן קיין קראָקע, אין דעם אַלטן מאַלכעסדיקן וואַוועל־שלאָס, ווו עס האָט זיך באַזעצט פראַנק, און דער לעצטער האָט מוידיע געווען בערלין.

בערלין האָט זיך טייקעף אָפּגערופן. אַלץ איז דורך דעם אויבער־טאַליען הימלער געווען פּלאַנירט פון פריִער; קיין שום שרײַפּעלע אין דעם ריזיקן טויט־קאָנווייער האָט נישט געטאָרט קאַליע ווערן; יעטווידע שטערונג מוז ווערן באַזײַטיקט פאַר יעדן פּרײַז.

אַפּ אַן אערפּלאַן איז הימלער אַליין אָראָפּגעקומען קיין וואַרשע. אַפּ שוכא־אַלייע איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג. הימלער האָט רעאָר־גאַניזירט דעם אויסראָט־אַפּאַראַט [1].

געסטאַפּאָ, עס־עס, שופּאָ, עס־דע און די אַלטע פּוילישע פּאָליצײַ — אַוואַדע דאַרפן זיי ווײַטער אָנפירן און העלפן באַם אַוועקפירן די ייִדן צום טויט. אָבער קעדיי די אַקציע זאָל ווערן שנעלער און ברייטער דורכגעפירט, האָט הימלער געשאַפן אַ ספּעציעלן נײַעם אָרגאַן אונטערן נאָמען „זאָנדער־אופטראַגס־קאָמיסיאָן". דאָס האָט גע־דאַרפט זײַן אַן אָרגאַן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט איין איניען — מיט ליקווידירן די ייִדן אין פּוילן.

אין שפּיץ פון דער „זאָנדער־אופטראַגס־קאָמיסיאָן" האָט הימלער אַוועקגעשטעלט אַן אַלטן „פּאַרדינסטפולן" נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, דעם „דאָקטאָר" פּעי פון עסטרײַך.

די „זאָנדער־אופטראַגס־קאָמיסיאָן" איז נישט געזעסן אַפּ איין אָרט. הימלער האָט זי באַפרײַט פון קאָלעריי ביוראָליסטישע צוגאָבן. זי האָט געדאַרפט ווירקן שנעל און עפעקטיוו. אונטער פּעיס פּערזענ־לעכער אָנפירונג איז זי געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, און האָט דורכגעפירט אַפּן אָרט די ליקווידאַציע פון די געטאָס, אַ טייל ייִדן פאַרניכטעט אַפּן אָרט, אַ טייל אַוועקגעשיקט אין די לאַגערן, ווו עס האָבן אָן אויפהער געאַרבעט די פאַבריקן פון טויט [2].

בא דער „זאָנדערמאָרד־קאָמיסיאָן", ווי מע האָט אין פּוילן גערופן פּעיס „קאָמיסיע", האָט הימלער געשאַפן צוויי ספּעציעלע פאָרמאַציעס. פּעיס „קאָמיסיע" האָט אָנגעפירט מיט דער אויסראָטונג; דורכפירן זי פּראַקטיש האָבן געדאַרפט די ספּעציעל געשאַפענע „פאַרניכטונגס־קאָ־

1 „פּאָלסקא".
2 וויעזשביצקי.

מאַנדאָס״ — האַלב-מיליטערישע באנדעס פונ פאַרשיידנ-לעשווינעסדיקע בוליגאַנעס פונ אַלע עקנ אייראָפּע, וועלכע האָבנ אומעטומ, אינ אַלע געטאָס, געמאָרדעט, גערויבט, פאַרניכטעט.

דאָס זײַנענ געווענ פּאָגראָמשטשיקעס, אָרגאַניזירטע אינ אָפּטיילונגענ, אינ בריגאַדעס, וועלכע האָבנ געהאַט איינ-אונ-איינציקע אויפגאַבע: אויסראָטנ די ייִדנ. בייס די געסטאַפּאָ אונ עסעס, די עסדע אונ פּאָליציי, די שופּאָ אונ קריפּאָ האָבנ געהאַט צענדליקער אַנדערע בלוטיקע אויפגאַבעס אויכ, האָט די „פערניכטונגס-קאָמאַנדאָ״ זיכ פאַרנומענ אויסשליסלעכ מיט ליקווידירנ די ייִדנ.

געהאָלפנ האָט איר אַ צווייטע פאָרמאַציע, וועלכע האָט זיכ אַ נאָמענ געגעבנ „יונאַקעס״; דאָס איז געווענ אַנ אָרגאַניזאַציע פונ דער ציווילער „אַרישער״ באַפעלקערונג, ס׳ראָוו פאָלקס-דײַטשנ, וועלכע האָבנ אינ אַ יוימאָ-דעפּאַגראָ געהאָלפנ כאַפּנ ייִדנ, רויבנ, מאַכנ „אָרדנונג״ אינ געטאָ. די ייִדנ האָבנ זיי אָנגערופנ די „שוואַרצע״, מאַכמעס די שוואַרצע מונדירנ, וואָס זיי האָבנ געטראָגנ[1].

אַזויאַרומ האָט הימלער אינ דער אויסראָטונגס-אַקציע אַרײַנגעצויגנ אַלעמענ — סײַ די פּראָפּעסיאָנעלע פּאָגראָמשטשיקעס, אָנ אונטערשייד פונ נאַציאָנאַליטעט, סײַ די אָרטיקע ציווילע דײַטשישע באַפעלקערונג אונ אַלע אויסוואָרפנ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ פּוילישקײַט אונ זיכ פאַרשריבנ פאַר פאָלקס-דײַטשנ, פאַר שטאַמ-דײַטשנ.

איבער דער וואַרשעווער „פערניכטונגס-קאָמאַנדאָ״ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרנ אײנער פונ די גרעסטע מערדער — ריינהאַרדט; ער האָט זיכ צוגעקליבנ אַ „ווירדיקנ״ געהילפ — דעמ אָרטיקנ פאָלקס-דײַטש היימאַנ.

„איינזאַצ ריינהאַרדט״ (ריינהאַרדטס בריגאַדע) — אַזוי האָט זיכ אָנגערופנ די באַנדע, וואָס איז געווענ די דירעקטע אויספירערנ פונ דער בלוטיקער וואַקכאַנאַליע אינ וואַרשעווער געטאָ. „איינזאַצ ריינהאַרדט״ — שוינ בלויז דער קלאַנג פונ די צוויי ווערטער האָט אַרויסגערופנ אינ געטאָ שוידער אונ גרויל[2].

די גרויליקע מאַכינע איז דורכ הימלערנ געלאָזט געוואָרנ אינ גאַנג. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די טאָטאַלע פאַרטיליקונג פונ ייִדישנ שטאַמ. אינ פײַער אונ בלוט איז געפאַלנ איינ געטאָ נאָכ דער צוויי־

1 ריווקע פּעקער

2 לויטנ באַריכט פונ ייִדישנ נאַציאָנאַלנ ווידערשטאַנד־קאָמיטעט.

טער. פון אלע עקן פוילן, פון אלע לענדער, ווו עס האָט געבושעוועט דער בלוטיקער אָקופּאנט, זײַנען געלאָפן צוגן, אָנגעלאָדענע מיט מענטשלעכער מאסע — קיין טרעבלינקע, קיין בעלזשעץ, קיין מײַדאַנעק, סאביבור, קאָסעוו, כעלמנאָ, אָסווענטשים, קיין טאָרון, עלבינג און קעניגסבערג — צו די פּופּצן טויט-לאגערן, ווו ייִדן, ציגײַנער, סאָוועטישע קריגס-געפאנגענע, פּוילישע פרײַהײַטס-קעמפער, פראנצויזישע און יוגאָסלאווישע אנטיפאשיסטן זײַנען דערשטיקט געוואָרן צום טויט, איבערגעשמאָלצן געוואָרן אַף זייף, געברענט געוואָרן אין ריזיקע עלעקטרישע אויוונס, לעבעדיקע אומגעקומענע אין די פלאַמען פון קרעמאטאָריעס און אַף שײַטערהויפנס, פארניכטעט געוואָרן דורך גאזן, טויט-ברענגענדיקע אײַנשפּריצונגען, אומענטשלעכער אַרבעט, הונגער, מאגייפעס, קלעפּ און אויסצערונג.

יעדער טאָג האָט געבראכט נײַע טויזנטער קאָרבאָנעס.

די טאַליאָנים האָבן נישט גערוט, זיי האָבן געמאָרדעט באטאָג און באנאכט, אין וואָכעדיקע טעג און אין די זונטיקס און כאָגעס. א היטלער געסטאפּאָ-באאמטער האָט אליין זיך גערימט, אז אין פוילן קומען אום אין מעשעכ פון יעדער סעקונדע דרײַ-פיר ייִדן[1].

4

דער טאָג פון די קינדער[2]

„2-טער יול 1942. נאָכ א לענגערן איבערײַס נעם איך ווידער די פעדער אין האנט ארײַן און זעץ פאָר מײַן טאָגבוכ. איך קען נישט שווײַגן. באָכ מײַן יעדן מאָל זײַן אין דעם „ייִדן-קווארטאל" זידט אוף אין מיר דאָס בלוט. איך ווייס, איך וועל מיִעס אָפּשנײַדן. אויב מײַן נאָענטער מאָקעם-מענוכע וועט זײַן אפּן „פּאוויאק", וועט דאָס זײַן אן עמעסער געווינס. און אויב איך וועל מער נישט לעבן, זאָלן כאָטש בלײַבן אָט די פארשריבענע בלעטלעך. איך בין נישט קיין ייִד, א פּאָליאַק בען פּאָליאַק, מיר וועט די וועלט געוויס מוזן גלייבן.

3-טער יול. איך בין ווידער געווען בא אונדזער געאכטן און געליבטן דאָקטער. ער איז א ווונדערלעכער מענטש. די געטאָ האָט

---

1 „פּאָלסקאַ".

2 דאָס איז דער טאָגבוך פון דעם פּוילישן שלאָסער-ארבעטער ביכאל ווורובלעווסקי, וועלכער האָט געארבעט אין א ייִדישן קינדערהיים.

אַף אים אבסאָליוט נישט געווירקט, נישט אָפּגעשוואַכט זײַן ענערגיע, נישט אָפּגעשטעמפּט זײַן ליבע צו די יעסוימים. ער איז אַזוי ווי אין די אַלטע יאָרן אין דעם לופטיקן אַנשטאַלט אַף קראָכמאַלנע. נישט מער דאָס בלייכע געזיכט איז נאָך בלייכער געוואָרן, דאָס בערדל איינגאַנצן גרוי, דער הויכער שטערן צעשניטן מיט קנייטשן. אַלע באַוווּנדערן אָבער זײַן מעסירעסנעפעש. אַלע אין געטאָ זאָגן, אַז ווען נישט יאַנוש קאָרטשאַק, וואָלטן די יעסוימים שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער. ער איז אַף אַזויפיל אינערלעך פאַרפאַנצערט קעגן דער אַכזאָריעסדיקער וואָר פון דרויסן, אַז ער רעדט מיט אַ וויץ, מיט אַ שמייכל, מיט וואַרעמקייט. ער האָט אין שמועס מיט מיר געכויזעקט פון די דײַטשן, וועלכע פאַרווערן אים באַנוצן דעם אָנערקענטן ליטעראַרישן פּסעוודאָנים „יאַנוש קאָרטשאַק" און דערלויבן בלויז אָנרופן זיך מיטן ייִדישן נאָמען יאַקוב גאָלדשמידט. ער האָט זיך באַאומרויִקט וועגן מײַן פּערזאָן און מיך געבעטן, איך זאָל געבן אַ וואָרט, אַז איך וועל זיך שטאַרק היטן באַם אַרײַנגאַנווענען זיך אין געטאָ.

15-טער יול. דער שוידער ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. די בעסטיעס האָבן זיך גענומען צו די קינדער, צו די ייִדישע קינדער. אַ דאָקטערן פון אַ ייִדישן קינדער-שפּיטאָל אַף שענע-גאַס האָט מיר הײַנט געזאָגט, אַז אין דעם ביניען איז נישטאָ קיין צימער, וווּ די באַנדיטן, די „שוואַרצע" זאָלן נישט האָבן אַרײַנגעשאָסן.

27-טער יול. מע טאָר נישט שווײַגן. זאָל די ציוויליזירטע וועלט אויפגעציטערט ווערן פון אונדזער געשריי. אינדערפרי, שלײַכנדיק זיך צום געטאָ-מויער מיט אַ פּעקל מעדיקאַמענטן פאַר קאָרטשאַקס יעסוימים, האָב איך געטראָפן צוויי גרויסע פורן, אָנגעלאָדענע מיט טויטע קערפּערס פון פּיצלעך ייִדישע קינדער; זייער עלטער איז העכסטנס געווען צוויי יאָר... איך האָב זיך דערפרייט, ווען איך האָב דערזען אונדזערע יעסוימים לעבעדיקע און גאַנצע. אָבער די נעשאָמע האָט אין מיר געוויינט.

29-טער יול. דאָס שרעקלעכסטע האָב איך געזען נעכטן; איך בין געווען אַזוי שטאַרק אינערלעך צעטרייסלט, אַז איך בין אין אָוונט נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרשרײַבן קיין אָס. דאָס, וואָס איך האָב נעכטן געזען, הייסט — די ליקווידאַציע פון די קינדער אין געטאָ.

באַלד אינדערפרי איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אַ באַקאַנטמאַכונג,

אז אלע ייִדישע קינדער דאַרפֿן זיך שטעלן אויפֿן „אומשלאַג־פּלאַץ".

„אומשלאַג־פּלאַץ" — דאָס וואָרט ווייסן שוין אַלע. עס באַטײַט — שכיטע־פּלאַץ.

אויפֿן ראָג גענשע און אָקאָפּאָווע איז באַשטימט געוואָרן דער „אומשלאַג־פּלאַץ" פֿאַר די קינדער. אין ווינקל גאַס האָב איך געזען אַ גרופּע קליינע קינדער, עפּעס הונדערט פֿופֿציק און עפּעס צוויי הונדערט, צונויפֿגעקוועטשט אינאיינעם. אַקעגן זײַנען געשטאַנען צוויי דײַטשן, זיי האָבן געגרייט די ביקסן און זיי געצילט אין די קינדער. די קינדער האָבן געציטערט פֿון שרעק, געוויינט, געביסן די פֿינגער. אין אַ זײַט איז געשטאַנען אַ גרופּע ווײַבער — געווים די מאַמעס פֿון די קינדער. איין פֿרוי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער גרופּע, איז צוגעלאָפֿן צום דײַטש, גלײַך זי וואָלט אים עפּעס געדאַרפֿט אויפֿקלערן. זי האָט מיטן פֿינגער געוויזן אויף אַ קינד. דער דײַטש האָט אויף איר אָנגעשריִען און באַפֿוילן צוריקגיין אויף איר אָרט. ער האָט איר געדראָעט מיט דער ביקס. זי איז צוריקגעלאָפֿן. דער דײַטש האָט אויסגעשאָסן און זי אַוועקגעלייגט אויפֿן אָרט.

2־טער אויגוסט. הײַנט האָט מיר געזאָגט אַ כאַווער, אַז ער ווייסט פֿון אַ זיכערן קוואַל, אַז נאָך דעם נעכטיקן מאַכן־מאָרד איבער די קינדער איז די געטאָ אַנטשלאָסן אין איר ווילן צו ענטפֿערן אויף די גוואַלדטאַטן מיט גוואַלד. איך טייל פֿולשטענדיק די שטעלונג פֿון די ייִדן. איך האָב גערעדט מיט פֿרײַנט — מע דאַרף גרייטן הילף.

23־טער אויגוסט. דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז איך קען זיך נישט דערמאָנען די פּראָטים. נעכטן האָט די בלוטיקע כוואַליע דערגרייכט צו אונדזערע יעסוימים און פֿאַרשוווּנקט זיי באַנאַנד מיט אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן דאָקטער.

ווען די כאַפּערס זײַנען אַרײַן אין אַנשטאַלט, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ פֿולשטענדיקע באַהערשונג. ער האָט די קינדער באַרויִקט, מיט אַ סאַך מי געפּועלט בײַ די ראָצכים, די קינדער זאָלן אָפּעסן זייער בידנעם פֿרישטיק. ער האָט רויִק אויסגעהערט דעם פֿאָרשלאָג פֿון דעם דײַטשישן קאָמענדאַנט, אַז ער, ווי אַ דאָקטער און אָנגעשטעלטער פֿון אַן אָפֿיציעלער אינסטיטוציע, אַן אָנגעהעריקער צו דער ערשטער קאַטעגאָריע, האָט רעכט צו בלײַבן אין געטאָ, און פּונקט אַזוי רויִק, באַהערשט און ווירדיק האָט ער געענטפֿערט:

„איך קען ניט אָנעמען אײַער פאָרשלאָג, מײַן אָרט איז דאָרט, וווּ עס זײַנען מײַנע יעסוימים". ער האָט די קינדער אײַנגעשטעלט צו צוויי אין א ריי, דאָס שוואכסטע גענומען אפ די הענט, נאָך א קליינס גענומען פאר א הענטל, און אזוי—א גלײַכער, א רויִקער— ארויסגעשפאנט בעראָש פון זײַנע דערצויגלינגען אין דער ריכטונג צו דער לאָדונג-סטאנציע, צום טויט.

מיר וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן דײַן ליכטיקע געשטאלט, טאטע פון טויזנטער יעסוימים, עמעסער מענטש, שטאָלצער פּוילישער ייִד, טײַערער יאנוש קאָרטשאק!"

5

דער טאָג פון די זקיינים

נאָכן „טאָג פון די קינדער" איז געקומען דער „טאָג פון די זקיינים". די כאפּערס האָבן שוין געווילדעוועט נישט בלויז אפ די גאסן. זיי זײַנען געוואָרן כוצפּעדיקער און ווילדער, זיי האָבן זיך ארײַנגעריסן אין לעגאלע פאבריקן, אוועקגעריסן גרײַז-גדויע ארבעטער פון זייערע ווערקשטעלן און זיי אוועקגעפירט אפן אומשלאג-פּלאץ. „טעג פון זקיינים" האָבן זיך איבערגעכאזערט עטלעכע מאָל. דער סאמע גרויזאמער איז אויסגעפאלן אפ יאָמקיפּער [1].

אין טרויער און אוויילעס האָט זיך אָנגעהויבן דער כוידעש עלעל אין געטאָ. וואָס מער עס האָבן זיך דערנעענטערט די פּאָרכטיקע טעג, אלץ אומרויִקער איז געוואָרן די געטאָ, ווײַל געוווּסט האָט יעטווידער איינער, אז דער סוינע קלײַבט אויס דאפקע די טעג פון ייִדישע יאָמטויווים פאר זײַנע סאמע ווייטעקלעכסטע קלעפּ. אזוי איז דאָס געווען סוקעס-צײַט, אין סעפּטעמבער 1939, בײַם דער שוידערלעכער ארטילעריע-באשיסונג; דעמלט זײַנען פון דײַטשישע עראָפּלאנען איבערן ייִדישן ראיאָן געפאלן פלוג-בלעטלעך, באדרוקטע מיט ייִדישע אויסיִעס, און געשריבן איז דאָרט געווען אָט וואָס: „גוט-יאָמטעוו, ייִדעלעך! א פריילעכן סוקעס אײַך. אינגיכן וועלן מיר זיך זען און פּראווען סימכעס". אונטערגעשריבן: „די אויבער־קאָמאנדשאפט פון די דײַטשישע באוואָפנטע קרעפטן".

די אומרויִקײַט האָט זיך אויך דאָס מאָל ארויסגעוויזן פאר א

1 ווײַנקראנץ־שאַץ.

בארעכטיקטער. דער סוינע האָט צוגעגרייט א שוידערלעכע מאטאָנע לעקאָוועד יאָמטעוו.

יאָמקיפּער אינדערפרי האָט זיכ אָנגעהויבנ די „בלאָקאדע“—דאָס איז געווענ א נײַ וואָרט אינ דעמ געטאָ-לעקסיקאָנ. דעמ דאָזיקנ קריגסטערמינ האָבנ אינ געטאָ אײַנגעפירט די דײַטשנ. בלאָקאדע איז געווענ א מער גרויזאמע פאָרמ פונ ליקווידירנ ווי סטאמ גאסנ-אָבלאַווע. א גאנצער ראיאָנ אָדער א גאס איז אָפּגעצוימט געוואָרנ, אײַנ בלאָקירט געוואָרנ—קײנער קענ נישט ארויס אונ נישט ארײַנ: די באנדיטנ גייענ פונ הויז צו הויז, שיסנ, רויבנ, פארגוואלטיקנ, שלעפּנ אוועק אפנ אומשלאג-פלאצ.

פונ די דירעס אונ ווארשטאטנ, פונ די געהיימע געבעט-הײַזער, ווו מע האָט געהאלטנ אינמיטנ דאווענע, פונ דער איינציקער שול, ווו עס איז דערלויבט געווענ צו דאווענע יאָמימ-נוראָימ בעציבער אונ ווו עס איז פארנ אָמעד געשטאנענ דער בארימטער כאזנ גערשנ סיראָטע, האָט מענ גענומענ לויפנ אינ די באהעלטענישערטער, אינ די בונקערס אונ מאלינעס [1].

א טרויעריקע פּראָצעסיע פונ עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשנ שלעפּט זיכ איבער די גאסנ צומ אומשלאג-פלאצ. ארומגערינגלט דורכ די באנדיטנ פונ דער „פערניכטונגס-קאָמאנדאָ“, דורכ די „שווארצע“, דורכ עסעס-לײַט, גייענ די שוצלאָזע ייִדנ צו דער לאָדונג-סטאנציע.

זיי ווערנ אויסגעשטעלט אינ רייענ אונ ווארטנ אפ זייער גורל. דער סוינע פארגינט זיי אָבער די עטלעכע מינוט ווארטנ אויכ ניט. פונ די געבײַדעס, וואָס שטייענ לעבנ דעמ פלאצ, פונ הויכע פענצטער שטופּט אנ אומגעזעענע פארברעכערישע האנט ארויס א מוטער מיט א קינד, וועלכע פאלנ אראָפּ אונ באשפּריצנ דעמ ברוק מיטנ בלוט פונ זייערע צעטראסקעטע געהירנ.

מענטשנ שוידערנ אופ; זיי זעענ דעמ טויט פאר די אויגנ, זיי זעענ באשײַמפערלעכ זייער אייגענעמ שנעלנ סאָפ.

פונ דער צענטראלער געגנט קומט אפ א ריקשע צו פאָרנ דער קאָמענדאנט פונ דער געטאָ-פּאָליצײַ שערינסקי; עס גייט אימ נאָכ ווי א שאָטנ זײַנ פליגל-אדיוטאנט דער שפּיק לייקינ. שערינסקי

---

1 די גאנצע ווײַטערדיקע באשרײַבונג איז געבויט אפ נאָעמי ווײַנקראנצ-שאצס זיכרוינעס „אוועק מיטנ פײַער“.

שרײַט אַף די ייִדן, אַלעמײַ זיי שטייען נישט אין ריכטיקער אָרדע-נונג, ער שרײַט אַזוי, די עסעס-לײַט אַרום זאָלן הערן, ווי ער באַ-מיט זיך.

עס באַווײַזט זיך דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר שמעלינג: ער איז קאָמענדאַנט פון אומשלאַג-פּלאַץ, אויך ער גיט באַפעלן, וואַרפט זיך, זידלט.

אינגיכן ווערן זיי אַלע אַנשוויגן. שעריינסקי, שמעלינג, לייקין ציִען זיך אויס ווי אַ ווירע — אין אַ פּרעכטיקן אויטאָמאָביל קומט אַראָפּ דער דײַטשישער קאָמענדאַנט בראַון, דער פאַרטרעטער פון דעם גיירעש-קאָמיסאַר זייפערט. מיט די קעלבערנע, אויסגעווצטע אויגן באַקוקט ער דעם נײַעם טראַנספּאָרט. ער שרײַט אַף אַלעמען, סײַ אַף די געכאַפּטע, סײַ אַף שעריינסקין און שמעלינגען. וועגן עמעצער פון די געכאַפּטע געפעלט אים נישט, צינדט ער אָן דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַר, וואָס שטעקט בא אים די גאַנצע צײַט אין די ציין, ער פאַרציט דעם ציגאַר — דאָס איז אַ סיגנאַל פאַר די שאוליסטן, וואָס שטייען געהאָרכזאַם און האַלטן די שמירע; זיי דערשיסן אַפן אָרט דעם קאָרבן.

אינגיכן באַווײַזט זיך אַ נײַער אויטאָמאָביל. עס שפּרינגען אַרויס פיפיקע פאָטאָ-זשורנאַליסטן. עס ווערן פאָטאָגראַפירט דער אומשלאַג-פּלאַץ, די ייִדן, די אָרדענונגס-וואַכ. אַפּצומאָרגנס וועט זיך דאָס בילד באַווײַזן אין די דײַטשישע צײַטונגען מיט אַן אונטערשריפט: „אַזוי זעט אויס די נוצלאָזע, שעדלעכע ייִדישע מאַסע, וועלכע פרעסט אונדזער ברויט, אונדזער מאַרמעלאַד, אונדזערע גרינסן“.

אַזוי שטייט די טויזנטערקעפּיקע מאַסע. מיטאַמאָל ווערט אַ מאָדנע באַוועגונג אין די רייען. עס הערט זיך אַ קאָל: „ייִדן, עס איז דאָך דער יום-הדין, לאָמיר ענדיקן דאַווענען“. און ווי אַף אַ שטרענגן באַפעל שלעפּן עטלעכע ייִדן אַרויס פון אונטער די אויבערמאַלבושים טאַלייסים און ווײַסע קיטלען. אין איין אויגנבליק הילן זיך אַלע אײַן אין ווײַסן, און אַפן אומשלאַג-פּלאַץ, אונטער דער שמירע פון אַכזאָריעסדיקע מערדער, באַוואָפנטע ביז איבער די ציין, צעלאָזט זיך די געמיינזאַמע שטים פון עטלעכע טויזנט:

— ונתנה תוקף קדושת היום...

עס פאַלן די ערשטע זגלפּן. פאַרצווייפלטע ווײַ-געשרייען רײַסן דורך די לופט. פון ווייטעק מעשוגע געוואָרענע מאַמעס שרײַען: „וווּ זײַנען מײַנע קינדער?“

איבער דעם מעױעמדיקן אומקום-פּלאַץ, אין ווײַסע קיטלען, מיט בלוט באַשפּריצטע, וואַלגערן זיך הונדערטער זקײנים אפן ברוק פון דעם „אומשלאַג-פּלאַץ״.

אַזוי איז אין געטאָ דורך דער יאָמקיפּער 1942.
אַזוי איז דורך דער „טאָג פון די זקײנים״.

6

סעלעקציע

אַזוי האָט געהוליעט די פאַרטיליקונג טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך, פון פרי ביז פאַרנאַכט, ווען די הענקער, מידע פון שי-קערן, רויבן, הארגענען, גוואַלדעווען, פלעגן אַוועק אפ אָפּרו. אַזוי האָט זיך געצויגן דער בלוטיקער קאָנווייער פון 22-טן יול ביז 22-טן סענטיאַבער. אַזוי זײַנען אַדורך טעג, וואָס האָבן געטראָגן מעשונע-דיקע נעמען: „אָבלאַוועס״, „בלאָקאַדע״, „דעפּאָרטאַציע״, און וואָס האָבן אַלע געהאַט איין באַדײַטונג — מאַסן-מאָרד.

דעם 20-טן סענטיאַבער פאַרטאָג זײַנען ווידער די אײַנוווינער פון דער נײַער, אַרומגעשניטענער, פאַרשמעלערטער געטאָ, די אײַנ-וווינער פון די גאַסן פון ייִדישער אָרעמשאַפט, פון ייִדישן פּראָלע-טאַריאַט — מילע, ניזקע, דזשיקע—אַרויסגעטריבן געוואָרן אפ דער גאַס[1].

צוויי טעג האָבן ייִדן פאַרבראַכט אונטער פרײַען הימל — אָן עסן, אָן טרינקען, וואַרטנדיק אפ זייער גורל.

געדיכטע קייטן פון עסעס-לײַט, שופּאָ, „שוואַרצע״ האָבן אַרומגע-רינגלט די גאַסן, געהיט די שוצלאָזע, אָפּגעשוואַכטע מענטשן, אײַנ-געשטעלט זיי לויט פאַבריקן, לויט הײַזער.

נאָך צוויי טעג שטיין איז ענדלעך געקומען דער באַפעל: צו פינף אין א ריי זיך דערנעענטערן צום אָרט, ווו עס שטייט דער נאַצישער קאָנטראָליאָר.

באַם עק איז געשטאַנען א הויכער עסעס-מאַן; א שיקערער האָט ער זיך געוואַקלט אפ די פיס. אין דער רעכטער האַנט א רע-וואָלווער, אין דער לינקער — א נאַהײַקע.

---

1 דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז געבויט אפ די זיכרוינעס פון בעלאַ ווײַסבערג און אפ די באַשרײַבונגען אין דער אונטערערדישער צײַטונג „פּאָלסקאַ״.

עס דערנענטערן זיך די פינפטלעך, און דער עסעס-מאן דירי-זשירט:

— רעכטס! לינקס!

„רעכטס" האָט באטייט — צוריקגיין אין שטאָט, צו דער ארבעט, האָט באטייט — לעבן.

„לינקס" האָט באטייט — די ריכטונג צום אומשלאג-פלאץ, אפ גיירעש, האָט געהייסן — טויט.

דער דייטש האָט דורכגעלאָזן פינפווייז. א גרופע געזונטע, גוט-אויסזעענדיקע מענטשן — אפ רעכטס; א גרופע בלייכע, מאָגערע, נידעריקע — אפ לינקס.

דער עסעס-מאן האָט נישט בלויז געשמיסן מיט דער נאהייקע און אויסגערופן דעם גזאר-דין: „רעכטס!" און „לינקס!" ער האָט אייך אין א סאך פאלן געשאָסן גלייך אפן אָרט. דער גאנצער וועג צום „קאָנטראָליאָר", די גאנצע גאס איז פארוואלגערט געווען מיט מייסים. ארום דעם עסעס-מאן איז געלעגן א בערגל קינדערשע גופימלעך.

מאמעס האָבן געפרווט ראטעווען די קינדער מיט קאָל-האמיט-לען. מאמעס האָבן קינדער ארייַנגעשטופט אין ברויט-זעק. דער דייטש האָט לעכאטכילע נישט באמערקט די סיבע פון די אָנגעפילטע רוקזעק. דערנאָך איז בא אים געבוירן געוואָרן א כשאד. עס איז אים פארדעכטיק געוואָרן די גרויסע צאָל אָנגעפוישטע ברויט-זעק. ער האָט מיט א באגנעט אָנגעהויבן דורכשטעכן די זעק. עס האָט געשפריצט בלוט, עס זיינען אומגעקומען די קינדער, עס זיינען אומגעקומען די מוטערס.

אזוי האָט זיך געצויגן אין מעשעך פון עטלעכע טעג דער נייער מאָרד-קאראהאָד, וועלכן די דייטשן האָבן אָנגערופן מיט א זאכלעכן, אומשולדיקן נאָמען — סעלעקציע.

און אזוי האָט דער סוינע נישט געלאָזט דעם קאָרבן כאפן דעם אָטעם, אָפווישן דאָס בלוט פון די ווונדן, קומען צו זיך. אָן אופהער — פון יול ביז פרי-הארבסט — זיינען אפ דער געטאָ געפאלן קלעפ, איינער שווערער פון צווייטן, איינער גרויזאמער פון צווייטן.

פון 22-טן יול ביזן 22-טן סעפטיאבער זיינען פון דער וואר-שעווער געטאָ דעפאָרטירט געוואָרן אין די טויט-לאגערן 270 טויזנט מענער, פרויען און קינדער.

אין פארלויף פון דער צייט זיינען אפן אָרט, ביים די אָבלאוועס, בלאָקאדעס און סעלעקציעס, אפן בעסאלמען, אפן אומשלאג-פלאץ,

אפ דער גאס, אפ די טרעפ, אין די טויערן אומגעבראכט געוואָרן 150 טויזנט נעפּאַשעס.

לעערעכ אזויפיל האָבן לעסאַטע אויסגעמיטן דעם טויט. די „מאזלדיקע" זײַנען געבליבן אין געטאָ, אָדער האָבן זיכ אויסבאַהאלטן אפ „יענער" זײַט.

נאָכ דער לעצטער „סעלעקציע" האָט אויסוואַלד דערקלערט די „אַקציע" פאר פאַרענדיקט. דער אָקופּאַנט האָט נאָכ דערווײַל זיכ געניייטיקט אין געווײסע וויכטיקע ארבעטס-הענט; כוץ דעם, האָט זיכ די געסטאַפּאָ דערשראָקן פאר דער אָנוואַקסנדיקער ווידערשטאַנד-קראַפט בא די ארבעטנדיקע מאכן, בא דער יוגנט פונעם מיט בלוט אָפּגעייענדיקן „רעזערוואַט".

7

די שותפים פון מאָרד

אין זײַנע סטודענטישע יאָרן איז מיעטשיסלאַוו האַרוסעוויטש געווען איינער פון די גרעסטע שרײַער און שלעגער; פון פרי ביז אָוונט פלעגט ער שטיין פארן טויער פון פּאָליטעכניקום, באוואָפנט מיט א שטעקן, וואָס אפ זײַן עק האָט געשטעקט א שארפ ראזיר-מעסערל, און היטן, די יידישע סטודענטן זאָלן מיט גאנצע ביינער און גאנצע מאַלבושים נישט אוועקגיין אהיים. בײַם די לעקציעס פלעגט ער די גאנצע אויפמערקזאמקײַט אָפּגעבן דער „אָרדענונג", וועלכע עס האָבן געוואָלט אײַנפירן אינעם לעקציע-זאל די כטודענ-טישע קאָרפּאָראַנטן – דעהײַנע: פּוילישע קאַטוילישע כטודענטן, אין וועמענס אָדערן עס האָט געפּלאָסן „ריין-אריש" בלוט ביזן פערטן דאָר, זאָלן זיצן אפ רעכטס, יידישע – אפ לינקס, אין דער באַנק-געטאָ. דער סטודענט האַרוסעוויטש האָט געהערט צו דער פאַשיסטי-שער אָרגאניזאציע „פאַלאַנגאַ".

איצט האָט מיעטשיסלאַוו האַרוסעוויטש טריומפירט. טריומפירט האָט ער מאכמעס דעם, וואָס דער טרוים פון זײַן לעבן האָט זיכ פאַר-ווירקלעכט: די געטאָ האָט ארומגעכאַפּט שוין נישט בלויז די בענק פון דעם פּאָליטעכנישן לעקציע-זאל, נאָר אלע יידן, דעם גאנצן יידישן ראַיאָן. בא דעם אלעמען איז אָבער דער דאָזיקער ראַזיר-מעסערל-העלד געבליבן נישט אינגאנצן צופרידן.

האַרוסעוויטש האָט דערקלערט, אז ער טרעט ארויס „אין מיל-

כאָמע״ קעגנ די דײַטשנ, אונ איז צוגעטראָטנ ארויסצוגעבנ אנ אומ-לעגאל בלעטל אונטערנ נאָמענ „שאניעצ״ (זי באריקאדע). מיט זײַנ גאנצנ ברענ האָט זיכ מיעטשיסלאוו הארוסעוויטש „געוואָרפנ״ אפנ דײַטש אונ יעדע וואָכ שארפ אטאקירט אפ די שפאלטנ פונ דעמ „שאניעצ״ די היטלער-לײַט פאר זייער... באגיינ זיכ צו מילד מיט די ייִדנ.

ער האָט זיי פאָרגעוואָרפנ, אז זיי פירנ נישט אויס די פראָגראמ פונעמ „פירער״. דעמ 15-טנ אווגוסט 1940, נאָכ דעמ גיירעש קראָקע אונ נאָכנ אײַנפירנ די נירנבערגער געזעצנ אינ ווארשע, האָט הארוסעוויטש געשריבנ: „מיר זענ בעפיירעש א שטילע ייִדיש-דײַטשישע אוגאָדע. דער גרויזאמער אפנ פאפיר אונ דער ראשיקער ייִדישער עקזאָדוס פונ קראָקע, ווי אויכ די ווארשעווער פאראָרדענונגענ, זײַנענ טאקע אומגינסטיק, אָבער נישט ווערנטלעכ פאר די ייִדנ״[1].

ווענ אינ גאנצנ לאנד זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ געטאָס, האָט הארוסעוויטש אויסגעדריקט זײַנ מוירע, אז „די ייִדנ וועלנ דאָ קענענ נישט בלויז דויערנ, נאָר אפילע אויסדויערנ ווי א פאָלק״[2].

הארוסעוויטשעס לאגער, די פאלאנגע-לײַט, וועלכע האָבנ בעיערושע איבערגענומענ די סאמע מיעסע שטריכנ הענ פונ די ענדעקעס הענ פונ די פילסודטשיקעס, האָט „קאָנסעקווענט״ געהאלטנ, אז אינ דער ייִדנ-פראגע טאָר מענ זיכ נישט לאָזנ מיטרײַסנ דורכ מיטגעפיל אונ מיטלײַד. הארוסעוויטש האָט אינ יענע טעג, ווענ די געטאָ איז אָפגעגאנגענ מיט בלוט, געטײַנעט צו זײַנע מענטשנ: „אפ דער פראגע, וויאזוי דארפנ זיכ די פאָליאקנ באציִענ צו ייִדנ אינ אָנבליק פונ דער דײַטשישער אויסראָטונגס-אקציע, קענ איכ געבנ בלויז איינ ענטפער: ווי צו סאָנימ!״[3].

מיעטשיסלאוו הארוסעוויטש איז נישט געווענ איינזאמ אינ זײַנע גרויסע זאָרגנ וועגנ דעמ, וויאזוי ווערט מענ פּאָטער פונ די ייִדנ. עס איז אימ געקומענ צו הילפ דער האלב-אינטעליגענט פיעטרקעוויטש, וועלכער האָט געארבעט אפ צוויי פראָנטנ: ער איז געווענ אי אנ אָנגעזעענער רעדלפירער בא די פאלאנגע-לײַט אי אנ אָפטער ארײַנגייער אונ אנ אייגענער מענטש אפ שוכא-אלייע 23. קיינער האָט נישט געוווסט, פונוואנענ פיעטרקעוויטש האָט באקומענ

1 „שאניעצ״ פונ 15-טנ אווגוסט 1940.
2 „שאניעצ״ פונ 1-טנ יאנוואר 1941.
3 „שאניעצ״ פונ 1-טנ אָקטיאבער 1942.

א פויטעקע מיט געלט, פאר וועלכער ער האָט אויסגעבויט אַן אונ-טערערדישע אָרגאַניזאַציע „שווערד און סאָכע". פּיעטרקעוויטש האָט פּראָקלאַמירט א „נאַכט פון לאַנגע מעסער" קעגן די ייִדן. ער האָט געשיקט זײַנע מענטשן זוכן און נישטערן אין אַלע הײַזער און לעכער, טאָמער שטעקט ערגעץ א ייִד.

א „פּאָנעם-יאָפּעס" בא די פּאַלאַנגע-לײַט איז געווען דער אַטלעט קאַראָלאַק, וועלכן די וואַרשעווער צירק-ליבהאָבער האָבן געקענט אונטערן צונעמעניש „מוכא". דאָס איז שוין דאַמאָלט נישט גע-ווען קיין פליג. הויך און ברייט, מיט א קוואַדראַטנעם פּאָנעם און א נידעריקן שטערן פון א דעגענעראַט, האָט זיך דער דאָזיקער שלעגער געװאָלגערט אין די צײַטן פון דער אָקופּאַציע א נײַע, לײַכ-טערע און מער רעוועכדיקע פּאַרנאָסע. ער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון א באַנדע פּאַלאַנגע-לײַט און האָט אויסגעפירט אַלע פּײַכטע שטיקלעך אַרבעט, וואָס זײַנען נייטיק געווען פּיעטרקעוויטשן און קוטשעראַן, געמאַרדעט פּוילישע אַנטיפאַשיסטן, זיך געיאָגט נאָך ייִדן.

„שמאַלצאָווניקעס" — אַזוי רופט מען אָן די שאַנטאַזשיסטן פון קאַראָלאַקס שניט, וועלכע לויערן אַרום דעם געטאָ-אַרויסגאַנג, דרייען זיך אין די שכייניש גאַסן, ווימלען אַרום די געטאָ-ווענט, כאַפּן אַן אַנטלאָפענעם פון געטאָ, א שמוגלער, א פאַרשטעלטן, רינגלען אים אַרום, שלעפּן אים אַרײַן אין א טויער און שטעלן א גרויזאַמען אולטימאַטום: אָדער דאָס לעבן, אָדער דאָס געלט. פון דעם דאָזיקן שאַנטאַזש האָבן געצויגן כאַיונע נישט בלויז אונטערוועלט-טיפּן, ווי די אַלטע דעפענזיווע-לײַט וויבראַניעצקי און קאָסאָווסקי, ווי דער גאַנעוו אַנטאָניעווסקי, ווי די „מומע" מלינאַרטשיקאָווא, נאָר אויך אַזוינע מינים מענטשן ווי אַשטייגער — דער עלעגאַנטער אינזשעניער קאָניעצפּאָל, דער באַאַמטער סקאָקאָווסקי און ענלעכע דעמאָראַליזירטע טיפּן [1].

דאָס אַלץ איז ס'ראָוו געטאָן געוואָרן מיטן הייליקן פּאַסעק פון א „פרײַ גרויס פּוילן" אַף די ליפּן. דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן ס'ראָוו בא דער שטילער צושטימונג פון די רעאַקציאָנערן ביעלעצקי, דאָבאָשינסקי, מאַצקעוויטש, פון דעם גענעראַל אַנדערס, וועלכע האָבן פון לאָנדאָן און טעהעראַן דירידזשירט מיט דער טעטיקייט פון דער „פּאַלאַנגע". געבענטשט האָט די פאַרברעכערישע אַרבעט

1 לויט די נײַסטע פּוילישע געריכטס-מאַטעריאַלן.

דער גאלעכ טשעטשיאק, דער שילער פונ פּראנײַטיס, דער „העלד“ פונ דער שכיטע־העצע אינ פארמילכאָמעדיקנ פוילנ. דורכ יוליוס שטרייכערנ איז דער דאָזיקער אינקוויזיטאָר איַינגעלאדנ געוואָרנ קיינ נירנבערג אפ איינעם פונ די יערלעכע צוזאמענפאָרנ פונ דער פאשיסטישער פּארטיי. אנ אָנגעלאָדענער מיט דער נאציסטישער טויז־ע איז טשעטשיאק צוריקגעקומענ קיינ פוילנ. מיט לײַב-אונ-לעבנ האָט ער זיכ געוואָרפנ אפנ קאָרבנ.

אזוי האָבנ די דאָזיקע שוטפים פונ מאָרד מיטגעהאָלפנ די דײַטשישע אָקופּאנטנ אינ זייער טײַוולאָנישער ארבעט פונ אויסראָטנ מיליאָנענ אומשולדיקע מענטשנ.

8

דאָס דעמאָקראטישע פוילנ

די זיבעציקיאָריקע סטעפאניא סעמפּאָלאָווסקא האָט נישט אופגע־געבנ איר מעסירעסנעפּעשדיקע ארבעט אויכ אונטער דער שווערער דײַטשישער אָקופּאציע. זי איז ווײַטער געשטאנענ — א ווירדיקע, א טעטיקע, א גוטהארציקע — בא דער ארבעט, וועלכער זי האָט מאקריוו געווענ איר גאנצ לעבנ, בא דער ארבעט פונ ראטעווענ אונ העלפנ די גערודעפטע, די באאוולטע, די אומשולדיקע, די טויט-באדראָעטע. שוינ אינ פינפטנ יאָר האָט דאָס רעוואָליוציאָנערע ווארשע געקענט די שיינע געשטאלט פונ אָט דער איידעלער פוילישער אינטעליגענטנ, וועלכע האָט איבערגעריסנ מיט איר אריסטאָקראטישנ שיכט אונ איז אוועק צום פאָלק, אוועק אפ אונטערערדישער ארבעט. ווענ עס איז אופגעקומענ די פוילישע מעלוכע, אונ די רעאקציע האָט זיכ צעהו־ליעט, פארשפארט אינ די טפיסעס טויזנטער פרײַהייטס-קעמפער, איז סעמפּאָלאָווסקא געווענ די, וואָס האָט אָרגאניזירט פאר זיי הילפ סײַ יורידישע, סײַ מאטעריעלע, סײַ מאָראלישע. איר דירע אפ שטשיגלע־גאס איז געווענ דאָס צונויפקום-אָרט פונ דעם הײַכל אידייישע אדוואָקאטנ, די פּאָליטישע פארטיידיקער פונ די בעסטע פאָרשטייער פונ דער פוילישער אינטעליגענצ.

סטעפאניא סעמפּאָלאָווסקא איז געווענ איינע פונ די לײַדנשאפט־לעכסטע באשיצער פונ דער גערודעפטער יידישער נאציאָנאלער מינדערהײַט. זי האָט אינ זיכ פאראייניקט די בעסטע טראדיציעס פונ אָזשעשקאָ אונ זשעראָמסקי מיט די טיפע אײַנפלוסנ פונ דער הומא־

ניסטישער רוסישער קולטור פון טאָלסטאָי, גאָרקי, קאָראָלענקאָ. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט-מילכאָמע האָט זי ארויסגעלאָזט א בוך „די יידן אין פוילן", וואָס איז געווען א פלאמיקער פראָטעסט קעגן אנטיסעמיטיזם און א היסטאָרישער איבערבליק פון דעם אָנטייל פון יידן אין אופבוי פון פוילנסווירטשאפט און קולטור. אין יאָר 1920, ווען אפ פּילסודסקיס באפעל זיינען די יידישע זעלנער פון דער פוילישער ארמיי פארשפארט געוואָרן אין א קאָנצלאגער, אין א געטאָ הינטערן שטעטל יאבלאָנע, איז סעמפּאָלאָווסקא — באגלייט מיט זשעראָמסקין — ארויס מיט אן עפנטלעכן פלאמיקן פראָטעסט, מיט אופרופן, רעדעס, ארויס אין קאמפּ קעגן דעם זאָאָלאָגישן אנטיסעמיטיזם, פאר גלייכבארעכטיקונג פון די יידן. דער קאמפּ קעגן אנטיסעמיטיזם און פאר יידישער גלייכבארעכטיקונג איז בא אָט דער דרייסטער און קאָנסעקווענטער דעמאָקראַטקע געגאנגען האנט בא האנט מיטן קאמפּ קעגן רעאקציע און פינצטערניש ביכלאל, מיטן קאמפּ פאר די אידעאלן פון הומאניזם.

אין די צייטן פון געטאָ איז סעמפּאָלאָווסקיס שטוב ווייטער געווען א מאָקעם-מיקלעט סיי פארן פרייהייטס-קעמפער סיי פארן געטאָ-קאָרבן. זי איז געווען די ערשטע פוילישע טוערן, וואָס האָט אָרגאניזירט א געהיימע געזעלשאפט צו העלפן די יידן. זי איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן ארויסגעשטעקט א ברידערלעכע האנט דער געטאָ.

זי איז שוין אָבער געווען אלט און קראנק. זי איז געווען אונטער קעסיידערדיקער אופזיכט מיצאד די געסטאפּאָ-אגענטן.

נאָך איר טויט האָבן איר מיסיע אפ זיך גענומען אנדערע. סעמפּאָלאָווסקאס פריינט האָבן געשאפן די אומלעגאלע „ליגע צום קאמפּ מיט אנטיסעמיטיזם". די טוער פון דער „ליגע" פאלן איינגיכן אריין אין די הענט פון דער געסטאפּאָ.

אפ די כורוועס פון דער „ליגע צום קאמפּ מיטן אנטיסעמיטיזם" אנטשטייט א געהיימער קאָמיטעט צו ראטעווען און העלפן די יידן, צו שאפן זיי „ארישע" דאָקומענטן, באהאלט-ערטער, וווינונגען, געלט-מיטלען. דער קאָמיטעט טראָגט דעם נאָמען „ראט צו העלפן די יידן"; זיין קאָנספּיראטיווער נאָמען איז „זשעגאָטא". דער ראט האָט געהאט זיין צענטראלע אָנפירונג אין ווארשע; אָפּטיילונגען האָט ער פארמאָגט אין קראָקע, לאָדזש און לוואָוו. אין דעם „ראט צו העלפן די יידן" האָבן זיך באטייליקט אלע פוילישע דעמאָקראטישע ריכטונגען.

דער ראט צו העלפן ייִדן האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט רעטונגס-אַקציעס. ער האָט געפירט אַ ברייטע קאַמפּאַניע קעגן דער אַנטיסעמיטישער גיפט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, אַרויסגעגעבן אומלעגאַלע בראָשורן וועגן טרעבלינקע, לידער-זאַמלונגען פון פּוילישע דיכטער אויף ייִדישע טעמעס און ענלעכע מאַטעריאַלן. דער ראט האָט אויך געהאָלפן ייִדישע פּליטים זיך פאַרבינדן מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

אין די שווידערלעכע באַדינגונגען פון צעהוליעטן היטלערישן טעראָר, אונטער דער דראָונג פון טויט-שטראָף, האָבן זיך אַרויסגערוקט ערלעכע און מוטיקע פּוילישע מענטשן, אַרבעטער, אינטעליגענטן און מיט מעסירעסנעפעש געראַטעוועט און געהאָלפן די גערודפטע ייִדן, די קאָרבאָנעס פון ווילדסטן ווילקיר.

איבער דרייסיק ייִדן האָט געהאַט האַשגאָכע יאַן וועסאָלאָווסקי, אַ פּאָפּולערער רעזשיסער פון אַ קינדער-טעאַטער, אַ מענטש מיט פּראָגרעסיווע אָנשויונגען. דער דאָזיקער געלאַסענער, פאַמעלעכער, באַשיידענער מאַן האָט געדונגען פאַר די ייִדן, די אַנטלאָפענע פון געטאָ, דירעס, באַזאָרגט מיט עסן, געטרייסט, געשיצט קעגן בייזע צייגער פון די שכיינים. ווען עמעצער האָט אויסגעדריקט זיין שטוינונג, אַלעמיין ער שטרעקט זיין אייגן לעבן, האָט וועסאָלאָווסקי געענטפערט: „איך פיל אויס מיין מענטשלעכן און בירגערלעכן כויוו".

הונדערט פופציק ייִדן האָט פון אַ זיכערן טויט געראַטעוועט העבריק ווראָבלעווסקי, אַ שווים-אינסטרוקטאָר. דער דאָזיקער הויכוווקסיקער, אויסגעספּאָרטעוועטער יונגערמאַן האָט זיך געשטעלט פאַר זיין לעבנס-ציל די אויפגאַבע צו ראַטעווען ייִדן. מיט אַ ווונדערלעכער אַקשאָנעס איז ווראָבלעווסקי נאָכגעגאַנגען פוסטריט נאָך פעיס מאָרד-קאָמיסיע, אַלץ געטאָן אַרויסצורייסן כאָטש עמעצן פון בראַנדפייער [1].

פון מויל צו מויל האָט מען אין וואַרשעווער אונטערערד איבערגעפּליסטערט די נעמען פון די צוויי פּוילישע מאַרטירער, וועלכע זיינען געפאַלן אין שוץ פון די געיאָגטע און געפּלאָגטע ייִדישע מיטבירגער. דאָס זיינען געווען צוויי פּאָשעטע פּוילישע פאָלקסמענטשן, די גערטנער ליודאָמיר מאַרטשאַק און וואָלסקי, וועלכע האָבן אונטערן צודעק פון גרינסן-גערטנער אויף גריצער גאַס, אינעם

---

1 כאַים בוטערמאַן — פראָנט-נאָטיצן.

הארץ פון פוילישֿ-פּראָלעטארישן ראיאָן, אויסגעבויט א גאנצע נעץ אונטערערדישע דירעס, באזאָרגטע מיט עלעקטרע, וואסער, ווענטי־ליאציע. מארטשאק און וואָלסקי זײַנען אין איין קייוועך מיט די דורך זיי געשיצטע ייִדן געפאלן, געפאלן פון עסעסישע הענט, ארויס־געגעבענע דורך איינעם פון די פאלאנגע-לײַט[1].

געטריבן דורכן איידעלן געפיל פון מענטשן-ליבע, האָבן אויס־באהאלטן בא זיך ייִדישע פרויען, געראטעוועט ייִדישע קינדער, גע־שאפן „ארישע" דאָקומענטן פאר ייִדישע מענער דער גרײַז-גרויער ריכטער סטעפאן באטעיא, דער באקאנטער גינעקאָלאָג דר. פעליקס אדאמאָווסקי, וועלכער האָט נישט איין מאָל אײַנגעשטעלט דעם גרויען קאָפּ און אראָפּגעגאנגען אין דער פארבאָטענער געטאָ-זאָנע ראטעווען א שווער קראנקן, ווי אויך די פרוי מארטשענקעוויטש, א געווע־זענע פוילישע מעלוכע-באאמטע, וועלכע האָט אין סאמע הארץ פון „ארישן" ראיאָן, אפן ראָג פון מארשאלקאָווסקע און אויסלייזער-פלאץ אויסבאהאלטן קעסיידער צו עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס[2].

* * *

די פירער פון דער ארבעטער-באוועגונג אין דעם פוילישן אונ־טערערד, די פּפּר און פּפּס, די דאָזיקע בוטיקע מענטשן, וועלכע זײַנען געבליבן מיט זייער פאָלק, קעדיי צו אָרגאניזירן זײַן קאמף קעגן די אָקופּאנטן, האָבן קלאָר געזען דעם ווילדן אימפּעריאליסטישן פּאָנעם פונעם פאשיזם, זײַנען געפאר פאר דער גאנצער פרײַהייטס-ליבנ־דיקער מענטשהײַט, זיי האָבן געזען אין דער שוידערלעכער אנטי־ייִדישער העצע נישט בלויז א טויט-געפאר פאר די ייִדן, נאָר אויך א גרויסע סאקאָנע פאר פוילן, פארן פוילישן פאָלק, פארן קאמף פאר נאציאָנאל-מעלוכישער באפרײַונג. דער לאנגיאָריקער סאָציאליסטישער דעפּוטאט, רעדאקטאָר און רעדנער מיעטשיסלאוו ניעדזשיאלקאָווסקי, דער אופריכטיקער קעמפער פאר פּראָלעטארישער איינהײַט און וועטעראן פון דער פוילישער סאָציאליסטישער באוועגונג נאָרבערט בארליצקי, דער יונגער, היציקער סטאניסלאוו דיבוא, די לאנגיאָריקע פּאָליטארעסטירטע און קעמפער פאר דער ארבעטער-זאך וויעסלאוו גאָמולקא, נאָוואָטקאָ און אנדערע — די אלע האָבן באלד פון דער ערשטער צײַט פּאָרויס־

---

1 יאַן וועסאָלאָווסקי.

2 ראָכל שמולעוויטש — גוויַעס-איידעס.

געזען, אז די פּוילישע רעאַקציאָנערן פון פּילסודסקישן און יונג-ענדעקישן לאַגער וועלן פריִער אָדער שפּעטער גיין מיט די היטלע-ריסטן אַף אַ קאָמפּראָמיס, געפינען מיט זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך. די פירער פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי און פון דער פּאַרטיי פון די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן די דאָזיקע פּאָרויסשפּירונג זייערע געבראַכט צום אויסדרוק אין זייערע פּלאַמיקע אַרטיקלען אין דער אומלעגאַלער פּרעסע. די פּוילישע רעאַקציע האָט זיך בלוטיק נויקעם געווען אין אָט די פירער פון דער פּוילישער קאַמפּס-באַוועגונג. דעם אַלטן באַרליצקי האָבן זיי אויסגעליפערט אין די הענט פון געסטאַפּאָ, דעם פאַרהאַרטעוועטן קאָמוניסט נאָוואָטקאָ, אַ אַלטן קוילן-גרעבער, געררוידעפט ווי אַ געפּלאָגטע וואַלד-חיה. די דאָזיקע אַרבעטער-טוער זיינען אומגעקומען ווי העלדן אַף זייערע פּאָסטנס, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורכן בלוטיקן אָקופּאַנט.

אַף זייערע ערטער זיינען אופגעשטאַנען אַנדערע, וועלכע האָבן הויך געטראָגן די פאָן פון דעמאָקראַטישן פּוילן.

סטעפּאַניאַ סעמפּאָלאָווסקאַ, וואָלסקי און מאַרטשאַק, באַרליצקי, גאָמולקאַ, נאָוואָטקאָ — אָט איז דאָס פּאָנעם פון דעם דעמאָקראַטישן פּוילן, אָט זיינען די, וואָס האָבן אין די ציַיטן פון פאַראַכטונג, פון בייזער אַכזאָריעס, פון צעווילדעוועטן שעקער, פון גרענעצלאָזן עגאָיזם הויך און פעסט געהאַלטן די אומבאַפלעקטע פאָן פון מענטש-לעכקייט. די דאָזיקע אַנטיפאַשיסטן האָבן געראַטעוועט אין יענע טעג דעם עצם באַגריף מענטש.

די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן געהאָלפן די ייִדן ניט בלויז זיך ראַטע-ווען, נאָר אויך און קוידעם־כל — זיך פאַרטיידיקן, זיך קעגנשטעלן דעם בלוטדורשטיקן סוינע.

ד ר י ט ע ר   ט ײ ל

ווידערשטאַנד

1

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק

אין אָנבליק פון דער טויט-געפאַר האָט זיך נאָך שאַרפער ווי פריִער אָנגעצייכנט אין געטאָ דער טהאָם צווישן די לעגאַליסטן און די אונטערערדישע טוער, צווישן די צופּאַסלער און די, וואָס האָבן הויך געטראָגן דעם באַוווסטזײַן פון נאַציאָנאַלער און פּערזענלעכער ווירדע. ביידע הויפּט-ריכטונגען זײַנען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, ביידע זײַנען געוואָרן אַקטיווער ווי פריִער, אָבער ביים די ערשטע האָבן גענומען מיט מער אייפער ווי פריִער זאַמלען גאָלד, דאָלאַרן, בריליאַנטן אָפּ מעפּאיעס צו זײַן דעם אָדן, אָפּ אונטערקויפן די גרויסע און קליינע העכט פון מוטנעם נאַציסטישן וואַסער, האָבן די צווייטע מיט מער ברען און פלײַס גענומען זיך גרייטן צו ווידערשטאַנד.

די אָנפירונג פון דער געטאָ-אָפּטיילונג פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי האָט פאַרפליכטעט יעדעס קרײַזל אירן, יעדעס קעמערל, איטלעכן מיטגליד זיך ענערגיש לערנען שיסן און זוכן דורך קאָלערליי מיטלען געווער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קורס פאַר מיליטערישע אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן בפֿירוש מיט דערלערנען דעם שלאַכט-פּאַך און זײַנען מעכויעוו געווען איבערטראָגן אַלע זייערע דערגרייכונגען אין די קעמערלעך און אָרגאַניזאַציעס פאַר אַלע כאַווײרים[1].

צום ערשטן מאָל איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אַריבערשיקן מענטשן אָרגאַניזירטערהייט אין די אַרומיקע וועלדער, אין די פּאַרטיזאַנישע מאַכנעס. די ערשטע פּאַרטיזאַנישע מאַכנעס פון די וואַרשעווער יידן האָבן זיך גרופּירט אין די לוויטשער וועלדער, דערנאָך אין די מעזריטשער, פּאַרטשעווער און הרוביעשאָווער. עט-

---

1 קאַזשיע קאַגאַן — גה׳ליעס־איידעס.

לעכע אָפּטיילונגען זײַנען אײַנגעגאַנגען אומגעקומען אין קאַמף מיט די שטראָף-עקספּעדיציעס פֿון עסעס; אַ סך זײַנען פֿאַרטיליקט געוואָרן דורך די פּוילישע פֿאַשיסטן, דורך די פֿאַלאַנגע-לײַט.

שוין דעמאָלט האָבן זיך צוויי וווּנדערלעכע געשטאַלטן אַרויסגערוקט אין אונטערערד פֿון וואַרשעווער געטאָ, צוויי יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן באַדעקט זיך און זייער פֿאָלק מיט אייביקן רום.

ריווע טייטעלבוים[1] איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1918 אין לאָדזש בײַ פֿרומע, כסידישע, סאָכרישע עלטערן; ווי דער שטייגער איז געווען אין כסידיש-נעגידישע פֿאַמיליעס, האָט מען די ייִנגלעך געהאַלטן אין שטרענגער פֿרומקײַט, די מיידלעך האָט מען געגעבן אייראָפּעיִשע בילדונג און געשיקט אין די „קלאַסן". ריווע — די שול-כאַווערים האָבן זי געקענט אונטערן נאָמען ניוטאַ — האָט געענדיקט גימנאַזיע, איז אַרײַנגעטראָטן אין אוניווערסיטעט, זיך געלערנט מיט וווּנדערלעכע פֿלײַס, אָבער קיין סך נאַכעס האָט זי די באַלעבאַטישע עלטערן נישט פֿאַרשאַפֿט. די דאָזיקע יונגע סטודענטקע, וואָס האָט אין איר מיידלש האַרץ געטראָגן אַן אומגעהייער געפֿיל פֿון גערעכטיקײַט, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט ראַדיקאַלע אידייען, זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער מאַרקסיסטישער שילער- און סטודענטן-אָרגאַניזאַציע.

ווען די דײַטשישע כאַיאָלעס זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף פּוילן, לויפֿט ניוטע קיין לוואָוו; זי טרעט אַרײַן אין אוניווערסיטעט און צייכנט זיך אויס מיט נישט-דורכשניטלעכע פֿייִקײַטן און אַקשאָנעסדיקן פֿלײַס. אין יוני 1941 עוואַקוירט זי זיך ווי טויזנטער אַנדערע; דער וועג איז אָבער שוין אָפּגעשניטן, אַרום און אַרום איז דײַטשיש מיליטער; איין וועג איז בלויז אָפֿן — צוריק וואַרשע. זי גייט אַהין, זוכט אויף אין געטאָ די אַלטע כאַווערים — די סטודענטן „מיעטעק" און „העניעק" און וואַרפֿט זיך אַרײַן אין אונטערערדישער אַרבעט. די געטאָ באַשענקט זי מיט אַ כיינעוודיקן נאָמען „וואַנדע מיט די צעפּלעך".

ריווע — ניוטע איז יונג און שיין. זי פֿאַרמאָגט גרויסע בלויע אויגן, וועלכע זײַנען די אומשולד אַליין; זי האָט לאַנגע געדיכטע העל-בלאָנדע צעפּ; איר פּנים איז איידל, רעגולער, מאַט-בלייך; „אַ פּנים פֿון אַ מאַלעך", זאָגן פֿאַרבײַגייער. זי רעדט אויסגעצייכנט

[1] קאַזשיע קאַגאַן.

פויליש און דײַטש מיטנ ריינסטנ אקצענט. מיט דער זעלבער אקשאָנעס און פלײַס, מיט וועלכע זי האָט זיכ געלערנט, פירט זי איצט אויס אלע אויפגאבנ פונ דער אָרגאניזאציע. זי ווערט א מיטגליד פונ דעמ אינסטרוקטאָרנ-קרײַז, וואָס דארפ באהערשנ אינ א קורצער צײַט דאָס מיליטערישע פאכ. אינגיכנ הייבט זי אָנ לערנענ אנדערע. א שרעקלאָזע און א באשאָנקענע מיט יענער מאטאָנע פונ דער נאטור, אדאנק וועלכער זי קענ שנעל געווינענ דעמ צוטרוי און סימפאטיע פונ מענטשנ, רוקט זיכ די כאווערטע ניוטע ארויס אינ די פאָדערשטע רייענ. אדאנק איר „ארישנ" אויסזענ קענ זי זיכ פרײַ באוועגנ אפ „יענער" זײַט. „וואנדע מיט די צעפּלעכ" ווערט איינע פונ די, וואָס פירט אריבער ייִדישע יוגנט אינ די וועלדער, זי איז איינע פונ די פּיאָנערנ פונ דער פארטיזאנישער באוועגונג בא ייִדנ אינ פוילנ. זי פאלט אָפט פונ וואלד ארײַנ אינ געטאָ. מע קענ זי נישט בלויז אלס ניוטע און וואנדע, נאָר אויכ אלס „די קליינע".

אנ אנדערע איז טאָסיע אלטמאנ[1]. זי שטאמט פונ וולאָצלאוועק, פונ דער טיפער פוילישער פראָווינצ. טאָסיע האָט פונ איר היימ ארויסגעטראָגנ נישט בלויז א פעסטנ געזונטנ גופ, נאָר אויכ יענע ראָמאנטיק, וועלכע האָט באפרוכפּערט א טייל פונ דער ייִדישער ליטעראטור. פונ די ערשטע יאָרנ אָנ אנ ארבעטס-מענטש, א מעדיצינישע שוועסטער אינ איינעמ פונ די ווארשעווער שפּיטאָלנ, איז טאָסיע אויסגעוואקסנ ווי א זעלבשטענדיקע און אקטיווע פרוי. א בילד-שיינע, מיט גאָלדיק-בלאָנדע האָר און בלויע אויגנ, האָט זי געקענט, פונקט ווי ניוטע טייטעלבוימ — זיכ באוועגנ אָנ מוירע אפ דער „ארישער" זײַט. טאָסיע איז געוואָרנ אנ אויסגעצייכנטע אווטאָמאטלערנ. אויכ זי איז געוועזנ פונ די ערשטע, וואָס זײַנענ אריבער די הויכע געטאָ-וואנט און ארויס אינ וואלד. דאָ האָט זי זיכ אינ א קורצער צײַט קוינע-שעמ געווענ, ווי איינע פונ די שרעקלאָזסטע און קליגסטע קעמפער, און דער וואלד האָט באוווּנדערט אירע גלענצנדיקע לויער-אָנפאלנ. טאָסיע האָט איינמאָל געכאַפּנ עטלעכע דײַטשישע אָפיצערנ און זיי אזוי באצויבערט מיט איר פּרעכטיק דײַטש, אז זיי האָבנ אויסגעדריקט זייער גרייטקײַט צו באגלייטנ זי. דאָס העלדישע מיידל האָט זיי פארשלעפּט אינ א לויער-אָרט, און דאָ זײַנענ זיי אלע דערשאָסנ געוואָרנ.

---

1 בערל ספּיצ — גוויִעס-איידעס.

טאָסיע האָט געהאַט א נייגונג צו שרײַבנ א סאַך בריוו צו פרײַנט אונ כאַווײרים. זי האָט אויסגעאַרבעט א ספּעציפֿישנ סטיל פונ קאָנספּיראַטיווע בריוו. זי האָט — ווי א סאַך אַנדערע פונ געטאָ — צומ גערנסטנ באַנוצט די שפּראַך פונ ביבל. אירע צאָלרײַכע בריוו צו פרײַנט אינ אויסלאַנד זײַנענ א גלענצנדיקע אילוסטראַציע צו דעמ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ געטאָ.

אינ די אומרויִקע טעג פונ ערעוו דער ערשטער ליקווידאַציע איז טאָסיע אַלטמאַנ געווענ אינ געטאָ. פאַרגראָבנ דעם אווטאָמאַט ערגעץ אינ א האַכשאַרע-גאָרטנ, האָט זי גענומענ די פעדער אינ האַנט אונ אָנגעשריבנ א בריוו צו אירע כאַווײרים מיכוץ-לאָאָרעץ; דער דאָזיקער בריוו איז איינער פונ די זעלטנסטע דאָקומענטנ, וואָס זײַנענ געבליבנ פונ יענער צײַט, פונ ערעוו דעמ בלוטיקנ שטורעמ אינ וואַרשעווער געטאָ:

„עס איז זייער מעגלעך, אַז גײַרושאָוויטש וועט אַריבערפאָרנ קיינ אַדאַמאָווסק, אונ עלעפאָווסקי וועט זיך איבערטראָגנ צומ הער קילאָ-יענאָוו. אונדזער מומע אָלאַמאָווסקאַ העלפט אונדז נישט. זי פאַרמאָגט טאַקע נישט איצט אַזעלכע מיטלענ ווי פריִער, אָבער ווענ זי וואָלט זיך מיט אונדז מער אינטערעסירט, וואָלט מענ עפשער געקענט אויסמײַדנ אַזעלכע נעסיִעס, ווי קיינ אַדאַמאָווסק, אָדער צומ הער קילאָיענאָוו. הער פאַכאַדסקי איז קעסיידער מיט אונדז. האַריגמאַנ, טעוואַכאָוויטש אונ גאַזיג שיקנ איבער א גרוס”[1].

דעמ שליסל צו אָט דעמ שיפר קענ מענ לײַכט געפינענ אינ דער העברעיִשער שפּראַך. גײַרוש באַטײַט אַרויסשיקונג, אַדאַמאָ — ערד, עלעפ — טויזנט, קילאָיענ — פאַרניכטונג, אָלאַמ — וועלט, פאַכאַד — שרעק, האַריגאָ — מאָרד, טעוואַכ — פאָגראָמ, גאַזיג — גאַזנ.

אַזוי האָט די געטאָ-אונטערערד שוינ אינ אַפּרעל 1941 געוואָרנט די ציוויליזירטע וועלט קעגנ דער אָנקומענדיקער פיזישער אויסראָטונג פונ די ייִדנ אינ פוילנ.

אינ מאַרט 1942 האָט די פּוילישע אַרבעטער-פּאַרטיי גערופנ א באַראַטונג פונ אַלע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אונ געשטעלט פאַר זיי די פּראָבלעמ פונ שאַפנ טייקעפ אַנ איינהײַטלעכע אָרגאַניזאַציע אָפּ אָנצופירנ אונ צו קאָאָרדינירנ די אַקציעס פונ ווידערשטאַנד אונ רעטונג[2].

---

1 לויט דער זאַמלונג „בריוו פונ געטאָ”, אַרויס אינ טעל-אַוויוו.

2 קריסטינאַ קאָוואַלסקאַ.

אזוי איז אין אָנבליק פון דער טויט-געפאר געבוירן געוואָרן אין געטאָ דער אנטיפאשיסטישער בלאָק, אין וועלכן עס זיינען אריין די פפר, פויאלע-ציון, שאָמרים, האלוצים און די דעמאָקראטישע ציוניסטישע יוגנט. דער „בונד" איז לעסאטע אין בלאָק ניט אריין. דער אנטיפאשיסטישער בלאָק איז צוגעטראָטן ארויסצוגעבן אן אונטערערדישן פרעסע-אָרגאן — „דער רוף"[1]. דער בלאָק איז געוואָרן דער קויעך, ארום וועלכן עס האָט זיך צעמענטירט אלדאָס ערלעכע, מוטיקע, ווירדיקע, געזונטע. דער בלאָק האָט דערקלערט א קאמף אף לעבן און טויט דעם דאם-סוינע פונעם יידישן פאָלק — די דייטשישע פאשיסטן און די קאפיטוליאנטישע עלעמענטן אין געטאָ גופע. דער בלאָק האָט זיך פארבונדן מיט דער פראָגרעסיוו-דעמאָקראטישער פוילישער פרייהייטס-באוועגונג.

2

דער פאריייניקטער געזעלשאפטלעכער ראט פון געטאָ-אונטערערד[2]

א סמאליענדיקער יול-טאָג; א פראָסטער מיטוואָכדיקער טאָג.

פארן טויער שטייט א יונגער יאט. דאכט זיך — א צופעליקער מענטש, וואָס האָט אהער גראָד פארבלאָנדזשעט.

אקעגניבער שפאצירט א פאָרל, געאָרעמט. א מאָדנע אידיליש בילד אין סאמע מיטן פון פארצווייפלונג, אומגליק און טויט, א בילד, וואָס איז א שרייענדיקער קעגנזאץ צום ארומיקן גרויל.

דאָס איז די וואך פון דער אונטערערדישער געטאָ. זיי היטן דעם אריינגאנג אין דער קאָנספיראטיווער דירע, ווו עס קומט פאָר עפעס אויסערגעוויינלעכס.

אין אן ענג שטיבל זיצן מענטשן — עלטערע און יונגע, גרויע, אלט-באקאנטע פיגורן, און אזעלכע, וועלכע זיינען ערשט אין געטאָ געזעלשאפטלעך אויסגעוואקסן — דער אונטערערדישער פאריייניקטער געזעלשאפטלעכער ראט פון געטאָ.

אויסערלעך א באהערשטער און אינערלעך א זידנדיקער, זיצט

---

1 דר. א. בערמאן — ראדיאָ-רעדע צום צווייטן יאָרטאָג פון געטאָ-אופשטאנד.

לויט די מאטעריאלן פון אונטערערדישן נאציאָנאלן ווידערשטאנד-קאָמיטעט.

אינ ווינקל דער פאָרשטייער פונ פפר יאָסעפ לעווארטאָווסקי, פונ אימ שטראָמט א קויעכ, וואָס צווינגט ארופ אנדערע אנטשלאָסנקייט. דאָס ברייטע, אָפענע געזיכט פלאמט; דער אלטער יאָסעפ ווייסט, אז דאָס דרייצנטל, וואָס קריכט נאָכ זיינע שפורנ, וועבט ארומ אימ א שפינוועבס, וויל אימ פונ די לאפעס נישט ארויסלאָזנ. ערשט נעכטנ האָבנ אימ די פריינט פונ „יענער״ זייט א פאָרשלאָג געמאכט — ארויסגיינ צו זיי, זיכ אויסבאהאלטנ, איבערדויערנ די קריטישע צייט; ער האָט דעמ פאָרשלאָג נישט אָנגענומענ. „מיינ אָרט איז צווישנ די ברידער מיינע״, — איז זיינ ענטפער געווענ. ער מוז די געטאָ צו מיסימ אופשטעלנ.

לעבנ לעווארטאָווסקינ — שאכנע זאגאנ אונ דר. אווראָמ בערמאנ, די פירער פונ די לינקע פויאלע־ציינ. שאכנע — א הויכער, ברייטפלייציקער, אויסגעגלייכטער, א מונטערער אונ געמיטלעכער, א געוועזענער מאיאָר פונ דער עסטרייכישער ארמיי — איז א זייער פאָפולערע געשטאלט אינ געטאָ. ער האָט אינ זיכ פאראייניקט וויסנ, דרייסטקייט אונ א גרויסנ כוש פאר פראקטישקייט, פאר ווירקלעכקייט. א גלענצנדיקער אָרגאניזאטאָר, האָט ער אוועקגעשטעלט א ריי האלב־לעגאלע ארבעטער־אינסטיטוציעס, הילפס־אָרגאנענ, שולנ. אנ אויסגעצייכנטער פובליציסט, האָט ער מיט שטאָלנ וואָרט גערופנ דאָס פאָלק „לעבנ ווירדיק אונ שטארבנ ווירדיק!״

זיינ כאווער אונ נאָענטסטער מיטארבעטער דר. אווראָמ בערמאנ איז אויסערלעכ זאגאנס היפעכ — א בלייכער, אנ איידעלער, מיט א שטארקער נייגונג צו טעאָרעטיזירנ; א מענטש מיט ברייטנ וויסנ, א קענער פונ פסיכאָלאָגישע אונ פעדאגאָגישע וויסנשאפטנ, איז בערמאנ אויכ א פראקטיקער. ער איז געווענ איינער פונ די, וואָס האָבנ פארשטאנענ די נויטווענדיקייט אריבערצוגיינ פונ זעלבסטהילפ־טאקטיק צו אנטשיידענעמ באוואָפנטנ קאמפ.

דער פערטער אָנטיילנעמער פונ דער וויכטיקער זיצונג — מאוריצי אושעכ, דער פאָרשטייער פונ „בונד״. א מענטש, וואָס איז נישט געווענ אזוי אָרגאניש פארבונדנ מיטנ פאָלק, ווי לעווארטאָווסקי אונ זאגאנ, א געבילדעטער עקאָנאָמיסט, וועלכער האָט די אויגנ געהאט געווענדט צו דער רעפאָרמיסטישער פפס, האָט אושעכ געשטעקט נאָכ אינ אלטע, נישט אויסגעלעבטע פאָרורטיילנ. אָבער אויכ ער איז געקומענ א פארטיקער צו ווידערשטאנד, האגאמ די וועגנ זיינענ פאר אימ נישט אזוי קלאָר געווענ, ווי פאר די פריערדיקע. צוזאמענ מיט

אזשעכנ איז אלס פאָרשטייער פונ „בונד” געקומענ דער יוגנט־טוער אבראשע בלום.

וויַטער זיצט דער יונגער יאָסעפ קאפּלאנ, דער אָנפירער פונ די שאָמרים. זיַנע באַוועגונגענ און רעאגירונגענ — איינ שטיק גליִענדיק פיַער, זיַנע ארויסזאָגונגענ — הייס, קאָכעדיק, אומגעדולדיק; עס צעשפּארט אים דער ענטוזיאזם; עס מוז אים צוימענ די מעיושעוודיקיַט פונ די כאווײרים. ער איז איינער פונ די דרייסטע געטאָ־קעמפער, וואָס האָט זיכ באליבט געמאכט אויכ בא די כאווײרים פונ דעם פוילישנ אונטערערד.

לעבנ דעם אָפּגעשוואכטנ, שלאפנ שיפער, וועלכער איז אהער געקומענ גלייַכ פונ קראנקנ־בעט און וועלכער דערמאָנט זיכ די יאָרנ באלד נאָכ דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווענ ער — נאָכ אינ א מונדיר פונ א קירעשנ[1] לאנדשטורמיסט — האָט אָרגאניזירט די ערשטע ארבעטער־זעלבשוצ קעגנ פּאָגראָמענ אינ כעלמ, לעבנ שיפערנ — זיַנ אידייִשער כאווער מענאכעמ קירשנבוים. ביידע רעפּרעזענטירנ זיי אינעמ פּארייניקטנ געזעלשאפטלעכנ ראט די דעמאָקראטישע ציִעניסטנ, וועלכע קענענ אויכ נישט פארטראָגנ די בושע און פּיַינ. קירשנבוים — א העברעיִשער לערער, א היציקער און רירעוודיקער. ער פּאכט זיכ איַנ אינ דער אלגעמיינער שטימונג פונ דער זיצונג.

ענלעכ צו קירשנבוימענ איז זישע פרידמאנ, דער איינציקער פאָרשטייער פונ דער אָרטאָדאָקסיע, דער פירער פונ די פּועלעאגודאס־ייִסראָעל. אנ אלטער קאנאָי, א הייסער כאָסיד מיט א געזעלשאפטלעכער אויסשולונג, וואָס קענ מיטרײַסנ די פרומע מאסע, האָט זיכ רעב זישע פרידמאנ פונ די ערשטע געטאָ־טעג אריַנגעוואָרפנ אינ קלאל־ארבעט, געראטעוועט יעכידימ און גרופּנ, געזאמלט געלט פאר הונגעריקע, אָרגאניזירט דאָס אנטלויפנ קיינ אויסלאנד, ארויסגעטראָגנ די געשענדטע ספייפער־טוירעס אינ אונטערערד, דאָ זיי באהאלטנ און געשיצט. די עמונע איז בא אים מער נישט געווענ קיינ אידעאלער ציל, זי איז געוואָרנ א מיטל צו שטארקנ דעם גײַסט, צומ קאמפ פאר אויסדויער. אינ איר נאָמענ האָט ער מאכדימ געווענ בויגדימ, מאָסרימ, שאנטאזשיסטנ, די אויכרײ־ייִסראָעל. אינ איינ ריי האָט ער זיכ געשטעלט מיט די אלע, מיט וועלכע ער

1 עסטרײַכישנ.

האָט אמאָל געשטריט, און זיי ווידער האָבן דעם אלטן קאנאָן אין זייער קאמפּ-מאכנע ארײַנגענומען.

לעבן רעב זישען—דער בארימטער פּיאניסט אלעקסאנדער לאנדוי, דער פאורטרעטער פון דער אסימיליאטאָרישער שטרעמונג.

צו דער זיצונג איז אויך געקומען יִצחאָק גיטערמאן, דער אַלטער „דזשאָינט"-טוער און קלוגער פּראקטיקער, דער „פינאנצ-מיניסטער" פון דער געטאָ-אונטערערד. עס איז געקומען דער צווייטער, נערוועזער לערער יאָסעף סאק, וועלכער איז שיווע-מעדורע-געהענעם אין זײַן היימישן טשענסטאָכאָווו דורכגעגאנגען; ער דאַרף דאָ זײַן פּארטיי, די רעכטע פּועלע-ציון, פאורטרעטן.

און צום סאָף—דער, וואָס דארף אלץ פארצייכענען, האגאמ די זיצונג איז שטרענג קאָנספּיראטיוו, דער באַל-פּינקעס פון געטאָ—דר. עמאנועל רינגעלבלום.

דער פארייניקטער געזעלשאפטלעכער ראט האָט זיך צונויפגענומען ארומצורײדן די געשאפענע טראגישע לאגע און צו זוכן אן אויסוועג. דער אויסוועג איז—אן איינהײַטלעכער נאציאָנאלער פראָנט, א באוואָפנטער ווידערשטאנד.

נאציאָנאלער פראָנט? דער פאָרשטייער פון „בונד" מאוריצי אורשעכ האָט באוואָרענישן פון זיינע „פּרינציפּיעלן" כאראקטער. און עס האָט געדארפט קומען איין שווערער קלאפּ נאָכן צווייטן, אזשעכ זאָל סאָפקאָל-סאָפ, אין א צײַט ארום, מאסקים זײַן אפ אָט דעם איינציק ריכטיקן וועג[1].

באוואָפנטער ווידערשטאנד? דאָס איז קאָשע די רעכטע. עס שרעקט זיי די מוירע, דער ווידערשטאנד זאָל נישט אופרייצן נאָך מער די היטלעריסטישע כײַע-ראָע.

האגאמ אלע פארשטייען, אלע שטימען צו, קענען נאָך נישט אלע פועלן בא זיך צו זאָגן דאָס לעצטע, אנטשלאָסענע וואָרט. דאָס וואָרט „געווער", דאָס וואָרט „אופשטאנד" שוועבט אין דער לופט, ליגט אפ אלע צונגען, און דאָך—איז אזוי שווער צו מאכן דעם לעצטן טריט אין אומבאקאנטן, אין דער צוקונפט.

שטערבן וועט אָבער נישט קיינער; פארקערט—מע וועט העלפן אין דער הייליקער ארבעט.

די הויפּט-לאסט ליגט ווײַטער אפ דעם אנטיפאשיסטישן בלאָק, אפ די ארבעטער-ריכטונגען. פון זיי קומען די ווײַטערדיקע געוואגטע שריט.

---

1 לויט די באריכטן פון דעם יִדישן נאציאָנאלן ווידערשטאנד-קאָמיטעט.

3

פאסיווער ווידערשטאנד

אינעם פאָלק האָט זיכ אָנגעהויבנ א באוועגונג פונ פאסיווג ווידערשטאנד. מע האָט זיכ אלצ מער און אלצ טיפער באגראָבנ אינ אונטערערד. עס זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ מאלינעס, בונקערס, היילנ און קאטאקאָמבעס. מענטשנ האָבנ אלצ אָפטער און דרייסטער געשטעלט א ווידערשטאנד בייס די כאפונגענ, זיכ געריסנ פונ די כאפערס הענט, אנטלאָפנ פונ די רייענ, פונ אומשלאג-פלאצ, פונ וואגאָנ.

אינ אָט דער באוועגונג האָט זיכ ארויסגערוקט א ריי מערקווירדיקע געשטאלטנ סײַ פונ פּאָשעטנ פאָלק סײַ פונ דער אינטעליגענצ, וועלכע זײַנענ געוואָרנ טרעגער פונ נאציאָנאלער ווירדע און מארטירער פארנ קלאל.

* * *

„דער קעניג פונ די שלעפער" — אזוי האָט די געטאָ אָנגערופנ דעמ מיטליאָריקנ אָפּגעריסענעמ האלב-אינטעליגענט גאָלדשטיינ[1]. אייגנטלעכ איז ער קיינמאָל קיינ שנאָרער נישט געווענ. ארויסגעשווומענ אפ דער אויבערפלאכ איז ער ערשט אינ געטאָ. קרוע-בלוע פלעגט ער ארומגיינ פונ גאס צו גאס און פונ הויפ צו הויפ און זינגענ סאטירישע לידער, וואָס ער האָט אליינ פארפאסט, אפ היטלערנ, אפ דער געסטאפּאָ, אפ דעמ יידנראט און אפ דער אָרדענונגס-וואכ. ער האָט זיכ פונ דעמ זינגענ נישט געמאכט קיינ פארנאָסע; דאָס איז בא אימ געווענ אנ אינערלעכע נויטווענדיקייט.

גאָלדשטיינ האָט אפ זײַנ אייגנארטיקנ אופנ געפירט א פאסיווג קאמפ קעגנ די אָקופּאנטנ שוינ פונ לאנג, איידער עס זײַנענ נאָכ אָנגעקומענ די צאָרעס פונ דעפּאָרטאציע. ער האָט זיכ דעמלט אָפּגעזאָגט צו נעמענ די אָכ-און-ווי-באָנעס, וואָס האָבנ אימ געקומט; ער האָט זיכ נישט געוואָלט מעלדנ אינ די אָפיציעלע הויז-ביכער; ער האָט געהונגערט און נישט געוואָלט גיינ ארבעטנ פאר די דײַטשנ.

מיט זײַנ בײַשפּיל האָט גאָלדשטיינ מיטגעריסנ א סאכ. ער פלעגט זיכ באווײַזנ אינ גאס אינ שפּיצ פונ א גאנצער כאָפּטע ביטערע

---

1 נאָעמי ווײַנקראנצ-שאצ.

יונגענ, הײמלאָזע. זײ פלעגנ דורכגײנ די גאס אונ זינגענ גאָלדשטײנס כוצפעדיקע לידער. אינ דער ערשטער רײ פלעגט גײנ ער אלײנ, דער קעניג פונ די שלעפער. עס האָט זיכ נאָכ אים געיאָגט דאָס דרײַצנטל, אָבער גאָלדשטײנ האָט געקענט די קונצ פונ ארויסגליטשנ זיכ פונ די הענט פונ די כאפערס.

די קרוע־בלוטדיקע פיגור פונ דעמ אויסטערלישנ פראָטעסטאנט האָט מענ געזענ אפ דער גאס אויכ אינ די גרויזאמע טעג פונ דער ליקווידיר־אקציע. גאָלדשטײנ פלעגט געשיקט ארויסגליטשנ זיכ פונ די כאפערס הענט, זיכ באווײַזנ אינ א צווײטער גאס אונ הויכ, אפנ קאָל, כויזעקנ פונ די הענקער, זינגענ זײַנע כוצפעדיקע לידער.

בײס אײנער א בלאָקאדע איז גאָלדשטײנ ארײַנגעפאלנ אינ נעצ. ווענ ער איז שוינ געווענ ארומגערינגלט דורכ די כאפערס, וועלכע האָבנ זיכ גענומענ ווײַלנ אפנ כעזשבנ פונ זײַנ הוילעכ, פונ זײַנ ווילד־באוואקסנ פאָנעמ, האָט ער אויסגעשריִענ אזוי, אז די גאנצע גאס האָט געהערט:

— נידער מיט היטלערנ!

אײנער פונ די כאפערס האָט אויסגעשאָסנ אינ גאָלדשטײנענ.

די קויל האָט גאָלדשטײנענ פארוווּנדעט אינ זײַט, אָבער נישט דערהארגעט. ער האָט נאָכ באוויזנ אויסצורופנ:

— איכ דאנק אײַכ. אפ יענער וועלט איז בעסער, ווי אפ דער, שוינ בלויז דערפאר, וואָס דאָרט איז נישטאָ קײנ היטלער!

דער נאציסט האָט אויסגעשאָסנ צומ צווײטנ מאָל. אינ א קאליוזשע בלוט איז געבליבנ ליגנ גאָלדשטײנ, דער „קעניג פונ די שלעפער".

* * *

אינ מעשעכ פונ קנאפע צוואנציק יאָר האָט זעליק פינקערט מיט שטאָלצ געטראָגנ דאָס צונעמעניש, וואָס עס האָט אימ געגעבנ דאָס יידישע ווארשע: „דער קעניג פונ די מײסימ". ער האָט זיכ געהאלטנ שטאָלצ מיט דעמ, וואָס ער האָט אופגעהויבנ די לעווײַע־טעכניק בא יידנ אפ א „העכערער מאדרײגע", וואָס ער האָט זי מאָדערניזירט. אינ דער צײַט, ווענ געווײנלעכע כעווריע־קאדישע־לײַט האָבנ פארמאָגט אנ „אגאָלע" מיט אנ אויסגעדארטער קליאטשע, האָט זעליק פינקערט זיכ אײַנגעשאפט אנ אווטאָבוס...

די געשעענישנ פונ סענטיאבער 1939 האָבנ פינקערטס פאנטאזיע

באַרײַכערט מיט נײַע, אָריגינעלע געדאַנקען. עס איז אים אײַנגעפאַלן: „שוין זשע מוז עס דער שוואַרצער לעווײַע־אוטאָבוס פירן ראַק באַרמינענס צו קווורע? אַלעמײַ אונטער זײַן צודעק נישט פירן קיין לעבעדיקע מענטשן אַפּ מיזרעכ?"

„דער קעניג פון די מייסים" האָט זיך איבערקוואַליפיצירט: ער האָט זיך געווידמעט דעם איניען פון ראַטעווען לעבעדיקע מענטשן. אין אַן אָרן ווערט אַרײַנגעלייגט אַ לעבעדיקער ייִד. פאַר דער דײַטשישער וואַכ זאָל עס הייסן — מע פירט מייסים צו דער קווורע אין אַ צווייטער שטאָט, ווײַל אַפּן וואַרשעווער „גוטן אָרט" סטײַעט שוין נישט קיין פּלאַץ. אַזוי כאַפּט זיך דער שוואַרצער אוטאָבוס אַדורכ אַפּ מיזרעכ און ראַטעוועט לעבעדיקע מענטשן, צושטעלנדיק זיי צו די ערטער, ווו עס מאַרשירט שוין די רויטע אַרמיי.

אין די צײַטן פון געטאָ האָט זיך זעליק פּינקערט צוריקגעקערט צו זײַן אַלטן פאַכ — ברענגען ייִדישע מייסים צו קוואָראַס־ייִסראָעל. קיינער אין געטאָ איז נישט געווען אַזוי פאַרוואָרפּן מיט אַרבעט ווי זעליק פּינקערט און זײַנע „נויסיי־האַכיטאָ" — די בעטל־טרעגער און קאַבראָנים אין שוואַרצן מיט די גלאַנציקע קנעפּ און אויפשריפטן: „לייכען־געזעלשאַפט". דער מאַלעכ־האַמאָוועס האָט אין געטאָ מאַרשירט אַ סאַכ שנעלער, ווי דער שוואַרצער אוטאָבוס. ביפראַט, אַז סאָפּקאָל־סאָפּ האָט אויסגעפעלט בענזין, און מע האָט געמוזט די אוטאָמאַשין פאַרבײַטן אַפּ האַנט־וועגעלעכ מיט גרויסע שוואַרצע קאַסטנס, נײַע מינים „אַגאָלעס", וועלכע עס האָבן געשלעפּט נישט פערד, נאָר מענטשן.

עס האָט זיך געיאַוועט אַ נײַער, מעשונעדיקער קווורע־אַנשטאַלט, וואָס האָט געפירט אַפּ יענער וועלט מיט איין מאָל טויזנטער מענטשן; דער נײַער מעשונעדיקער קווורע־אַנשטאַלט האָט געטראָגן דעם נאָמען „טרעבלינקע".

טויזנטער ייִדן זײַנען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין נײַע, ריזיקע „אַגאָלעס", אין די וואַגאָנען פון דעם טויט־צוג, און מע האָט זיי געפירט צום טויט. פּינקערט האָט זיך דערמאָנט זײַנע געוואַגטע, ריזיקאַלישע עקסקורסיעס פון סעפּטיאַבער 1939. אין די שוואַרצע קאַסטנס האָט ער אַרײַנגעלייגט לעבעדיקע ייִדן און געפירט זיי ווי מייסים אַפּן בייסאָלמען און פונדאַנען... אַריבערגעפּעקלט אַפּ דער „אַרישער" זײַט.

אַ לענגערע צײַט האָט זעליק פּינקערט געפירט זײַן רעטונגס־אַקציע. דאָס אויג פון אַ דרײַצנטל־אַגענט איז אָבער סאָפּקאָלסאָפּ גע־

פאלנ אפנ פארדעכטיקנ קווורע-קאסטנ. איינעמ א טאָג איז זעליק פינקערט באנאנד מיט זײַנע אדיוטאנטנ פונ דער „לייכענ-געזעלשאפט״ ארײַנגעפאלנ אינ דעמ רינג פונ די באוואָפנטע פאשיסטנ. מער איז ער פונ דעמ רינג ניט ארויס.

„דער קעניג פונ די מייסימ״ איז אומגעקומענ, ווי צענדליקער טויזנטער אנדערע ווארשעווער יידנ, אינ דער גאז-באָד פונ טרעבלינקע.

4

דער אקטיווער ווידערשטאנד וואקסט אָנ

דער טוינע האָט גאליק געכויזעקט: די יידנ זײַנענ העכסטנס פייִק אפ נאָכצוטאָנ דעמ בײַשפּיל פונ אינדישנ מאהאטמא גאנדי — אויסציִענ זיכ אפנ ברוק אונ דערקלערנ א טאָנעס. די יידנ זײַנענ העכסטנס פייִק אפ שמא-יִסראָעל-געשרייענ. אינגיכנ האָבנ זיכ אָבער די סראָרעס פונ שוכא-אלייע דערקונדיקט, אז די ווארשעווער יידנ זײַנענ פייִק אפ עפעס שטארקערס, דרייסטערס אונ מער ווירקזאמס, ווי פאסיווער פראָטעסט, ווי שטומע פארצווייפלטע ווײ-געשרייענ.

אינ איינער א פינצטערער אווגוסט-נאכט איז דער געטאָ-הימל באלויכטנ געוואָרנ מיט א העלישנ פײַער. עס האָט געברענט א גרויסע דײַטשישע אינדוסטריע-אונטערנעמונג. אינ דער צווייטער נאכט איז ארומגענומענ געוואָרנ מיט פלאמענ א גרויסער דײַטשישער מיליטערישער סכוירע-מאגאזינ[1].

פלוצעמדיקע באנאכטיקע סרייפעס זײַנענ געוואָרנ אנ עמעסע פלאָג פאר די דײַטשישע ווירטשאפט-פּאָזיציעס אינ געטאָ.

אינגיכנ האָט זיכ די כרייפע-מאגייפע ארויסבאקומענ פונ געטאָ צו די נאָענטסטע גאסנ, וואָס זײַנענ דורכ דר. לייסט אויסגעשניטנ געוואָרנ פונעמ יידישנ ווינ-שעטעכ אונ אײַנגעגלידערט געוואָרנ אינ „ארישנ״ ראיאָנ.

איינע א זומערדיקע נאכט האָט א גרופּע אומבאנטדעקטע מענטשנ ארויסגעגאנוועט זיכ פונ געטאָ אפ דער אײַזנ-גאס, וואָס האָט געהערט צומ „ארישנ״ ראיאָנ, זיכ ארײַנגעריסנ אינ דעמ „אומזידלונגס-אמט״, וואָס האָט זיכ געפונענ אפ אָט דער גאס, אונ אימ דעמאָלירט. דאָס איז געווענ אנ אָפענער ארויסרופ זייפערטנ אליינ. דער „אומזידלונגס-

1 פונ דעמ באריכט פונ דעמ יידישנ נאציאָנאלנ ווידערשטאנד-קאָמיטעט.

אמט" איז געווען זײַן רעזידענץ. פֿונדאַנען האָט זיך געצויגן די גאַנצע אָנפֿירונג מיט דער דעפּאָרטאַציע אין די פֿאַבריקן פֿון טויט[1].

אָפּצומאָרגנס, אויך באַנאַכט, איז אויסגעפֿירט געוואָרן אַן איבערפֿאַל איבערן לאָקאַל פֿונעם „אַרבייטס־אמט", אויך אין אַ שכײַנעסדיקער גאַס. פּונקט ווי דער „אומזידלונגס־אמט", איז אויך דער „אַרבייטס־אמט" געווען שטאַרק פֿאַרהאַסט אין געטאָ; אונטער דער מאַסקע פֿון אַן אינסטיטוציע, וואָס ווערבירט מענטשן צו אַרבעט, האָבן די וואַרשעווער אַגענטן פֿון דר. לײַסט אַרײַנגעכאַפּט ייִדן אין אַ נעץ און זיי געשיקט אין די פּײַן־לאַגערן, אויף אַ באַלדיקן אָדער פּאַוואָליעדיקן טויט.

אין געטאָ האָט מען בישטיקע פֿון מויל צו מויל איבערגעגעבן, ווער עס זײַנען די דרייסטע אונטערצינדער און פֿאָלקס־נעקאָמענעמער. מע האָט געבענטשט די הענט פֿון די, וואָס שטעלן דעם קאָווער פֿון פֿאָלק העכער פֿון אייגענעם לעבן. מיט שטאָלץ און האַנאָע האָבן ייִדן געקוקט פֿון באַהעלטענישן, פֿון לאָדנס־שפּאַרונעס אויף די פֿײַערן־צונגען. און אַלץ אָפֿטער האָט איינער דעם צווייטן צורײַנגערוימט אין אויער נײַע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַן אַנטפּלעקונג: „די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע"...

די גרעסטע צאָל סרייפֿעס איז אויסגעבראָכן אין דער נאַכט פֿון 20־טן אויפֿן 21־טן אווגוסט 1941 — אין צוויי כאַדאָשים אַרום נאָכן אָנפֿאַל פֿון די היטלער־באַנדעס אויפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד, אין אַ כוידעש נאָך דעם, ווי זיי זײַנען צוגעטראָטן צו דער טאָטאַלער פֿאַרניכטונג פֿון ייִדישן שטאַם אין אָקופּירטן פּוילן[2].

ייִדן האָבן ווי ספֿירע געציילט, וויפֿל סרייפֿעס, וויפֿל דעמאָלירונגען זײַנען שוין אויסגעפֿירט געוואָרן איבער דײַטשישע פֿאַבריקן און סכוירע־לאַגערן סײַ אין געטאָ סײַ מיכוץ איר.

צום אויסגאַנג פֿון דער אָקאָרשט דערמאָנטער נאַכט האָבן זיי שוין געהאַלטן בײַ דער קײַלעכדיקער, מיט שטאָלץ אָנפֿילנדיקער צאָל — הונדערט.

דאָס איז געווען אַ נאַכט, וועלכע די געטאָ האָט לאַנג געדענקט. עס האָבן געזעצט פֿלאַמען נישט בלויז פֿון געבײַדעס. צום ערשטן מאָל האָט אויפֿן ברוק פֿון אַ גאַס מיט אַ העלישן פֿײַער געברענט אַ מאָדנער שײַטער־הויפֿן. די מיטגלידער פֿון דער ייִדישער קאַמפּס-

---

1 דאָרטן.

2 דאָרטן.

אָרגאַניזאַציע האָבן געעפנט א דײַטשן פוטערוואַרג־סקלאַד אַפ סטאַווסקי־גאַס. מע איז גוויזער געוועזן אַפ אַלע קעמפער: נישט נעמען, נישט געניסן פון דער אשירעס! די טײַערע פוטערס, וועלכע זײַנען ס׳ראָוו דורך די דײַטשן געבראַכט געוואָרן פון די אויסגע־פלינדערטע אָקופּירטע סאָוועטישע געביטן, זײַנען אַציגנד דורך די יִדישע נעקאָמענעמער ארויסגעשלעפּט געוואָרן אַפ דער גאַס און אונ־טערגעצונדן געוואָרן [1]. פון די טײַערע פוטערס איז געבליבן א בארג אַש.

אפצומאָרגנס, דעם 22-טן אווגוסט, איז געפאַלן אַפ איינער פון די געטאָ-גאַסן דער ערשטער שאָס, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך א יונגן יִד. דער יִדישער קעמפער יִ שׂ ר אָ ע ל ק אַ נ אַ ל האָט אויסגעשאָסן אין דעם שעף פון דער געטאָ-פּאָליציי, אין דעם פּאַ־רעטער יאָסעף שעריינסקי [2]. קאַנאַלס קויל האָט שעריינסקין בלויז פאַרווונדעט. אין א שווערן צושטאַנד האָבן די דײַטשן אָפּגעפירט שעריינסקין אין שפּיטאָל. אין עטלעכע טעג ארום האָט יאָסעף שע־ריינסקי זיך אַליין גענומען דאָס לעבן.

יִסראָעל קאַנאַלס שאָס איז געווען א סיגנאַל. באַלד נאָך דעם האָט א צווייטער יִדישער פאָלקס-נעקאָמענעמער געשאָסן אין דעם קאָמענדאַנט פון דעם אומשלאַג-פּלאַץ שמערלינג, אָבער נישט גע־טראָפן. דאָס זײַנען געווען די ערשטע אַקטן פון די יִדישע קעמפער. זייערע אָרעמס זײַנען נאָך נישט געווען געניט. אין גאָר א קורצער צײַט האָבן זיי אָבער באַהערשט די קונסט פון טרעפן אין ציל. נאָך שעריינסקין זײַנען געפאַלן זײַן מעמאַלע-מאָקעם לייקין און דער געסטאַפּאָ-אַגענט ערליך [3]. עטלעכע דרייסטע יִדישע באָכערים האָבן זיך געלאָזט אין גייעג נאָך דער מאָסערקע אירענע מ.ג. די טענ־צערן איז אַנטלאָפן פון געטאָ. די קעמפער זײַנען ארויס נאָך איר. דאָס גייעג האָט זיך געצויגן איבער א סאַך גאַסן, ביז די יִדן האָבן געפּאַקט דעם אַגענט אין סאַמע צענטער פון „ארישן" ראַיאָן, אַפ מאַרשאַלקאָווסקע-גאַס, אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט געדונגען א ריקשע. מיט עטלעכע טרעפלעכע שאָסן האָבן די נעקאָמענעמער אַפ אייביק אומשעדלעך געמאַכט דאָס דאָזיקע אויסוווּרף-מיידל [4].

---

1 ריווקע פּעקער.
2 באַריכט פון דעם יִדישן נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד־קאָמיטעט.
3 קריסטינא קאָוואַלסקא.
4 בעלאַ ווײַסבערג.

די אטמאָספער אינ געטאָ איז אדאנק די אטענטאטנ א שפּאָר ביסל אויסגעלייַטערטער געוואָרנ. א פּאכעד איז אָנגעפאלנ אפ די מאָסרימ אונ שפּיקעס. א סאכ פונ זיי זייַנענ אנטלאָפנ פונ געטאָ. דער פּאָליציי-אינספעקטאָר הענדעל, לעמאָשל, איז בײַט א גרויסער פּויטעקע אנטלאָפנ אינ דער שווייצ[1]. א פּאכעד איז אָנגעפאלנ נישט בלויז אפ די ייִדישע פּארעטער.

אפ מוראנאָווסקע-גאס איז איינעם א פּארטאָג געפונענ געוואָרנ דער טויטער גופ פונ א דייַטשישנ זשאנדאר[2].

דייַטשנ זייַנענ פונ ייִדישע הענט געפאלנ נישט בלויז אינ געטאָ-טכומ, ווו זיי האָבנ, גייענדיק באנאכט איינציקווייַז צי פּאָרווייַז, זיכ געפילט נישט גאָר היימלעכ אונ זיכער. די האנט פונ ייִדישנ קעמפער האָט דערגרייכט די „ריינ-ארישע" געסטאפּאָ-אגענטנ אויכ מיכוצ די מויערנ פונ געטאָ.

אינ דעם געסטאפּאָ-אמט אפ לעשנאָ איז ארייַנגעקומענ א יונג מיידל — א קליינע, א דראָבנע, מיט צוויי לאנגע בלאָנדע צעפּ. אירע גרויסע העלע אויגנ האָבנ געקוקט מיט אומשולד אונ טמימעס. זי האָט געבעטנ, מע זאָל זי ארייַנלאָזנ צו איינעמ פונ זי גרעסערע באאמטע: זי האָט צו אימ א פּערזענלעכנ איניענ. דערבייַ איז זי רויט געוואָרנ, די אויגנ ארפּגעלאָזט. די שאָמרימ האָבנ זיכ דורכגעוווּנקענ אונ דאָס מיידל דורכגעלאָזט.

דאָס מיידל איז ארייַנגעגאנגענ אינ קאבינעט פונ דעמ געסטאפּאָ-גאָדל. א פּארשעמטע, א נישט-דרייסטע איז זי געבליבנ שטיינ אינ מיטנ צימער. פונ הינטער דעמ שרייַבטיש האָט זיכ אופגעהויבנ א הויכער, פעסטגעבויטער, עלעגאנטער דייַטש. ער האָט א רעגע מיט כידעש געקוקט אפ דעמ קליינוווּקסיקנ, ווונדערלעכנ באשעפעניש. ער האָט באמערקט די צעטומלטקייַט אונ טמימעס פונ דעמ מיידל. מיט אנציקונג האָט ער באטראכט איר פריש פּאָנעמ, פּרעכטיקע צעפּ, נאיווע קינדישע אויגנ. „איז, הייסט עס, אינ דעמ לאנד אויכ פאראנ א פּרעכטיקע לאָרעלייַ?" — האָט ער געפרעגט מיט באוווּנדערונג. „נישט קיינ לאָרעלייַ, נאָר א ביבלישע יעהודיס!" — האָט געענטפערט דאָס מיידל אונ אויסגעשאָסנ דעמ געסטאפּאָ-באאמטנ גלייַכ אינ הארצנ. זי איז ארויס פונ דעמ צימער פונקט אזוי שטיל ווי

1 קעדריק-שטשערבינסקי.

2 קאָוואלסקא.

זי איז אריין. קיינער האָט אָפּ איר קיין באַזונדערן אַכט נישט גע-לייגט. א שאָס-קנאַל איז אין דעם בּיניען געווען איינע פון די געוויינלעכסטע זאַכן.

די יעהודיס איז געווען ריווע (ניוטע) טייטעלבוים[1]. געשיקט האָט זי די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, די זעלביקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געשיקט יסראָעל קאַנאַלן דערשיסן שערינסקין, די זעלביקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דורכגעפירט די סרייפעס פון די דייטשישע אונטערנעמונגען.

5

די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע

דער פאָטער פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז געווען דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק. די ציגל-לייגער פון דער אונטער-ערדישער מיליטערישער פאָרמאַציע פון געטאָ זיינען געווען אַנדריי שמיט, יאָסעף לעוואַרטאָווסקי, יאַקוב דריער, שמואל מערעטיק, שאַכנע זאַגאַן, אַווראָם בערמאַן, יאָסעף קאַפּלאַן, שמואל ברעסלער. אַנדריי שמיט איז פרי געפאַלן אַפן קאַמפּס-פּאָסטן. נאָך אים האָבן זיך געווידמעט דער מיליטערישער אויסשולונג פון די יונגע יידישע קעמפער יאָסעף קאַפּלאַן, פישעלזאָן, מאָרדכע טענענבוים, וועלכער איז, ווי באַקאַנט, געקומען פון ווילנע, און הערש לענט[2]. נאָכן אומקום פון אַנדריי שמיט איז צווישן די קאָמאַנדירן פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל האָבן אַ גענוגנדיקע אָפיצעריש-מיליטערישע שלאַכט-אויסשולונג[3]. די אָנפירער פון די קאַמפּס-גרופּן האָבן דערריבער געדאַרפט גיוואַר זיין אָן אַ שיר שוועריקייטן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער.

די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ שטרענג-פאַרקאָנ-ספּירירטע, זי האָט אָבער געהאַט ברייטע און טיפע פאַרבינדונגען מיט די מאַסן. איר אינערלעכע סטרוקטור איז געבויט געווען אויפן מוסטער פון אַלע ענלעכע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס: עס זיינען געווען דריילעך און פינפטלעך, וועלכע זיינען געווען פאַרייניקט אין הונ-

1 פאָלקאָווניק אַלטער אַלעפ — זיכרוינעס.

2 דר. א בערמאַן — ראַדיאָ-רעדע.

3 באַריכט פון יידישן נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד-קאָמיטעט.

דערטלעכ, מיט וועלכע עס האָבנ אָנגעפירט סאָטניקעס, אונ אינ „גרופּעס"; איבער יעדער גרופּע איז געשטאַנענ אַ קאָמענדאַנט[1]. עס זײַנענ אויכ געווענ הויז-גרופּנ, פֿאַבריק-גרופּנ, גאַסנ-פֿאַרייניקונגענ[2]. באַמ שאַפֿנ די גרופּנ האָט מענ גענומענ אינ אַכט די אידייִשע קרויוועשאַפֿט צווישנ די געגעבענע מענטשנ, ווײַל פּערזאָנענ, וואָס זײַנענ מיט זיכ אידייִש אונ אַמאָל אויכ פּאַרטייִש-אָרגאַניזאַציִאָנעל געבונדנ, זײַנענ בעסער צוזאַמענגעשפּילט אונ קענענ לײַכטער אויס-פֿירנ די קאַמפֿס-אויפֿגאַבנ. אינ שטרענג-פֿאַרקאָנספּירירטע דירעס האָט מענ געלערנט שיסנ, זיכ באַגייִנ מיט געווער, אַשטייגער אַפֿ פּראַנ-צישקאַנער 30, ווינונג 40[3].

די ייִדישע קאַמפֿס-אָרגאַניזאַציע איז האַרט געשטאַנענ אַפֿנ באָדנ פֿונ דעמאָקראַטיע, אַפֿנ באָדנ פֿונ צונויפֿגעבונדנקײַט מיט די פּראָ-גרעסיווע פֿרײַהײַט-קרײַזנ פֿונ דער פּויליִשער אונטערערד.

איינע פֿונ די שטאַרקסטע אינערלעכע אָנהאַלט-פּונקטנ, וואָס האָט צונויפֿגעבונדנ די יונגע קעמפֿער אונ זיי צוגעגעבנ מוט, באַ-גײַסטערונג, קויעכ אויסצודויערנ, איז געווענ דער גלויבנ אינ דער באַפֿרײַערישער שליכעס פֿונ דער רויטער אַרמיי, אינ איר גרויסנ פֿירער — סטאַלינ.

די צענטראַלע גאַסנ פֿונ וואַרשע זײַנענ דערשטוינט געוואָרנ פֿונ אַזאַ בילד: אונטער אַ שטאַרקער שמירע פֿירט מענ אַ גרופּע יונגע ייִדישע באָכערימ אונ מיידלעכ. מע פֿירט זיי צומ „פּאַוויאַק"— אַפֿ אינויִמ, אַפֿ טויט.

פֿאַרבײַגייער קוקנ זיי נאָכ, שאָקלענ באַדויערנדיק מיט די קעפּ, האָבנ מוירע אַפֿנ קאָל אויסצודריקנ זייער מיטגעפֿיל. כוליגאַנעס בויזעקנ פֿונ די יונגע ייִדנ, שרײַענ: זשידאָווסקע קעצע!

פּלוצעמ בלײַבט שטיינ די גאַס אינ פֿאַרגאַפֿונג. פֿונ דער גרופּע אַרעסטאַנטנ פֿאַלנ געוואַגטע, אומדערוואַרטעטע הילכיקע ווערטער:

— אַ טויט היטלערנ!

אונ באַלד ענטפֿערט אויכ אַ צווייטער יונגער קאָל:

— זאָל לעבנ די רויטע אַרמיי, זאָל לעבנ סטאַלינענ!

די יונגע העלדנ האָבנ שוינ נישט געזענ אַפֿילע דעמ שווערנ

---

1 יאַקאָוו בינשטאָק.

2 ייִצכאָק ראָסאַ—גוויִעס-איידעס.

3 ייִצכאָק ראָסאַ.

„פאוויאק״-טויער. אינמיטנ גאס זײַנענ זיי מאסאקרירט (צעריסנ) געוואָרנ דורכ די קאָנוואָירער. די יונגע יִדנ האָבנ זיכ געראנגלט מיט ציינ אונ נעגל. מיט זייער הייס בלוט איז באשפריצט געוואָרנ דער „ריינ-ארישער״ ברוק [1].

אינ אזא גײַסט האָט די יִדישע קאמפס-אָרגאניזאציע דערצויגנ אירע מיטגלידער. אינ די רייענ פונ דער קאמפס-אָרגאניזאציע האָבנ זיכ אויסגעארבעט, אויסגעשמידט כאראקטערנ. יונגע באָכערים אונ מיידלעכ האָבנ זיכ גענומענ רײַסנ צו מײַסים, צו נעקאָמע. „עמעס,— האָט אינ זײַנ טאָגבוכ פארצייכנט איינער פונ די קעמפער,—עס איז געווענ קלאָר, אז א סאכ זײַנענ פארמישפעט אפ אומקומ, אפ טויט. אָבער עס האָט געווארעמט דאָס הארצ די האָפענונג, אז א סאכ וועלנ איבערלעבנ דאָס שלעכטס אונ וועלנ נעמענ נעקאָמע פאר די אלע דערנידעריקונגענ, רעדיפעס, פארנ פארגאָסענעמ בלוט. אונ יעטווידער איינער האָט געוואָלט זײַנ צווישנ די נעקאָמענעמער. אדאנק דעמ האָט זיכ געשטארקט דער ווילנ צו לעבנ, דער ווילנ אויסצודויערנ. דאָס האָט מענ געקענט ארויסשפּירנ אומעטום: אפ די געהיימע פארזאמלונגענ אינ געטאָ, בייס די טפילעס אינ די פארקאָנספּירירטע באָטעמעדראָשימ, אפ טרעפונגענ, אפ די יוגנט-קעמערלעכ״ [2].

די געפילנ פונ טויזנטער האָט אויסגעדריקט טאָכיע אלטמאנ, ווענ זי האָט געשריבנ צו איר פרײַנט אינ אויסלאנד: „איכ האָב געשפּירט, אז דער גאנצער לעבנס-יעסאָד, אפ וועלכנ איכ שפּאר זיכ אָנ, האָט זיכ פלוצעמ א וואקל געטאָנ אונ איז פארשוווּנדנ. איכ האָב געשפּירט, אז נאָכנ אָנעמענ דעמ באשלוס וועט קיינ שומ קראפט מיכ נישט קאָנענ צושמידנ צוריק צו מײַנ פריִערדיקנ לעבנס-שטייגער. איכ האָב שוינ נישט געהערט מער צו זיכ. איכ האָב געוווּסט, אז איכ גיי אקעגנ דעמ טויט. אָבער געהאט האָב איכ דעמ באוווּסטזײַנ, אז דאָס איז א מוז, אז אנדערש קענ נישט זײַנ״ [3].

„איכ געהער שוינ מער נישט צו זיכ אליינ!״—דאָס איז געווענ דער הויפט-געפיל, וועלכנ עס האָט אײַנגעשפּריצט איטלעכנ מיטגליד

---

1 „טריבונע פונ פרײַהײַט״ (אונטערערדישער אָרגאנ פונ דער פוילישער ארבעטער-פארטיי) פונ 1-טנ סענטיאבער 1942.

2 פונעמ ארכיוו פונ לאָדזשער געטאָ.

3 בריוו פונ געטאָ, ארויס אינ טעל-אוויוו.

אירן די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע. „איך געהער שוין צום גאנצן פאָלק, און נאָר פאר אים לעב איך", — אזא אינערלעכע שוועע האָט יעטווידער איינער איינגעקריצט אין אייגענעם הארצן. „מיר ווייסן, — האָבן געזאָגט די באָכערים און מיידלעך פון דער ציִעניסטיש־דעמאָקראטישער יוגנט, — אז מיר גייען ארויף אפ א וועג, מיט וועלכן נישט איטלעכער פון אונדז וואָלט געוואָלט שפּאַ־נען אין אנדערע באדינגונגען, אָבער וועלכן יעדער איינער פון אונדז מוז איצט מיטמאכן; מיר שפּירן, אז גייענדיק אפ דעם וועג, וועלן מיר שטארבן מיט קאָוועד, מיט געוועד אין האנט" [1]. אָט די יונגע מענטשן, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל דערשפּירט דעם טאם פון קאמף, האָבן זיך מיטגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער יוגנט.

פאראכטונג צום טויט — דאָס איז געווען דער צווייטער געפיל, וועלכן עס האָט איינגעפלאנצט אין די הערצער פון אירע מיטגלידער די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע. קאלטבלוטיקייט, אָריִענטאציע, ענער־גישע און שנעלע האנדלונג — די דאָזיקע שטריכן זיינען שנעל גע־וואָרן דאָס אייגנטום פון דעם ראָוו יידישע קעמפער.

די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע איז אין א גענוג קורצער צייט געוואָרן א יעש, אן ערנסטער קויעך אין אונטערערד פון געטאָ. עס האָבן זיך ערנסט גענומען רעכענען מיט איר די סאָנים. די ערשטע איז ארומגענומען געוואָרן פון דעם שרעק־געפיל די אַלטע פּוילישע פּאָליציי, די אזוי גערופענע „גראנאטאָווע פּאָליציי", ווי מע האָט זי גערופן מאכמעס די מונדירן פון גראנאט־קאָליר, וואָס זי האָט גע־טראָגן. און ווען די געהיימע יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע האָט איר געשטעלט דעם ערשטן אולטימאטום, האָט די „גראנאטאָווע פּאָליציי" באַלד קאפּיטולירט.

געשען איז דאָס אזוי:

איינער פון די קאָנספּיראטיווע פּאַרבינדלער פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע, וועלכער האָט מיט זיך געהאט וויכטיקע מאטע־ריאלן, איז ארײַנגעפאלן אין די הענט פון דער פּוילישער פּאָליציי. פון געטאָ־אונטערערד איז טייקעף אוועק א שטאפעט אפ דער „ארי־שער" זייט און האָט צוגעשיקט צום פּוילישן פּאָליציי־קאָמיסאריאט א וואָרענונג: אויב אין מעשעך פון צוויי שאָ צייט וועט דער מענטש און די מאטעריאלן נישט זיין אפ א באשטימטן אָרט, וועט די קאָמי־

1 בריוו פון געטאָ.

סאַריאַט-געבײַדע אופגעריסן װערן. צו דער באַשטימטער שאָ איז דער מענטש געװען פרײַ [1].

די ייִדישע קעמפער האָבן זיך אויסגעלערנט צו האַנדלען קלוג, כיטרע, אַרײַנפירן דעם סוינע אין אַ טעות, פאַרמאַסקירן זייערע שריט.

צום פאַרטרעטער פון דײַטשישן געטאָ-קאָמיסאַר האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג געמאָלדן אַ ייִדישע דעלעגאַציע — פּאָשעטע אַרבעטער, שכיינים פון איין הויז. זיי האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש: העיויס די סאָוועטישע לופט-אַנפאַלן כאַזערן זיך איבער, זאָל דער אָדן באַװיליקן די געטאָ-אײַנוווינער זיך אויסצובויען קעגנלופט-באַהעלטעניש.

דער דײַטש האָט קיין שום אויסערגעוויינלעכס אין דער באַקאָשע נישט געזען. די געטאָ האָט מיט ברען געגומען גראָבן אונטערערדישע שוץ-ערטער, געגראָבן עס אַזוי, אַז נישט בלויז אַ לופט-באָמבע, נאָר אויך ריינהאַרדטס „פערניכטונגס-קאָמאַנדאָ״ זאָל די באַהאַלטענע נישט קענען טרעפן [2]. דער דײַטשישער געטאָ-קאָמיסאַר האָט נישט געוווּסט, אַז מיט די ייִדן, וואָס בויען מיט אַזאַ פלײַס אונטערערדישע שוץ-פּונקטן, קערעוועט די געהיימע האַנט פון דער ייִדישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, אַז ספּעציעלע בריגאַדעס טעסלער, מולער, מויערער, אַרכיטעקטאָרן גייען פון גאַס צו גאַס און שטעלן אויף אַ גאַנצע אונטערערדישע שטאָט, אַ גאַנצע נעץ קאַטאַקאָמבעס, באַזאָרגן די נײַע הייל-וווינונגען מיט עלעקטרישער ליכט, וואָס איז אַגעוו נישט בענימצע געווען אין געטאָ, מיט פּאָנטאַנען, וואָס גיבן וואַסער, מיט ווענטיליאַטאָרס, מיט דורכגענג פון הייל צו הייל. נישט אויסוואַלד, נישט מיכעלזאָן, נישט זייערע אַגענטן אין געטאָ האָבן נישט געוווּסט, אַז מיטן טערעץ פון גראָבן קעגנלופט-גריבער בויען ייִדישע קעמפער געהיימע קאַנאַלן, דורכגענג, וואָס פירן אויש ביז די דײַטשישע וואַכן בײַ די געטאָ-טויערן און נאָך ווײַטער צו דער פאַרבאָטענער „אַרישער״ זאָנע.

די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט געוווּסט: דאָס וועט נישט זײַן קיין פון-מאָל-צו-מאָליקער אָפּוועט-קאַמפּ, נאָר אַ לעצטע שלאַכט אַפּ טויט. זי האָט זיך באַוווּסטזיניק, פּלאַנמעסיק צו דער דאָזיקער שלאַכט

---

1 קריסטינאַ קאָוואַלסקאַ.

2 הענריק קאָטליצקי.

געגרייט. זי האָט צו דער צוגרייט-ארבעט צוגעצויגן נישט בלויז די מולער און טעסלער. די בעקער האָבן איבערשאָען געארבעט און שפּייַז געגרייט צום אָנקומענדיקן קאמף. אין אונטערערד זייַנען מאגא-זינירט געוואָרן גרויסע זאפּאסן עסן. די לעדער-ארבעטער האָבן אויך זייער צושטייַער דערלאנגט [1]. און אזוי — איטלעכער פאך, יעדער קרייַז. די געטאָ איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן הייליקן ציטער פון אומגעדולדיקער דערווארטונג פון דעם גרויסן טאָג פון נעקאָמע.

* * *

אין איינעם פון אירע איינערלעכע, אמטלעכע ראפּאָרטן וועגן גאנג פון דער „אויסזידלונגס-אקציע" האָט די ווארשעווער געסטאאפּאָ מודיע געווען, אז עס זייַנען בייַס די אָבלאוועס, בלאָקאדעס, סעלעק-ציעס געווען 5394 פאלן פון אינדיווידועלן ווידערשטאנד [2]. אזוי פּינקטלעך האָבן די ראָצכים פארצייכנט יעדן פאל פון יידישער „כוצפּע". דאָס איז געווען א באומרויִקנדיקע ציפער. די געסטאפּאָ האָט געוווסט דעם קוואל פון דער דאָזיקער „כוצפּע" — די אונטער-ערדישע אָרגאניזאציע פון די יידישע קעמפער.

עס איז געשטעלט געוואָרן אף די פיס דער גאנצער אויסשפּיר-אפּאראט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א טעראָר-געיעג נאָך די פירער און באגייַסטערער פון דער יידישער ווידערשטאנד-באוועגונג.

אין מיטן העלן טאָג האָט אן אומאנטדעקטער פארברעכער דערשאָסן אף דער גאס דעם יונגן שמועל ברעסלער — א מוטיקן אקטיוויסט פונעם אנטיפאשיסטישן בלאָק און פון דער יידישער קאמפּס-אָרגאניזאציע. אף דער גאס איז געכאפּט געוואָרן דער שרעקלאָזער יאָסעפ קאפּלאן. אין אומענטשלעכע אינויִנ איז ער אויסגעגאנגען אונטער די הענט פון די פּייַניקער אין געסטאפּאָ-קעלער [3]. א געוויסן טאָג האָט די געטאָ מער נישט געזען די הויכע, ווירדיקע געשטאלט פון שאכנע זאגאן — ער איז געפאלן אפן פּאָסטן. אינגיכן האָט די געטאָ-אונטערערד געטראָפן א פרישער ווייטעקלעכער קלאפּ — די געס-טאפּאָ-אגענטן האָבן אויסגעשפּירט און בעסטיאַליש דערמאָרדעט יאָסעפ לעוואַרטאָווסקין. די יידישע ווידערשטאנד-באוועגונג האָט פארלאָרן

1 באריכט פון יידישן נאציאָנאלן ווידערשטאנד-קאָמיטעט.
2 דאָרטן.
3 דאָרטן.

אירע וויכטיקסטע פּירער — שאכנע און די צוויי יאָסעפּס, ווי די כאוויירים האָבן גערופן לעוואַרטאָווסקין און קאַפּלאַנען. מאָוריצי אַזשעק איז אַוועק אַף דער „ארישער" זייט, אָבער אויך דאָ האָבן אים די געסטאַפּאָ-שפּיקעס דערשנאַפּט און אומגעבראַכט.

די אַלטע, דערפאַרענע פּירער האָבן באַצייטנס אויסגעשולט יונגע טוער, וועלכע האָבן איצט, אין דער אייס-צאַרע, פאַרנומען די ערטער פון די אומגעקומענע. דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק האָט געבילדעט אַ נייע, שטרענג-פאַרקאָנספּירירטע הויפּט-קאָמענדאַטור פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. אין דער נייער הויפּט־קאָמענדאַטור זיינען אריין: מיכאל ראָזענפעלד, הערש בערלינסקי, מאָרדכע אַניעלעוויטש, ייִצחאָק צוקערמאַן און מאַרק עדעלמאַן[1].

די ערשטע זאָרג פון דער נייער הויפּט-קאָמענדאַטור איז געווען — ווו נעמט מען געווער?

6
די „נייטראַלע" וועלט

אַ קורצע, ווי אונטערגעשניטענע, נאָז, גראָבע ליפּן, די גרויַ־ לעכע האָר פאַרקעמט אין אַ זייט אַף אַ שרונט, ווי נאָכגעמאַכט דעם „פירער", קליינינקע שוואַרצע אויגן — אָט איז דער גראַף קאָמאַ־ ראָווסקי, דער קאַוואַלעריע-גענעראַל, וועלכער איז דורך דער לאָנ־ דאָנער עמיגראַנטישער פּוילישער רעגירונג באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אונטערערדישער אַרמיי אין פּוילן. אין אונטערערד פיגורירט ער נישט אַלס קאָמאַראָווסקי; אַ נייעם נאָמען זיך גענומען — באָר. אין זיינע הענט ליגן גרויסע געווער-אַרסענאַלן, פאַרגראָבענע אונטער דער ערד; אין זיינע הענט ליגן גרויסע געלט־סומען, מיט וועלכע נאָר ער, דער באַפולמעכטיקטער פון די עמיגראַנטישע לאָנדאָנער באַלעבאַטים, קאָן זיך שאַפן.

אָבער נישט געקוקט אַף דער גרויסער קראַפט, וואָס ער האָט אין האַנט, פירט דער גראַף אַ גאַנץ געלאַסן לעבן. דאָס לאַנד גייט אָפּ מיט בלוט, דאָס פאָלק רייסט זיך צו מייסים, און דער קאַוואַלעריע-גענעראַל שוויַגט. ער האָט צייט. ער רופט די סאָלדאַטן פון אונטערערד צו שטיין מיטן געווער צו די פיס. אַן אַנדער זאָרג טאָטשעט זיין גראַפיש האַרץ. אַף די פעלדער פון מיזרעכ־

---

1 מאַרק עדעלמאַן — זיכרוינעס.

אײראָפּע װערט אױסגעמאַטערט און אױסגעבלוטיקט דער מעכטיקער דײַטשישער קריגס־אָרגאַניזם. ניט שױן זשע װעט טאַקע דאָס רױטע רוסלאַנד זיגן? דער קאַװאַלעריע־גענעראַל האַלט דעריבער, אַז אױפ־הײבן אַן אַקטיװע װידערשטאַנד־באַװעגונג אין פּױלן, אין דעם דאָזיקן װיכטיקן הינטערלאַנד פֿון דער דײַטשישער מיזרעכדיקער אַרמײ, קען נאָך מער אונטערשװענקען די דײַטשישע קראַפֿט און מעמײלע העלפֿן דעם אָנגריף פֿון דער רױטער אַרמײ. גראַף קאָמאַ־ראָװסקי װינטשט דאָס בעפֿײרעש נישט. זאָל בעסער די פּױלישע אונטערערד־אַרמײ זיך נישט אױסבלוטיקן, אײַנהיטן די קאַדרען און זײַן גרײט צו באַגעגענען די סאָװעטישע אַרמײען, װען זײ װעלן אַריבערטרעטן די פּױלישע ערד מיט פֿײַער און דינאַמיט.

נישט קײן װונדער דעריבער, װאָס ער נעמט אַזױ קאַלט אױף די הײסע פֿאָרשלאָגן פֿון דער דעלעגאַציע פֿון געטאָ־אונטערערד, װעלכער עס איז סאָפּקאָלסאָף געלונגען זיך דערשלאָגן צום הױכ־געשטעלטן גראַף אין זײַן לוקסוסאַרטיקער קאָנספּיראַטיװער דירע. די ייִדן זײַנען געקומען בעטן געװער. זײ װילן זיך נישט לאָזן אױסשעכטן װי די שאָף. באָר־קאָמאַראָװסקי רעדט מיט זײ נישט װי אײן אונטערערדישער טוער מיט אַ צװײטן — אין זײַנע אָדערן פֿליסט דאָך דאָס בלױע בלוט פֿון דער פּױלישער מאַגנאַטעריע.

ער, דער גראַף און גענעראַל, האַלט טאַקע פֿאַר נישט נאָבל נאָכצוטאָן דעם בײַשפּיל פֿון די פֿאָלאַנגע־לײַט און אַרױסגעבן די ייִדן אין די הענט פֿון די דײַטשן; אָבער כאַװערן זיך מיט די זשידקעס, שיצן זײ — דאָס פּאַסט נישט פֿאַר אַן אָפֿיצער, װעלכער איז געבליבן טרײַ דער לעצטער סאַנאַציע־רעגירונג פֿון פּױלן. ער, גענעראַל באָר, האָט שױן פֿון לאַנג געגעבן אַ באַפֿעל צו אַלע זײַנע אונטערגעאָרדנטע אָפֿיצערן: ייִדן אין דער אַרמײ פֿון פּױלישן אונטערערד נישט אַרײַננעמען!

אַלע באַמיִונגען פֿון דער ייִדישער װידערשטאַנד־באַװעגונג צו באַקומען געװער בײַ דער אונטערערד־פֿאָרשטײערשאַפֿט פֿון דער לאָנדאָנער עמיגראַנטישער רעגירונג האָבן נישט געגעבן קײן רעזול־טאַטן. מיט גרױס פֿאַרביטערונג האָבן די אונטערערדישע אָרגאַני־זאַציעס פֿון געטאָ געשריבן קײן לאָנדאָן: „מיר װעלן קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן און נישט מױכל זײַן דעם פּױלישן קאָמענדאַנט, װאָס האָט אונדז אָפּגעזאָגט צו געבן געװער, מיר זאָלן קענען שטאַרבן װי מענטשן“[1].

---

1 לױט די פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַטעריאַלן פֿון דר. ר. מאַלער.

מיט בלוט פונ זייערע הערצער האָבנ געשריבנ די אָרגאניזאציעס פונ דער געטאָ-אונטערערד די אליארמירנדיקע, פארצווייפלטע ראפּאָרט-רופנ קיינ לאָנדאָנ, ווו עס איז געזעסנ די עמיגראנטישע פּוילישע רעגירונג, געבעטנ הילפ, געבעטנ ווירקנ אפ די פּוילישע גענעראלנ אינ דער פּוילישער אונטערערד. אָט ביט וואָס פארא הארצשנײַדנדיקע ווערטער עס הייבט זיכ אָנ איינער פונ די דאָזיקע אליארם-רופנ:

„ברידער! אינ די שרעקלעכסטע טעג פונ זייער קיום שרײַבנ צו איַיכ די לעצטע יידנ אינ פּוילנ מיטנ בלוט פונ זייערע הערצער די דאָזיקע ווערטער. מיר גייענ אָפּ מיט בלוט אונ שליסנ צוזאמענ אונדזערע רייענ צומ לעצטנ, אנטשיידנדעמ קאמפּ, אונ איר פירט זיכ א רויק לעבנ, לייגט זיכ שלאָפנ צענ אזייגער אונ כאָלעמט וועגנ דער פארגאנגענהײַט".

דער דאָזיקער ווײ-געשריי איז אייגנטלעכ א באשולדיקונגס-אקט קעגנ דער עמיגראנטישער פּוילישער רעגירונג — א טראגישער באשול-דיקונגס-אקט פונ דעמ פּוילישנ יידנטומ, וואָס האָט געצאפּלט אינ די לעצטע גסיסע-ווייענ, אינ די נעגל פונ א רויב-כײַע, אונ געבעטנ איינ כעסעד: געווער צו קענענ מענטשלעכ שטארבנ.

7

די כרײַנט פונ „יענער" זײַט

צו יענער זײַט זײַנענ שויג באָר-קאָמאראָווסקי, אָקוליצקי אונ זייערע שוטפים נישט געווענ אויסשליסלעכע באלעבאטימ איבער די באוואָפנטע קרעפטנ פונ אונטערערדישנ פּוילנ. נישט קענענדיק פאר-טראָגנ די אָפּוואַרטנדיקע פּאָזיציע, וועלכע איז אינ טאָכ געווענ גינסטיק פארנ סוינע, האָט זיכ דער לינקער טייל פונ די אונטער-ערדישע פּוילישע פרײַהײַטס-קעמפער אָפּגעריסנ אונ געשאפנ אנ איי-גענע, אנטשלאָסענע, דעמאָקראטישע, אקטיוו-פּאטריאָטישע מיליטערישע פאָרמאציע — די פאָלקס-גווארדיע („גווארדיא לודאָווא"). אינ שפּיצ פונ דער פאָלקס-גווארדיע איז געשטאנענ דער גענעראל מיכאל ראָליא-זשימיערסקי, אנ אלטער קעגנער פונ פּילסודסקיס רעזשימ, א מענטש מיט א דעמאָקראטישער וועלט-אָנשויונג, וועלכער האָט ברייט געעפנט די רייענ אויכ פאר יידישע קעמפער אונ גענומענ אינ שוצ יידישע מענטשנ.

אינ ווארשע איז אינ שפּיצ פונ דער פאָלקס-גווארדיע געשטאנענ

דער מאיאָר באָלעסלאוו קאָוואלסקי, וועלכער איז אינ אונטערערד באקאנט געווענ אונטערנ פסעוודאָנימ „רישארד". דאָס איז געווענ א זונ פונ פּוילישנ פּראָלעטאריאט, א ווארשעווער מעטאל-ארבעטער פונ איינער פונ די וויכטיקסטע פּראגער וואָפּנ-פאבריקנ. אלס יונגער באָכער איז ער ארייַנגעטראָטנ אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אינ סענטיאבער 1939 איז ער פרייַוויליק אוועק פארטיידיקנ דאָס לאנד אונ האָט זיכ באטייליקט אינ די העראָישע קאמפנ בא וועסטערפלאטע — א פעסטונג באמ ברעג פונ באלטישנ יאמ, נישט ווייַט פונ דעמ פּוילישנ פּאָרט גדיניע. ווענ דאָס גאנצע לאנד האָט שוינ געצאפלט אינ די נעגל פונ דעמ האקנקרייצ, האָט נאָכ אפ וועסטערפלאטע אלצ געפלאטערט די פאָנ פונ אומאָפּהענגיקנ פוילנ. אונטער די סנאריאדנ פונ שווערער ארטילעריע אונ פונ באָמבארדיר-אעראָפּלאנענ איז אָבער איינגעפאלנ אויכ די לעצטע פּוילישע פעסטונג. פּאַר באָלעסלאוו קאָוואלסקי האָט זיכ געעפנט דער נאווענאד־וועג פונ א סאָלדאט פונ א צעקלאפּטער ארמיי, פונ א זונ פונ א פארשקלאפּט פאָלק.

צוריקגעקומענ אנ איבערגעטאָנענער אינ ציווילער האלבאָשע אהיימ, אינ דער ווארשעווער פּאָרשטאָט פּראגע, האָט זיכ דער מיטגליד פונ פּפּר קאָוואלסקי טייקעפּ גענומענ צו דער ארבעט. ער איז ארייַנגעטראָטנ אינ דער אונטערערדישער פּוילישער ארמיי, האָט זיכ באטייליקט אינ א ריי פארשווערונגענ, אטענטאטנ, סאבאָטאזש-אקציעס. די אָנפירונג, וועלכע איז געלעגנ אינ די הענט פונ די רעאקציאָנערנ, האָט געהאמעוועט קאָוואלסקיס קאמפּס־ענטוזיאזמ. דעמלט איז געקומענ דער אייַנריס. באָלעסלאוו קאָוואלסקי האָט געהערט צו די פּיאָנערנ פונ דער זעלבשטענדיקער ד ע מ אָ ק ר א ט י ש-פ א ט ר י אָ ט י ש ע ר ו ו י ד ע ר ש ט א נ ד-ב א ו ו ע ג ו נ ג, צו די גרינדער פונ דער פאָלקס־גווארדיע.

מיט יידנ פלעגט זיכ באָלעק טרעפנ נאָכ אינ די פריערדיקע יאָרנ, געהאט צווישנ זיי אידיישע כאווערימ אונ א סאכ נאָענטע פרייַנט. איינער פונ זייַנע בעסטע כאווערימ איז געווענ מענאשע מאטיוויעצקי, א יידישער אינטעליגענט, א געבוירענער אינ קאָברינ, פּינסקער געגנט, וועלכער האָט אצינד — אדאנק זייַנ „ארישנ" אויסזענ — געוווינט מיכוצ דער געטאָ אונ איז אויכ געווענ איינער פונ די פּיאָנערנ פונ דער „גווארדיא לודאָווא". זייַנ פסעוודאָנימ איז געווענ „נאסטעק"[1]. מאיאָר „רישארד" — אזוי האָט מענ אינ ווואר-

---

1 מארקאָוויטש — גוויִעס־איידעס.

שווער אונטערערד גערופנ באָלעסלאוו קאָוואלסקינ — איז געווענ פונ די ערשטע פאָליאקנ, וועלכע האָבנ געבראָכנ אלע גזיירעס און פאר־באָטנ און זײַנענ אראָפ אינ געטאָ. באנאנד מיט מענאשע מאטי־וויעצקינ און אנדריי שמיטנ איז ער געווענ דער מיטבויער פונ די ערשטע יידישע קאמפס-גרופנ.

רעוואָליוציאָנערער גײַסט און ברידערלעכע באציונג צום יידישנ ארבעטס-מענטש איז געווענ א טראדיציע אינ באָלעסלאוו קאָוואל-סקיס מישפּאָכע. דאָס איז געווענ אנ אלטע פוילישע פּאָלעטארישע מישפּאָכע, וועלכע האָט בעמעסירע איבערגעגעבנ אירע קינדער און אייניקלעכ דעמ אָטעמ פונ פינפטנ יאָר, פונ דער רעוואָליוציאָנערער פוילישער סאָציאל-דעמאָקראטיע. קריסטינא איז באָלעקנ געווענ נישט בלויז א ווײַב, נאָר אויכ אנ אידייישע כאוועטע, א מיטקעמפערנ. אויסערלעכ אנ אײַנפאכע פרוי פונ פאָלק, מיט גרויסע ביליקע אוי־רינגלעכ אינ די אויערנ, האָט קריסטינא קאָוואלסקא, אָדער ווי די כאוויירימ האָבנ זי גערופנ „זשיוטא", קײנ שומ כשאד נישט ארויס־גערופנ. אָבער בא אָט דער קלײנוווקסיקער פרוי האָט געברויזט א הייסע נעשאָמע, א פיבערדיקע ענערגיע. דרײַ מאָל א וואָכ איז זי געווענ אינ געטאָ — אריבערגעטראָגנ נישט בלויז אינסטרוקציעס, ליטעראטור, דאָקומענטנ פאר די יידישע כאווײרימ, נאָר אויכ געווער. דאָס פאָרפאָלק באָלעסלאוו און קריסטינא האָבנ אינ נאָמענ פונ דער פאָלקס-גווארדיע איבערגעגעבנ דער יידישער קאמפס-אָרגאניזאציע די ערשטע געווער-מאטאָנע — אכט רעוואָלווערנ, עטלעכע גראנאטנ און עטלעכע קעסטלעכ קוילנ. מיצאד דער פאָלקס-גווארדיע איז דאָס דעמלט, נאָכ א מאבל פונ רעפרעסיעס, געווענ א גרויס געשאנק. פונ אָט דעמ ערשטנ שריט האָט זיכ אָנגעהויבנ דאָס סיסטעמאטישע איבערשיקנ געווער אינ געטאָ. צוגעשטעלט געווער פאר די יידנ האָבנ די פוילישע ארבעטער-פארטיי, די פארטיי פונ די פוילישע סאָציאליסטנ, די פאָלקס-גווארדיע און געוויסע קרײַזנ פונ דער פוי־לישער אינטעליגענצ און פונ דער דעמאָקראטישער שול-יוגנט, וועל־כע האָבנ זיכ גרופירט ארומ דער אומלעגאלער סקאוטנ-אָרגאניזאציע „הארצעוש". מיט זײַנ מעסירעסנעפעשדיקער ארבעט האָט זיכ אויס־געצייכנט דער פוילישער לינקער יוגנט-טוער קאזשיק דעמביאנ.

צוויי מערקווירדיקע געשטאלטנ פונ פוילישע פרויענ האָבנ זיכ ארויסגערוקט אינ אָט דעמ מעסירעסנעפעשדיקנ שמוגל פונ געווער — די טוערנ פונ דער פוילישער ארבעטער-פארטיי סטעפאניא סאוויצקא

און די טוערנ פונ דער דעמאָקראטישער סקאוטנ-אָרגאניזאציע אירענא אדאמאָוויטש — די ערשטע אנ ארבעטערנ, די צווייטע — אנ אינטע-ליגענטנ. די כאוערטע סטעפאניא האָט געהערט צו די וווּנדערלעכסטע געשטאלטנ פונ דער פּוילישער פרייהייטס-באוועגונג[1]. זי איז אינ א צייט ארומ געפאלנ מיט א העלדנ-טויט אפנ פּאָסטנ, געשטרעקט איר שווער לעבנ פונ אנ ארבעטער-פרוי פאר די העכסטע אידעאלנ פונ דער מענטשהייט. אירענא אדאמאָוויטש האָט איר קאָרבאָנעס-פולע טעטיקייט נישט באגרענעצט בלויז מיט ווארשע. זי איז ארומ-געפאָרנ איבער די גרעסערע שטעט, וווּ עס זיינענ געווענ געטאָס, אונ אומעטומ אָרגאניזירט הילפ פאר די יידנ, קורדעמקאָל באזאָרגט געווער פאר די יידישע קעמפער[2]. די נעמענ פונ די צוויי העלדישע פרויענ, באנאנד מיט „רישארד" — קאָוואלסקי, וועלנ אפ אייביק איינגעבאקנ זיינ אינ הארצנ פונ יידישנ פאָלק.

8

געווער

אפ דער סאמע ארויסגערוקטער צאָפנ-זייט פונ דעמ „יידנ-רעזערוואט" איז געלעגנ דער ראיאָנ פּאָוואָנזעק. פּאָוואָנזעק איז דורכ די דייטשנ אויסגעשניטנ געוואָרנ פונ געטאָ. צווישנ דעמ דאָזיקנ ארבעטער-ראיאָנ אונ דער געטאָ איז געלעגנ דער קאטוילישער צווינ-טער. נישט ווייט פונ דעמ בייסאלמענ, אפ דער געטאָ-זייט, האָט די שאָמרישע יוגנט געמאכט א יעראָקעס-פערמע.

דאָ האָט טאָמיד געהערשט א טויטע שטילקייט. בלויז דער אָפּ-הילכ פונ גאלאָכישנ גלעקל-קלאנג בא לעווייע-פּראָצעסיעס אונ דער שאָרכ פונ בימער-בלעטער איז דאָ דערגאנגענ פונ יענער זייט וואנט. זעלטענער ווי ערגעץ אנדערש האָט אינ דעמ גרינעמ ווינקל ארייגעבליקט דאָס שפּיזיקע אויג פונ דעמ באוואָפנטנ שוימער. די יוגנט האָט זיכ צווישנ די ציבל-גרינס אונ די מערנ-שורעס אופּ-געשטעלט געצעלטנ אונ סוקעס. דאָ האָט מענ רויקער געקענט א נאכט פארברענגענ, נישט פאטערנ די נערווּנ, ווי אינעמ הארצ פונ געטאָ, ווו עס האָט געבושעוועט פּאניק אונ היסטעריע.

---

1 דר. א. בערמאנ — ראדיאָ־רעדע.

2 א'וראָמ סוצקעווער.

אינ יענער נאכט האָבנ זיכ שאָטנס באַוועגט צווישנ די יעראָקעס-פלאַנצנ אונ צוגעשלײַכט צומ צווינטער-מויער. א פלינק מיידל האָט זיכ ארופגעכאַפּט אפנ כאַווערס אקסלענ אונ איז אריבערגעשפרונגענ אפ יענער זײַט וועלט, זיכ צוגעטוליעט צו דער בייס-האַקוואָרעסדיקער ערד. דערנאָכ האָט זי אדורכגעפויזעט דעמ שעטעכ צווישנ די צלאָמימ, די נאכט-כאַשכעס איבערגעוואַרט אונ קאַיאָר שוינ אפ דער צווייטער זײַט געווענ, אינ דעמ פאָוואָנזקער ראַיאָנ. אינ א קאָנספיראַטיווער ארבעטער-דירע האָט שוינ אפנ ייִדישנ מיידל אנ איבערגעטאָנענע כאַווערטע געוואַרט [1].

די שאָמרישע פערמע איז אנ ארויסשפרונג-פאָזיציע געווענ. דורכדאַנענ זײַנענ ארויס א סאכ דרייסטע, „אריש"-אויסזעענדיקע באָכערימ אונ מיידלעכ, וועלכע די ייִדישע קאמפס-אָרגאַניזאציע האָט געשיקט אפ „יענער" זײַט צו העלפנ באמ איבערטראַנספאָרטירנ געווער אונ מעדיקאמענטנ פאַר דער אונטערערדישער געטאָ.

אזוי איז אפ „יענער" זײַט ארויס ניוטע טייטעלבוימ. דורכדאַנענ איז „אהינ" אוועק האנקע שאפיראָ — א מויד א ברענ, שטענדיק פול מיט לעבנ, אינ די ערגסטע מינוטנ געשפרודלט מיט הומאָר [2], איינע פונ די קליגסטע אונ געוואַגטסטע פאַרבינדלערנס פונ דער ייִדישער קאמפס-אָרגאַניזאציע מיט דער דעמאָקראַטיש-פראָגרעסיווער פוילישער אונטערערד. ניוטע טייטעלבוימ האָט זיכ געווידמעט דעריקער דעמ אריבערטראַנספאָרטירנ געווער אונ דאָקומענטנ. פונקט ווי האנקע האָט אויכ ניוטע ארויסגעוויזנ שטאַנדהאַפטיקײַט אונ קאַלטבלוטיקײַט אינ די סאמע קריטישע מאָמענטנ. אזעלכע זײַנענ אויכ געווענ זייערע כאַווערטעס — קאַזשיע (ביילע) קאגאנ אונ ליוביע ראָזענטאַל, וועלכע זײַנענ אויכ אפ „יענער" זײַט ארויס דורכ דעמ שאָמרישנ גאָרטנ אינ דעמ קאטוילישנ צווינטער. די דאָזיקע מיידלעכ האָבנ באמ אויספירנ די אופגאַבנ פונ דער ייִדישער קאמפס-אָרגאַניזאציע אפ דער „אַרישער" זײַט ארויסגעוויזנ וווּנדערלעכע גווורע, געשיקטקײַט, באַהערשונג אונ כאָכמע. די פוילישע קאָנספיראַטאָרנ קריסטינא קאָוואַלסקא דערציילט וועגנ איינעמ פונ די געוויינלעכע ניוטע טייטעלבוימס אופטוענ: „וואַנדע מיט די צעפלעכ" איז איינמאָל פונ וואַלד געקומענ אינ שטאָט ארײַנ מיט א פאַק פאַלשע דאָקו-

1 קאַזשיע קאגאנ.

2 קריסטינא קאָוואַלסקא.

מענטן. אָנגעטאָן אין דאָרפישער האליכע, האָט זי מײַסע פויערטע אפּג אָרעם געטראָגן א קוישל מיט אייער; אונטער די אייער זײַנען גע-לעגן די טרייפע דאָקומענטן. אף דער גאס האָט זיך צוגעטשעפּעט א פּאָליציאנט, און דערשפּירנדיק עפּעס פאַרדעכטיקס אין דעם שיינעם פּויערשן מיידל, האָט ער גענומען זי פירן אין צירקל אף פּאָזנאנסקי-גאס. פּלוצעם האָט ניוטע מיטן גאנצן קויעך א שטויס געטאָן דעם פּאָליציי-מאַן. ער איז געפאלן, און זי איז ארײַנגעשפּרונגען אין דעם טראַמווײַ, וואָס איז גראָד פאַרבײַגעפאָרן. אין משך פון א קורצער צײַט איז זי פון איין טראַמווײַ ארויס, אין א צווייטן ארײַן— טאָמער יאָגט מען זיך נאָך איר, זאָלן די פאַרפאָלגער צעטומלט ווערן. „אין א שאָ ארום,—פאַרענדיקט קאָוואלסקא איר דערציילונג,— האָט זי רויִק אָנגעקלאַפּט אין מײַן טיר; זי איז געווען אין גוטער שטימונג, זי האָט א סאך געלאכט און געשפּאַסט".

די „שווארצע ארבעט" פון אריבערטראָגן דאָס דעראָבערטע גע-ווער אין געטאָ ארײַן האָט אף זיך גענומען דאָס פּאָרפּאָלק הענריק און העליע קאָטליצקי. דאָס זײַנען געווען שוין נישט קיין יונגע מענטשן, אלטע קאָמוניסטן — ער האָט עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אינעם קאָנצלאגער פון קארטוז-בערעזע. די קאָטליצקיס זײַנען געווען ייִדן, פון פאך — באנק-אָנגעשטעלטע.[?] אדאנק זייער „ארישן" אויסזען האָבן זיי געקענט ווױנען און פרײַ זיך באוועגן אין די פּוילישע און דײַטשישע גאסן. זיי האָבן אָבער נישט געקענט רויִק זיצן און איבערוואַרטן אין פּערזענלעכער זיכערקײַט די ביטערע צײַט. זיי האָבן זייער בעסערע לאגע געשטעלט אינגאנצן אין רעשוס פון דער לײַדנדיקער געטאָ. יעדן צווייטן טאָג האָבן די קאָטליצקיס ארומגעבונדן ארום דעם הוילן לײַב רעוואָלווער-טיילן, גראנאטן. אזוי זײַנען זיי געגאנגען אין געטאָ — איין מאָל לעגאל, מיט א שײַן אין קעשענע, דאָס צווייטע מאָל ארײַנגערוקט דעם שומער א פּאָר זלאָטעס אין יאד. און אזוי איז באַרײַכערט געוואָרן דער געהיימער געטאָ-ארסענאל [1].

אין דער סעקציע פון דער ייִדישער קאמפּס-אָרגאניזאציע, וואָס איז געווען אף דער ארישער זײַט, האָט זיך מיט זײַן אויסזען און פיזישער קראפט אויסגעטיילט יעהושוע ווישינסקי [2]. דער דאָזיקער

1 קאָוואלסקא.
2 קאגאנ.

ייִדישער באָכער, וועלכער האָט געשטאַמט פונ טיפ פוילנ, פונ וולאָצ-לאוועק, אונ האָט זײַנ דערציִונג באַקומענ אינ ווילנע, האָט נישט סטאַמ געהאַט אַנ „אַרישנ“ אויסזענ; ווענ עס האָט זיכ מיט אימ אַפ א געהיימער זיצונג געטראָפנ צומ ערשטנ מאָל א געטאָ-ייִד, איז ער לעכאַטכילע געווענ איבערצײַגט, אַז ער האָט פאַר זיכ א בייזנ כולי-גאַנ. יאנעק וויגא — אַזוי האָט זיכ א נאָמענ געגעבנ יעהושוע ווישינ-סקי — איז טאַקע אויסגענוצט געוואָרנ צו די סאַמע געפערלעכע אַק-ציעס. ער האָט נישט איינ מאָל אַרויסגעשלעפט געווער פונ דײַ-טשישע סקלאַדנ אונ עס איבערגעגעבנ אינ געטאָ.

די גאַנצע אַרבעט פונ דער מיכוצ-געטאָדיקער אָפטיילונג פונ דער ייִדישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע האָט קאָאָרדינירט מיט די געטאָ-כאַווײרימ דער יונגער אַריע ווילנער.

א סאָפזומערדיקער טאָג. עס גייט שוינ „באַביע ליאַטאָ“, גרויסע שפינוועבס-נעצנ הענגענ אינ דער לופט, שלעפנ זיכ נאָכנ מענטשנ. שטילער איז געוואָרנ דער טאָג-געפילדער אינ געטאָ, א טרויעריקע אווײלעס שוועבט איבער די פוסטע גאַסנ. עס איז שוינ עטלעכע טעג נאָכ דעמ בלוטיקנ שניט, וואָס טראָגט דעמ ציניש נאָמענ „אַקציע“.

צומ „נאָרמאַלנ“ לעבנ גייט צוריק די פאַרשמעלערטע, די אויס-געבלוטיקטע געטאָ. עס עפנט זיכ דער טויער. פונ „יענער“ זײַט פאָרנ פורנ מיט שפײַז פאַר די אַרבעטס-שקלאַפנ, וועלכע זײַנענ לעבנ געבליבנ — גרויסע פורנ קאַרטאָפל. די ייִדישע אָרדענונגס-וועכטער, וועלכע האַלטנ זיכ אינ א דערעכעוועצדיקנ מערכעק פונ דער „אַרישער“ שמירע, קוקנ מיט ליבשאַפט אונ באַדויערונג אַפ די שיינע קאַרטאָפל. זיי ווייסנ: באַלד וועלנ די פוילישע פאָליציי-לײַט, וועלכע ווילנ נויסע-כיינ זײַנ באַמ דײַטשנ אָדנ, דעמ זשאַנ-דאַר, אויסשיטנ די גאַנצע פור, זוכנ טרייפע סכוירעס-שמוגל. דער-נאָכ וועט די לאַדונג שוינ ניט אויסזענ אַזוי אַפעטיטלעכ אונ צו-ציִענדיק. צעבראָקטע קאַרטאָפל-שטיקלעכ, אויסגעשמירטע אינ בלאָטע, צעטראָטענע וועלנ אָפגעפירט ווערנ אינ די גאָרקיכנ פאַר די ייִדישע אַרבעטס-קנעכט.

דאָס מאָל זײַנענ די אָרדענונגס-וועכטער געבליבנ שטיינ פאַר-גאַפטע. דער פוילישער פאָליציאַנט פיאָטר טורסקי האָט בלויז א מאַכ געטאָנ מיטנ שטעקעלע, ווי איינער זאָגט: פאָר ווײַטער! אונ די פורנ זײַנענ גאַנצ געלאַסנ אַדורכגעפאָרנ די שמירע. דער טויער האָט זיכ הינטער זיי פאַרמאַכט, אונ זיי זײַנענ אַרײַנ אינ געטאָ.

ווײַט פונ געטאָ-טויער, ווײַט פונ שמירעס אונ פּאַטרולנ, אינ אַ הינטערגעסל, האָבנ יידישע אַרבעטער אַראָפּגעוואָרפנ די קאַרטאָפל אינ גאָרקיכ-קעלער. פונ אונטער אַ שיטער-געוואָרענעמ בולבעס-שיכט האָט מיטאַמאָל אַרויסגעגלאַנצט אַ מעטאַלענע רער, אונ נאָכ טיפער — אַ קאַסטנ. אונטער די קאַרטאָפל האָט אַ געהיימע, ברידערלעכע האַנט איינגעטוליעט קלייזײַען — אָט דאָס, וואָס איז פאַר דער געטאָ טײַערער געווענ פונ עסנ[1].

מיט ציטערנדיקע הענט נעמענ די יידישע אַרבעטער אַרויס די אויסגעבענקטע געווער-טיילנ, גלעטנ זיי אונ צערטלענ אונ טראָגנ ווי פיצלעכ קינדער אינ די אונטערערדישע אַרסענאַלנ.

פיאָטר טורסקי האָט דערווײַל זײַנ דעזשור געענדיקט. אַפ אַ טרעפ-פונקט וואַרט אַפ אימ סטאַניסלאַוו שימאַנאָווסקי, אַ שאָליעכ פונ דער פוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי[2]. „אַדורכ בעשאָלעמ" — זאָגט דער פּאָליציאַנט, אונ דער כאַווער סטאַניסלאַוו לויפט אָנזאָגנ די בסורע דעמ „טאָוואַזשיש יורעק", וועמענס יידישער נאָמענ עס איז אַריע ווילנער.

נישט בלויז קאַרטאָפל אונ שאָר-יעראָקעס זײַנענ געוואָרנ אַ טראַנספּאָרט-מיטל פאַר געווער. סטעפּאַניאַ סטאַוויצקאַ, „רישאַרד" אונ זייערע כאַווײרים האָבנ אינ דעמ הייליקנ שמוגל אַרײַנגעצויגנ עטלעכע פוילישע בעקער. אינ לאַבנס ברויט האָט מענ אײַנגעלייגט געווער-טיילנ אונ געטראָגנ אינ געטאָ אַרײַנ. די שמירע איז אונטערגעקויפט געוואָרנ מיטנ אָנשטעל, אַז עס גייט אינ אַ געוויינלעכנ ברויט-שמוגל, אונ דער אַרסענאַל פונ דער אונטערערדישער געטאָ איז באַרײַכערט געוואָרנ מיט נאָכ אַ פּאָר שטיק געווער[3].

דאָס געווער האָבנ אײַנגעשאַפנ די פוילישע אַנטיפאַשיסטנ אָדער פאַר אייגענע מיטלענ, אָדער פאַרנ געלט, וואָס עס האָבנ צוגעשטעלט די יידנ, ווײַל וואָפנ האָט מענ נישט נאָר געזאַמלט, נישט נאָר גענומענ בא די דײַטשנ, נאָר אויכ געקויפט. אינ לאַנד איז אָנגעגאַנגענ אַ גרויסער, געהיימער געווער-האַנדל, אינ וועלכנ עס האָבנ זיכ באַטייליקט דײַטשישע דעזערטירנ אונ איטאַליענישע סאָלדאַטנ. מאַכמעס דעמ גרויסנ וואַקסנדיקנ נאָכפרעג פונ געטאָ זײַנענ די פּרײַזנ אַפ דער שוואַרצער געווער-בערזע שטאַרק אופגע-

1 קעדריק-שטשערבינסקי.
2 דאָרטנ.
3 קאָוואַלסקאַ.

שריפט געוואָרן. טכילעס זומער 1942 איז אין וואַרשע א רעוואָל-וער מיט 100 קוילן געשטאַנען פינף הונדערט זלאָטעס; סאָף 1942, ווען די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך צעצווייגט און פאַנאַנדערגעוואַקסן, האָט מען שוין פאַרן זעלבן רעוואָלווער מיט די זעלבע הונדערט קוילן געבעטן דריי טויזנט זלאָטעס [1].

די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט זיך געניייטיקט אין מיטלען נישט בלויז אף איינקויפן געווער, נאָר אויך אף צוגרייטן שפּייז, אף פּראָפּאַגאַנדע, אף פּערסאָנעלע הויצאָעס. זי האָט דעריבער אָנגע-מערקט א בודזשעט פון פינף מיליאָן זלאָטעס [2]. קעדיי צו שאַפן די סומע, האָט די אָרגאַניזאַציע פּראָקלאַמירט א געזעלשאַפטלעכע זאַמל-אַקציע. מיט דער זאַמלונג האָט אָנגעפירט א געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט. א טייל יידישע גווירים — זייער צאָל איז צו יענער צייט געווען אין געטאָ שוין גאָר א קליינע — האָט גערן געגעבן אף די ווידערשטאַנד-צוועקן. דער ערשטער איניציאַטאָר פון דער זאַמל-אַקציע איז געווען אווראָם געפּנער, דער אַמאָליקער פּאָרזיצער פון יידישן סאָכרים-פאַריין און באַקאַנטער פילאַנטראָפּ, וועלכער האָט איצט געשטעלט זיין גאַנצן פאַרמעגן אין רעשוס פון די יידישע קעמפער [3].

לעגאַבע יענע גווירים, וואָס האָבן זיך פריי־ווילליק ניט געלאָזט באַשטייערן, איז די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געווען הארט און שטרענג [4].

א סאַך האַרטער איז געווען די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע לע-גאַבע די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט א מאַגע-אומאַסע מיטן סוינע. נאָך טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד, נאָך די טרויעריקע טעג און וואָכן פון דער ליקווידאַציע-אַקציע, האָבן די דייטשן ווידער דער-לויבט עפענען די קעהילע און באַשטימט א נייעם יידנראַט. אין דעם נייעם יידנראַט זיינען אריין מענטשן א סאַך געמיינערע פון די פריערדיקע. אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען דער ארכיטעקטאָר מאַקסימיליאַן ליכטנבוים, א מענטש א האַרטער, א שלעכטער, ווייט אפילו פונעם טיפּ שטאַדלען און גאַבע; צו דעם מענטשן האָט נישט געקענט דערגיין נישט דעם יאָכידס צאָרע, נישט א נאַציאָנאַלער

---

1 וויעזשביצקי — גוויס-איידעס.
2 באַריכט.
3 פּעקער.
4 קאָוואַלסקאַ.

איניען. אָן שום פּרוּוו פֿון ווידערשטאַנד האָט ליכטנבוים נאָכגעגעבן אַלע פֿאַרלאַנגען פֿון דעם סוינע. אויב די פֿריִערדיקע קעהילע-פֿאַרוואַלטונג האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער לאַגע, באַמיִענדיק זיך אויסנוצן דאָס אָפּ הילף און רעטונג, האָט זיך דער לעצטער יידנראַט פֿאַרוואַנדלט לעגאַמרע אין אַ געצײַג אין די הענט פֿון די דײַטשישע הערשער[1].

מיט אַזאַ אינסטיטוציע האָט די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע קיין שום בעשוטפּעסדיק לאָשן נישט געקענט געפֿינען. די יידישע קעמפֿער האָבן באַטראַכט ליכטנבוימס אינסטיטוציע ווי אַ פֿײַנטלעכע און אַרופֿגעלייגט אַפֿן יידנראַט אַ קאָנטריבוציע פֿון אַ מיליאָן זלאָטעס. אָפּ סילעקן די סומע האָט דער יידנראַט באַקומען אַ טערמין פֿון דרײַ טעג. די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז געווען שוין דעמלט אַזאַ קויעך, אַז ליכטנבוים האָט אַפֿילע נישט געפּרוּווט דינגען זיך — צום באַשטימטן טערמין איז דער מיליאָן געסילעקט געוואָרן[2].

איינצײַטיק זײַנען קליינע קאָנטריבוציעס אַרופֿגעלייגט געוואָרן אָפּ די אָרדענונגס-וועכטער און אָפּ אַלע, וועלכע האָבן געמאַכט קאָלערליי געשעפֿטן מיטן דײַטש. אַזוי איז דער בודזשעט פֿון דער יידישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג געדעקט געוואָרן.

אָבער נישט בלויז מיט דער הילף פֿון אויסן זײַנען אָנגעפֿילט געוואָרן די געהיימע אַרסענאַלן אין געטאָ. אין דעם יידן-ראַיאָן גופֿע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּראָדוקציע פֿון פֿאַרשיידענע מינים געווער. געקערעוועט מיט איר האָבן די אינזשעניערן עפֿראַיִם פֿאָנדאַמינסקי[3] און מיכל קלעפּפֿיש, און אויך די פֿרוי ציוויע לובעטקין. אויסגעברענטע עלעקטרישע לעמפּלעך זײַנען אָנגעלאָדן געוואָרן מיט דינאַמיט, פֿלעשער זײַנען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט ברענשטאָף און מיט וויטריאָל, אין קעסטלעך פֿון קאָנסערוון האָט מען אַרײַנגעשאָטן פּולווער. מע האָט אויסגעאַרבעט מינעס, גראַנאַטן, פּעטאַרדעס, באָמבעס. איינער פֿון די גרעסטע אַרסענאַלן איז געווען אָפּ מילנע-גאַס נומער 7[4]. אַפֿן אויבערפֿלאַך פֿון געטאָ האָט געהערשט מאַקסימיליאַן ליכטנבוים. אין אונטערערד האָבן זיך געזאַמלט די ווידערשטאַנד-קויכעס.

1 מאַלער.

2 באַריכט.

3 בוימריטער — גוויִעס-איירעס.

4 יאָנאַס טורקאָוו.

9

געשטאַלטנ

מע האָט זיי שטענדיק געזענ צוזאמענ; ער — א צעוואקסענער, א פיזיש גוט אנטוויקלטער, אנ אויסגעספּאָרטעוועטער, זי — א קלײנע, א דריבנע, מיט א פּאָנעם פונ א קינד. דאָס יונגע פּאָרפאָלק עפראַיִמ אונ ליבע פּאָנדאמינסקי האָט געהערט צו די שענסטע געשטאַלטנ פונ דער יידישער קאמפּס-אָרגאניזאציע „עדעק" — אזוי האָבנ די כאווײרימ גערופנ עפראַיִמ פּאָנדאמינסקי — איז געוועזנ א טיפּישער פאָרשטייער פונ דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענצ אינ פּוילנ. יעניקע האָט ער געצויגנ פונ דער יידישער פאָלקס-גאס, ווו ער איז געבוירנ אונ דערצויגנ געוואָרנ, אונ פונ דער לינקער סטודענטישער באוועגונג, אינ וועלכער ער האָט פארקערט. א יאָר צײַט פארנ מיל-כאָמע-אויסברוך האָט עפראַיִמ פּאָנדאמינסקי געענדיקט דעמ ווארשע-ווער פּאָליטעכניקומ מיט א דיפּלאָמ פונ אנ אינזשעניר-עלעקטריקער. ווינ אפ דער אוניווערסיטעט-באנק האָט ער ארויסגעוויזנ נישט קיינ דורכשניטלעכע פייִקײַטנ אונ א נײַגונג צו וויסנשאפט. די פּראָפע-סאָרנ — די, וואָס האָבנ זיכ נישט דערשראָקנ פאר דער פארברעכע-רישער אגיטאציע פונ די הארוסעוויטשעס, האָבנ פּאָנדאמינסקינ ליב געהאט, אונ ווענ ער איז פארשפּארט געוואָרנ אינ געטאָ, האָבנ זיי געשיקט צו אימ שליכימ ארויסצוראטעווענ. דער יונגער אינזשעניר האָט זיכ אָפּגעזאָגט. „דאָס וועט זײַנ א פאראט לעגאבע דער געטאָ",— האָט ער דערקלערט. ער האָט זיכ ארײַנגעוואָרפנ אינ געזעלשאפט-לעכער ארבעט, געהערט צומ אקטיוו פונ דער געטאָ-אָרגאניזאציע פונ דער פּוילישער ארבעטער-פּארטיי, דערנאָכ געווענ איינער פונ די בויער פונ דער יידישער קאמפּס-אָרגאניזאציע, זיכ געווידמעט דער געווער-פּראָדוקציע, געלערנט זיכ אונ אנדערע שיסנ.

עפראַיִמ פּאָנדאמינסקי האָט געהאט אלע מײַלעס, וואָס זײַנענ נייטיק פאר א מאסנ-טוער — א שנעלע אָריענטאציע, טעאָרעטישע בילדונג, פּראקטישע ענערגיע, קויעכ-האסבאָרע.

געהאָלפנ האָט אימ אינ דער מעכירעסנעפעשדיקער ארבעט זײַנ פרוי ליבע, אָדער ווי די כאווערטעס האָבנ זי גערופנ „די ווײַסע ליו-בא", „אָליא". פונ דער היימ איז איר פאמיליע געווענ זילבערשטיינ. לויט דער בילדונג איז זי געווענ א פּעדאגאָג אונ פּסיכאָלאָג. די קליי-

נע ליובע איז געווענ א פיזיש געזונטע, א פארהארטעוועטע נישט בלויז קערפערלעכ, נאָר אויכ גײַסטיק, וואָס דאָס איז געווענ די גרעסטע מײַלע אינ די געטאָ-באַדינגונגענ. אונטער איר קלײנער, קינדערשער פיגור האָט פולסירט א שטארקער כאראקטער. אינ דער יִדישער קאמפּכ-אָרגאניזאציע האָט מענ זי געקענט ווי אנ אנטשלאָסענעם, הארטנ אונ אפילע קאנטיקנ מענטש; דאָס דאָזיקע קלײנע, יונגע ווײַבל האָט אויסערגעוויינלעכ פּאָזיטיוו געווירקט מיט איר רויִקײַט אפ דעם נערוועזנ אונ צומגעדולדיקנ עלעמענט. פונקט ווי איר מאנ איז זי אויכ דערצויגנ געוואָרנ אינ דער לינקער סטודענטנ-באַוועגונג, וואָס איז געשטאנענ אונטערנ אײַנפלוס פונ דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

אינ געטאָ, אינ די רײענ פונ דער ארבעטער-פארטיי אונ דער-נאָכ אינ דער קאמפס-אָרגאניזאציע, האָבנ זיכ די פאָנדאמינסקיס גע-טראָפנ מיט זײער אלטנ דערציִער, דעם געוועזענעם פירער פונ דער לינקער סטודענטנ-באַוועגונג דר. פאוועל ליבשטאט. א הויכער, א בלאסער, א דארער, א כאָלעש, איז פאוועל ליבשטאט אינ געטאָ גע-וואָרנ נאָכ מער כאָלעש, אָבער דער פײַער, וואָס האָט אינ דעם שוואכנ שיוורע-קײלע-גופ געברענט זינט לאנגע יאָרנ, איז נישט אויסגעגאנגענ אונ נישט געגומענ צאנקענ צווישנ די הויכע, כרויעריקע געטאָ-ווענט. דער דאָזיקער אויסגעצײכנטער מעדיקער אונ לינקער געזעלשאפט-לעכער טוער האָט געהאט א כאכ פרײַנט צווישנ דער פוילישער אינ-טעליגענצ אונ ארבעטערשאפט. פונקט ווי זײַנע דערצויגלינגענ, די פאָנדאמינסקיס, האָט דר. ליבעטאט אויכ באשלאָסנ צו בלײַבנ מיטנ פאָלק אונ נישט זוכנ בלויז פערזענלעכע רעטונג.

ער האָט זיכ געווידמעט דער ארבעט פונ אָרגאניזירנ די מעדי-ציניִשע הילפ אינ דער יִדישער קאמפס-אָרגאניזאציע. דר. פאוועל ליבשטאט האָט אינ די פריִערדיקע יאָרנ געגומענ א טעטיקנ, אָנפירנ-דיקנ אָנטײל אינ דער פוילישער אנטירעליגיעזער באַוועגונג. אפ זײַ-נע אינטערעסאנטע פאָרטראָגנ אינ ארבעטער-קלובנ איז אנ אָפטער ארײַנגײער געווענ לײב גאָט, א יִדישער סטאָליער, א קינד פונ דער יִדיש-פראָלעטארישער גאס — די שמאָלע מילע. לײב גאָט איז געווענ אנ אקטיוויסט פונ דעם האלב-לעגאלנ פראָפאריינ פונ די סטאָליער-ארבעטער, וועלכער האָט געוואנדערט פונ לאָקאל צו לאָקאל אונ זיכ אָפט געפונענ גאָר אונטערנ פרײַענ הימל. אנ אָפטער גאסט איז דער סטאָליער-ארבעטער געווענ אינ צירקל, אינ טפיסע. נאָכ א טאָג שווע-רער ארבעט, אָדער ארבעטסלאָזנ ארומשלײַענ זיכ איבער די אונגלע-

גאלע בערזעס פלעגנ זיכ לייב גאָט זעצנ צומ קארג־באלויכטענעמ טיש, צומ בוכ. ער איז דאָרשטיק געוואָרנ נאָכ וויסנ, ער פלעגט די לעצטע גראָשנס אָפּלייגנ אפ א גוטער טעאטער-פאָרשטעלונג, אפ אנ אינטערעסאנטנ ליטערארישנ אָוונט. לייב גאָט איז געווענ איינער פונ די טויזנטער ווארשעווער קאמפסלוסטיקע, וויסנדורשטיקע ייִדישע ארבעטער.

צו די ייִדישע קאמפס־גרופנ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אונטער דעמ איינפלוס פונ פפר, האָבנ געהערט א סאכ זעלטענע באָכערימ אונ מיידלעכ. עס איז קעדײַ צו דערמאָנענ דאָס העלדישע נײַנצניאָריקע מיידל רייזל ראָזענפעלד, וועלכע האָט געזאָרגט ווי אנ עמעסע מאמע פאר אלעמענ, פאר אלע שלאכט-כאווײרימ; מיט גרויס קאמפס-ענטוזיאזמ האָט זיכ אויסגעצייכנט א צווייטע נײַנצניעריק מיידל ביילע מאָנטשקאָראָווסקע; ספּעציעל פונ וואלד איז אינ געטאָ צוריקגעקומענ איינע פונ די פיאָנערנ פונ דער פארטיזאנישער באוועגונג, די זיבעצניאָריקע לייע ארבײַטזאמ; גרייט אפ יעדנ רופ זײַנענ טאָמיד געווענ די ארבעטער-אינטעליגענטנ לייב פײַל (פסעוודאָנימ: „איגנאצ") אונ טעוויע וולאָסקאָ (פסעוודאָנימ: „טאדעק"). די געטאָ-אונטערערד האָט געקענט די צוויי יונגינקע קעמפערישע שוועסטער פראניע אונ טוסיע בערמאנ, אונ אינײנעמ מיט די צוויי מיזינקעס פונ דער קאמפס-אָרגאניזאציע — אירע סעניאָרנ — דעמ אלטנ שוסטער יאקאָבסאָנ, וועלכער האָט געהערט צו די וועטעראנענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג בא דער ווארשעווער ייִדישער ארבעטערשאפט, אונ איצט, אינ געטאָ, דורכגעלעבט זײַנ צווייטע קאמפס-יוגנט. עס האָט באערט די געטאָ דעמ אָנדענק פונ האלינקע ראכמאנ, וועלכע האָט אויסגעפירט אנ אטענטאט אפ אנ עסעס־מאנ אונ איז אלײנ דערנאָכ געפאלנ פונ אנ עסעסישער קויל. עס האָט באוווּנדערט די געטאָ די דרייסטע אָנפאלנ פונ קאמפס-גרופנ אפ פאָליציי-פאָסטנס אינ געטאָ, זייערע מוטיקע „עקסנ". עס האָט דערעכערעצ געהאט די אויסגעמאטערטע, נעקאָמע-לעכצנדיקע געטאָ פאר שיִע שנײַדער, פאר דעמ כאווער שאכנע, פאר מענדל באָרג, ליעוו, פאר דעמ סטודענט מיכל ראָזענפעלד, וועלכער איז אויסגעוואקסנ צו א שלאכט-קאָמאנדיר פונ דער געטאָ-יוגנט, פונקט ווי פאר זײַנ קאמפס-כאווער אלטער אלעפ, דעמ שפעטערדיקנ קאָמאנדיר פונ די ייִדישע פארטיזאנער אינ די פוילישע וועלדער.

* * *

דער לערער סמאָליאַר — אַזוי האָט מען אים גערופֿן נאָך אין זײַן היים־שטעטל זעמבראָווע, וואָס איז לאָמזשער געגנט, ווו ער האָט די פּעדאַגאָגישע שריט געשטעלט; אַזוי האָט מען אים אויך גערופֿן שפּעטער אין וואַרשע, ווו ער איז אויסגעוואַקסן צו אַ פֿאַרוואַלטער פֿון אַ וועלטלעכער ייִדישער שול.

עס האָט קיינער נישט געקענט אַרויסזאָגן דעם נאָמען סמאָליאַר אָן דעם טיטל „דער לערער", פּונקט ווי צו פֿרומע ייִדן קלעפּט זיך אָפּ אייביק צו דער „רעבי". און פּונקט אַזוי האָט מען זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן נאָכן סמאָליאַרן אַ בייזן, אַ שטרענגן, אָן אופּגערעגטן. פֿון זײַנע ברייטע, אָפֿענעם געזיכט איז קיינמאָל נישט פֿאַרשוווּנדן דער מילדער שמייכל. אין זײַן גאַנצער פֿיגור, פֿון די געזונטע פּיס ביזן דעם הויכן קאָפּ, איז געלעגן אַ רויִקייט, אַ געמיטלעכקייט. ער איז געווען איינער פֿון די גלענצנדיקסטע ייִדישע פּעדאַגאָגן אין וואַרשע.

בײַ די שול־קינדער איז „דער לערער סמאָליאַר" געווען אַ סך מער ווי אַ פּעדאַגאָג; דאָס איז געווען דער בעסטער פֿרײַנט זייערער. סמאָליאַר ווידער האָט זיך נישט פֿאָרגעשטעלט זײַן לעבן אָן דער שול.

אין געטאָ האָט נאָכן סמאָליאַר אַריבערגעטראָגן די שול אין אַ קעלער. אונטער דער פּאָלע פֿלעגט ער טראָגן די פֿאַרבאָטענע לערנביכער. איינמאָל האָט ער פֿון בוזעם־קעשענע אַרויסגעשלעפּט ניט קיין בוך, נאָר אַ פּיסטויל. „קינדער — האָט ער געזאָגט, — הײַנט וועלן מיר האָבן אַן אַנדער לימעד — ווי אַזוי זיך באַגיין מיט היים געווער".

מיט דער גאַנצער אונטערערדישער, נאַוועגאַדיקער שול זײַנער איז דער לערער סמאָליאַר אַרײַנגעטראָטן אין דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. זײַנע טאַלמידים — טויבע דאַווידאָוויטש, גוטע און שמועל בלאָנעס, מיריאַם שיפּמאַן און אַ סאַך, אַ סאַך אַנדערע זײַנען געוואָרן אויסגעצייכנטע קעמפֿער פֿאַרן קאָוועד פֿון זייער פֿאָלק.

אירע טאַלמידים האָט אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געבראַכט אויך די הויכקוואַליפֿיצירטע לערערין עסטער בערנהאָלץ — די געוועזענע פֿאָרזיצערין פֿונעם פֿאַריין פֿון ייִדישע לערער, אַן אַלטע אַקטיוויסטקע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי האָט געגאָסן טיפֿע ליבשאַפֿט מיצאַד די יעסוימים, וואָס זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן

אונטער איר שוץ און דערציִונג. די דאָזיקע ענערגישע און דרייסטע פרוי האָט איינגעלייגט וועלטן צו ראַטעווען די קינדער, זי האָט זיי פאַרקאָנספּירירט אין אונטערערדישע היילן, ווי אַ טרייע מאַמע געזאָרגט פאַר זייער זיכערקייט און באַשפּייזונג.

אין די סאַמע קריטישע טעג האָט בערנהאָלץ אַרויסגעפירט אירע יעסוימים פון באַהעלטעניש און אויסגעשטעלט אין אַ ריי, איינגעגלידערט זיי אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. באַנאַנד מיט זיי האָט זי געקעמפט קעגן בלוטיקן סוינע; צוזאַמען מיט איר זיינען אין קאַמף אַרויס אירע מיטאַרבעטערנס, די לערערנס סטעפאַניאַ זעלדמאַן, כאַנע הערשקאָוויטש און אַ גאַנצע ריי איבערגעגעבענע יידישע לערער פון פאַרשיידענע טיפן שולן, אין וועלכע עס איז רייך געווען דאָס יידישע וואַרשע.

* * *

צווישן די טאַלמידים פון די יידישע וועלטלעכע שולן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין די רייען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין שיינקייט, פיזישער שטאַרקייט און שלאַכט־גרייטקייט אַ זעכצניאָריק יינגל, וואָס האָט געטראָגן אַ ביבלישן נאָמען — שאַנאַן. שאַנאַן באַטייט אויף דער ביבל־שפּראַך — אַ שטילער. דער יאַט איז דאַפקע געווען דער הייפּעך פון דעם נאָמען, דאַפקע אַ זידנדיקער, אַ רירעוודיקער, אַ צו מעשים זיך רייסנדיקער. אין געטאָ פלעגט מען אים זען ס'ראָוו צוזאַמען מיטן טאַטן זיינעם, מיט דעם הויכן בריטפּלייציקן טראַמוויי־אַרבעטער הערש לענט.

הערש לענט איז געווען איינער פון די בויער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דעם איינציקן זון זיינעם, וואָס האָט טכי־לעס דער געטאָ געהאַט סאַכאַקל דרייצן יאָר, האָט הערש לענט דערצויגן אין גייסט פון נאַציאָנאַלער ווירדע, פון אַקשאָנעסדיקן ווי־דערשטאַנד. איצט איז דער זון געשטאַנען לעבן דעם טאַטן — ביידע זיינען זיי גרייט געווען מאַקריוו צו זיין דאָס לעבן פאַרן קאָוועד פונעם שווער־געפּרוווטן פאָלק [1].

אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט מען געקענט נאָך איין הערש. דער צווייטער הערש איז אויסערלעך געווען אַ פולשטענ-

1 דר. א. בערמאַן — בילדער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דיקער קעגנזאַץ צו לענטן — אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, אָבער פּונקט אַזאַ געזונטער ווי הערש נומער איינס. דער קליינער הערש האָט גע-הייסן בערלינסקי און געשטאַמט פֿון לאָדזש. הערש בערלינסקי האָט געהאַט אַ לאַנגיאָריקע פּראַקטיק אין גאַסן-געשלעגן מיט ענדעקישע כו-ליגאַנעס אין לאָדזש. ער איז געווען איינער פֿון די קאָמענדאַנטן פֿון די לאָדזשער ייִדישע זעלבשוצן, וועלכע האָבן ניט איין מאָל פֿאַר-טריבן די פּויליש-אַנטיסעמיטישע שלעגער פֿון דעם ראַיאָן פֿון ייִדי-שער אָרעמקייט, פֿון באַלוט.

אין איין ריי מיט די אַרבעטער לענט און בערלינסקי האָט זיך געשטעלט די סטודענטקע פּאָליע עלסטער, וועלכע האָט זיך איינגעניבט אין שנעלן פֿויזען דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן און איז גע-ווען איינע פֿון די בעסטע פֿאַרבינדלערנס צווישן די ייִדישע קאַמפּס-גרופּן. עס האָבן זיך געשטעלט דער ביטל-מאַכער מוישע ערליך, דער סטאָליער דאָוויד אַסטער, דער יוגנט-טוער מאָרדכע שוואַרצבאָרד און אַנדערע [1].

אווראָם אונטערפּיצער — מיט אָט דעם נאָמען איז אין דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אַריינגעטראָטן דער 42-יאָריקער אַרבעטער אווראָם דיאַמאַנט. זיין מאָדנער פּאָנעם-אויסדרוק האָט זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן. אַן אומענדלעכער אומעט איז געלעגן אין זיינע האַרטע געזיכט. דער מענטש האָט קיינמאָל קיין שמייכל נישט געטאָן, דער מענטש האָט קיין איבעריק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל; דאָס איז געווען אַ לעבעדיקער סימבאָל פֿון טרויער.

פֿאַרשיידענע יאָרן, צייטן פֿון פֿרייד און פּעריאָדן פֿון צער, האָט אווראָם דיאַמאַנט דורכגעלעבט אין זיין היים-שטאָט קעלץ. איין טרייסט, איין אָנשפּאַר האָט ער אָבער שטענדיק געהאַט — די פֿרוי און דאָס קינד. דער אַכזאָריעסדיקער סוינע האָט באַ אים צוגערויבט די דאָזיקע איינציקע טרייסט. פֿעיס „פֿערניכטונגס-קאָמאַנדאָס" האָבן אַרויסגעריסן זיינע טייערסטע און נאָענטסטע, אַוועקגעשיקט אַף טויט. אווראָם דיאַמאַנט האָט מער אין זיין היים-שטאָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפֿינען. ער האָט באַשלאָסן אַנטלויפֿן קיין וואַרשע. פֿאַרן פֿאַרלאָזן די שטאָט, ווו עס זיינען געבליבן די וויסטע קוואָרים פֿון זיינע אָנעס, האָט אווראָם דיאַמאַנט בייגעלייגט אַ האַרץ-שבועה: נישט רוען, ביז די נעקאָמע וועט ניט זיין קיין פֿולע.

1 ייִצכאָק ראָסאַ.

אין דער אונטערערד-סוויווע פון דער ווארשעווער געטאָ איז ער אריינגעפאלן ווי א פייער-פונק. ער איז אליין געווען איין שטיק אומ-רו און האָט נישט געלאָזט רוען די ארומיקע. „דאָס בלוט פון מייַן פרוי און קינד רוישט מיר אין מויער, אין הארצן",—האָט ער געזאָגט. כוץ אימפעטפולן נעקאָמע־דורשט האָט דער קעלצער ארבעטער פאַרמאָגט נאָך איין גרויסע מייַלע: ער איז געווען אן אויסגעצייכנטער סאָלדאט פון דער פוילישער ארמיי, וועלכע ער האָט בעשייַטע פאַרלאָזן אלס קאפראל. אלץ, וואָס ער האָט געלערנט אין מיליטער, האָט ער איבערגעגעבן זייַנע יונגע כאווירים, וועלכע האָבן אים גערופן „אוורעם אונטעראָפיצער"[1].

* * *

מאָרדכע אניעלעוויטש און אריע ווילנער זייַנען געווען פון זעלבן עלטער. אין יענעם קריטישן יאָר זייַנען זיי געווען צוויי-און-צוואנציק-יאָריקע באָכערים. ביידע האָבן זיי געשטאמט פון פאופעריזירטע קליינבירגערלעכע היימען. מאָרדכעס עלטערן האָבן געהאט א הערינג-געוועלב אין דער „גויישער" סאָלעץ-גאס; אריעס עלטערן זייַנען געווען סטאם לופט-מענטשן; מאָרדכע און אריע האָבן הארט פאר דער מילכאָמע געענדיקט א יידיש-פוילישע גימנאזיע; שוין ווי שול-ייִנגלעך האָבן זיי דערשפירט די שאנד פון דאלעס, דעם טאַם פון ארומלויפן א גאנצן טאָג איבער גוירישע הייַזער און געבן „שטונדן".

און דאָך זייַנען מאָרדכע און אריע געווען יונגע מענטשן פון צוויי באזונדערע שניטן. אניעלעוויטש — א פארגאנצטער, א גראָדליניקער; אין דער סאָלעץ-גאס האָט ער פון קינדווייַז אָן געהאט צו טאָן סיי מיט אנטיסעמיטישע כוליגאנעס, וועלכע האָבן געוואָרפן שטיינער אין זייַן טאטנס געוועלב, און אים, דעם קליינעם מאָרדכע, נאָכגעשריִען „ביילים", סיי מיט באוווסטזיניקע פוילישע ארבעטער, וועלכע האָבן דעם ערשטן מיי די אָרעמע גאס פארוואנדלט אין א פאראדבולוואר און אין א שלאכטפעלד. מאָרדכע איז געווען פון שטענדיק אָן קאמפסגרייט. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער בירגערקריג אין שפאניע, האָט זיך מאָרדכע אניעלעוויטש באנאנד מיטן כאווער ייִסראָעל שקליאר געלאָזט צום פירענייִשן האלב-אינדזל, געוואָלט זיך שטעלן אין די רייען פון דער אינטערנאציאָנאלער בריגאדע. אָבער וועג האָט מען די יונגע

1 דר. בערמאן.

יאַטן געכאַפּט און אונטער אַ שמירע צוריקגעשיקט אַהיים. איצט האָבן זיך
ביידע — סײַ אַניעלעוויטש כּײַ זײַן דעמלטיקער באַגלייטער שקליאַר —
געפונען אין געטאָ, אין די רייען פון דער ייִדישער קאַמפּס-אָרגאַ-
ניזאַציע [1].

אַ פולשטענדיק אַנדערער איז געווען אַריע ווילנער. ער איז גע-
ווען אַן אײַנערלעך צעריסענער. אַן אַנדערן פון זײַן שניט וואָלט די
געטאָ נאָך מער צעטומלט, פאַרפּלייצט מיט דעפּרעסיע-שטימונג. אַריע,
פאַרקערט, האָט אין געטאָ דורגעמאַכט אַ קרעפטיקונגס-פּראָצעס. ער האָט
גלענצנדיק אויסגעפירט זײַנע פונקציעס אַלס פאַרבינדלער מיט דער
„אַרישער" זײַט. און ווען די געסטאַפּאָ-אַגענטן האָבן אים סאָף-
קאָלסאָף געפאַנגען, אָפּגעפירט אין דער „פּאַוויאַק"-טפיסע און מיט
קאַלערליי אומענטשלעכע אינויִם געוואָלט אויספּרעסן ייִדיעס, ווער
עס האָט אים געשיקט, האָט דער איידלהויטיקער טרוימער אַלץ אויס-
געהאַלטן, אַלע יעסורים איבערגעטראָגן און קיין וואָרט נישט גע-
לאָזט פון זיך אַרויסרײַסן. די פּײַניקער האָבן אַ געוויסע צײַט אים
צורו געלאָזט. אַריע ווילנער האָט גלענצנדיק אויסגענוצט די אָטעם-
פּאַוזע. אומגעריכט פאַר דער טפיסע-אַדמיניסטראַציע און פאַר די
אייגענע כאַווײרים אַף דער פרײַ איז ער אַנטלאָפן פון טפיסע. פון דעמלט
אָן האָט ער געפירט אַ טאָפּלט קאָנספּיראַטיוו לעבן. אַריע יורעק האָט זיך גע-
מוזט אויסבאַהאַלטן הען ווי אַ ייִד, הען ווי אַן אַנטלאָפענער פון
„פּאַוויאַק".

אין דער זעלבער צײַט האָט מאָרדכע אַניעלעוויטש וועלטן אײַנגע-
לייגט אין געטאָ גופע. ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער
ייִדישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך מיט אַלע כּיבערן פון זײַן
גלײַיקער געשאָמע אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון גרייטן דעם ווי-
דערשטאַנד. דער צוויי-און-צוואַנציק-יאָריקער יאַט האָט זיך אַרויסגע-
וויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטן אָרגאַניזאַטאָר און איז גאָר איינגיכן
אַרויסגעשוווּמען אין אויבנאָן פון דער ייִדישער ווידערשטאַנד-באַווע-
גונג. עס איז אים ביז דער לעצטער מינוט טרײַ געווען זײַן לעבנס-
כאַווערטע מירע פודווער, אַ מיידל פול מיט לעבן, מיט הומאָר, מיט
ברען. צוזאַמען מיט דעם פּאָרל האָט מען אָפט געזען אַ צווייטע
מירע — מירע פּײַנסדאָרף, אַ קליינינקע, אַ דורכגעטריבענע און שרעק-
לאָזע. די צוויי מירעס זײַנען געווען אַניעלעוויטשעס „פליגל-אַדיו-

1 פּ. לערמאַן — גוויִעס-איידעס.

טאנטנ״, האָבנ אים געהאָלפנ אינ דער שווערער ארבעט. צוזאמענ האָבנ זיי געשאפנ א גלענצנדיק צונויפגעשפּילטנ קאָלעקטיוו פונ יונגע, ענטוזיאסטישע פארשווערער.

* * *

די שוועסטער פרומקע אונ כאנטשע פלאטניצקי האָבנ געשטאמט פונ דאָרפ פלאטניצע הינטער פּינסק. די עלטערנ זיינענ געווענ געזונטע יידנ, אָקסנ־טרייבער, פונ יענעמ שניט פּאָלעטיער יידנ, וועלכע האָבנ ארויסגעגעבנ ברייטפּלייציקע גיבורים, די בעסטע דאָרפישע שמידנ, טעסלער, פישער, וואלד־בראקער. פרומקעס אונ כאנטשעס עלטערנ זיינענ געווענ כסידים, געפאָרנ צומ סטאָלינער רעבנ. קיינ מאזל־בראָכע האָט אינ זייער אָרעמער שטוב נישט ארייַנגעשמייכלט. פונ דעמ אָקסנ־טרייבנ איז קיינ פּארנאָסע ניט געווענ, אינ שטוב האָט גע־הערשט נויט. די שוועסטער האָבנ זיכ דערצויגנ אינ א שווערנ, הארטנ לעבנ, די עלטערנ האָבנ די קינדער געגעבנ ווייניק בילדונג, קארג צערטלעכקייט. פרומקע אונ כאנטשע זיינענ דערצויגנ געוואָרנ דורכ דער עלטסטער שוועסטער זלאטקע, א מיידל מיט ניט קיינ דורכשניט־לעכע פייַיקייטנ, א הייסע קעמפערנ, וועלכע האָט געהאט אפּ די יינגערע שוועסטער א שטארקנ אייַנפלוס. אינ שטוב פלעגנ יעדנ שא־בעס אופלאקערנ לייַדנשאפטלעכע דיסקוסיעס צווישנ דעמ טאטנ דעמ סטאָלינער כאָסיד אונ דער שוועסטער דער קאָמוניסטקע. אינ אָט אזא סוויווע האָבנ זיכ אויסגעקנאָטנ די כאראקטערנ פונ די צוויי יינגערע שוועסטער, וועלכע עס איז מיט יאָרנ שפּעטער באשערט געווענ אָפּ־צושפּילנ א בעקאָוועדיקע, א העלדישע ראָליע אינ דער יידישער ווי־דערשטאנד־באוועגונג אינ אָקופּירטנ פּוילנ [1].

פונ דער היימ האָבנ פרומקע אונ כאנטשע ארויסגעטראָגנ געזונטע גופימ, שטארקע הענט, צוגעווינטקייט צו די הארבסטע באדינגונגענ, קויעכ אריבערצוטראָגנ הונגער, קעלט, נויט; זלאטקעס האשפּאָע האָט זיי דערנענטערט צומ פאָלק, האָט אינ זיי דערוועקט דאָס געזעל־שאפטלעכע, דאָס געפיל פונ זיכ מאַקריוו זייַנ פארנ קלאל, פונ אונ־טעראָרדענענ די אייגענע איניאָנימ צו די אינטערעסנ פונ קלאל.

דערבייַ זייַנענ פרומקע אונ כאנטשע געווענ צוויי באזונדערע כאראקטערנ: פרומקע, די עלטערע, א שעמעוודיקע, אנ ארבעטזאמע,

---

1 וואפניאזש — גוויעס־איירעס.

א מענטש, וואָס טראָגט אלץ אריבער און שווײַגט; כאנטשע, די ייִנגערע, א לעבנסלוסטיקע, א מויד א ברענ. אינ שטוב האָט מענ זי פונ קינדווײַז אָנ גערופנ „דער שייגעצ"; אינ דאָרפ האָט קיינער נישט געקענט אזוי פלינק שפרינגענ אפ ביימער, ווי כאנטשע; דאָס איז געווענ א פּאָעטישע נאטור מיט א טיפער, אינטימער ליבע צו פעלד, צו וואלד, צו זונ. פרומקע איז געווענ מער אָרגאניזירט, מער סיסטעמאטיש; כאנטשע — מער צעכראסטעט, מער צעוואָרפנ, מער שטימונגספול, אָבער מער וירעוודיק.

אינ געטאָ האָבנ זיכ די צוויי שוועסטער קוינע-שעם געווענ ווי אויסגעצייכנטע קוריערנס אינ דער דרויסנדיקער וועלט. דורכגעזאפּט מיט אלדאָס דאָרפישע, האָבנ פרומקע און כאנטשע לײַכט געקענט שפּילנ די ראָל פונ פויערישע מיידלעכ און אויספירנ די סאמע פאראנטוואָרטלעכע שליכעכנ.

פרומקע האָט באזוכט ביאליסטאָק, ווילנע, לוואָוו. זי איז געווענ די לעבעדיקע פּאָסט, וואָס האָט פאראייניקט און איבערגעגעבנ ידיעס פונ איינ ייִדישנ קיבעצ אינ צווייטנ. כאנטשע האָט אפ זיכ גענומענ די שטעט, וואָס זײַנענ אײַנגעגלידערט געוואָרנ אינ „דריטנ רײַכ" און דורכ די דײַטשנ אָנגערופנ געוואָרנ „וואַרטעגאו", דאָס לאנד באמ טײַכ ווארטע.

אינ די רייענ פונ דער קאמפּס-אָרגאניזאציע זײַנענ פרומקע און כאנטשע בארימט געווענ מיט זייער דרייסטקײַט, פלינקײַט, מיט זייער אויסגעצייכנטנ באהערשנ אלע מינים געווער; פרומקע און כאנטשע זײַנענ ניט בלויז ארויס גאנצ פונ יעדער נעסיִע אפ „יענער זײַט"; די פּאָלעסיער מיידלעכ האָבנ אויכ געהערט צו די בעסטע שיסערס אינ דער געטאָ-אונטערערד. זיי האָבנ אָרויסגעוויזנ א הויכנ גראד פונ גײַסטיקער שטארקײַט און זײַנענ דורכ דער אָנפירונג פונ דער קאמפּס-אָרגאניזאציע ארויסגערוקט געוואָרנ ווי בײַשפּילנ פאר אנדערע.

די שוועסטער זײַנענ באפרײַנדעט געווענ מיט דער „מאמע פונ געטאָ" — אזוי האָט מענ אינ דעמ ייִדנ-ראיאָנ אָנגערופנ דאָס הויכגעוויקסיקע, ערנסטע, קאָנצענטרירטע בריסקער מיידל ציוויע לובעטקינ. ציוויעס צוגעבונדנקײַט צומ פאָלק האָבנ אלע געקענט און הויכ געשאצט. ערעוו דעמ מילכאָמע-אויסברוכ איז זי געווענ אינ דער שווייצ. זי האָט געהאט די ברירע, ווי אנדערע, צו בלײַבנ אינ א זיכערנ אָרט, אָבער ציוויע האָט קיינ רו נישט געפונענ, עס האָט זי געצויגנ צוריק אינ לאנד ארײַנ, אינ ווארשע, וווּ עס איז געבליבנ דאָס פאָלק. אינ געטאָ האָט זי זיכ ארײַנגעטאָנ אינ דער ארבעט צו אָרגא-

ניזירנ דעמ ווידערשטאנד. זי האָט ליב געהאַט ארומצוגיינ איבער אָרעמע הײַזער, טראָגנ הילפ אונ טרייסט קראנקע, פארצווייפלטע, הונגע-ריקע; אזוי האָט זי זיכ דעראָבערט דעמ נאָמענ — „די מאמע פונ געטאָ".

איר כאווער איז געווענ עלכאָנאָנ מאָרגענשטערנ, א געבאָרענער אינ פערעצעס שטאָט זאמאָשטש. אינ אונטערערד האָט מענ אימ גע-רופנ „שאכאר". דאָס איז געווענ א באשיידענער מענטש, וואָס האָט טיפ ליב געהאַט די יִדישע קולטור, די יִדישע שפראכ, דעמ יִדישנ פאָלקס-מענטש [1]. מיט ציוויענ אונ „שאכארנ" האָט זיכ געהאלטנ לייב קאצ, א יונגער אדוואָקאט אונ פאָלקסטימלעכער אינטעליגענט, וואָס האָט געשטאמט פונ לאָמזשע אונ די דערציִונג באקומענ אינ ווילנע [2]; צו דער זעלבער גרופע האָט געהערט דער ווילנער באָכער יִצכאָק צוקערמאנ, וועלכער האָט געהאַט דעמ אויסזענ פונ א טיפישנ כוואטסקנ „שייגעץ"; הויכ ווי אויג-מעלעכ-האבאָשאָנ, די האָר פאר-קעמט ווי א גאסנ-יונג א שלעגער, האָט יִצכאָק געקענט זיכ בא-וועגנ אפ דער „אַרישער" זײַט. וועגנ אימ האָט מענ געזאָגט, אז ווענ ער גייט פאָרויס, זעט ער גאנצ גענוי, וואָס עס טוט זיכ הינטער אימ; דער דאָזיקער ווילנער באָכער האָט שנעל באהערשט די קונסט פונ קאָנ-ספיראציע אונ האָט געבראכט א סאכ נוצנ דער קאמפס-אָרגאניזאציע.

* * *

אינ א לעגאמרע אנדער סוויווע איז אויסגעוואקסנ מיכל קלעפ-פיש, איינע פונ די סימפאטישסטע געשטאלטנ פונ דער יִדישער קאמפ-אָרגאניזאציע. געבוירנ אינ ווארשע בא א טאַטנ א בוכהאלטער אונ א מאמע א לערערנ פונ א יִדישער וועלטלעכער שול, האָט מיכל קלעפפיש אײַנגעזאפט אינ זיכ די ליבע צו דער יִדישער קולטור. האָרט פאר דער מילכאָמע האָט ער געענדיקט דעמ פאָליטעכניקומ מיט אנ אינזשעניער-דיפלאָמ. מיכל איז געווענ א דרייכטער מענטש, האָט פארמאָגט יענע זעלטענע מײַלע, א דאנק וועלכער מע קענ זיכ לײַכט געווינענ דעמ צוטרוי, דעמ כיינ אינ יענעמס אויגנ. דאָס איז געווענ א סימפאטישער יונגערמאנ, א כאווערישער, האָט געשפרודלט

---

1 פעקער.

2 דאָרטנ.

מיט ענערגיע. מיט קאָפּ און לײַב-און-לעבן האָט זיך דער יונגער אינזשעניער קלעפּפיש ארײַנגעוואָרפן אין פּראָדוצירן געווער.

פּונקט ווי א צווייטער געווער-פּראָדוצענט, אינזשעניער עפראַים פאַנדאמינסקי, האָט אויך מיכל קלעפּפיש זיך נישט באפרידיקט מיט אָט דער זייער וויכטיקער ארבעט. עס האָט אים געצויגן צו דירעקטער טאט, צו שלאכט. ער האָט זיך ארויסגערוקט אין די סאמע פאָדערשטע רייען פון דער יידישער קאמפּס-אָרגאַניזאציע.

מיכל קלעפּפיש האָט זיך געשטעלט אין איין ריי מיט זײַנע כאַוויירים — דעם סטודענט מארק עדעלמאַן, דעם פראָפאריינישן טוער זיגמונד פרידריך, דעם שנײַדער-ארבעטער מאלינאָווסקי, דעם שולאביטוריענט וואָלף ראָזאָווסקי. זיי האָבן אלע געשטאמט פון איין סוויווע, געהערט בעשײַטע צו איין ספּאָרט-קלוב. איצט זײַנען זיי אין געשלאָסענע רייען געגאנגען צום קאמף.

* * *

אין איין ריי מיט די יונגע האָט זיך געשטעלט דער עלטערער דאָר אויסגעפּרוּווטע טוער און קעמפער. די געטאָ-אונטערערד האָט באוואונדערט די ענערגיע, דעם קאמפּס-לוסט, דעם ווידערשטאנד-פּאַבאטיזם פון א סאך מערקווירדיקע עלטערע געזעלשאפטלעכע טוער.

מיילעך עסדעק — אזוי האָט מען אין די יידישע ווארשעווער ארבעטער-קרײַזן גערופן דעם אלטן מיילעך פײַנקינד, א וועטעראן פון דער אמאָליקער פּוילישער סאָציאַל-דעמאָקראטיע, אין וועלכן עס האָט איצט מיט א נײַער, מאמעש יוגנטלעכער קראפט אופגעפלאמט די קאמפּס-ענערגיע. לאָזער סטאָליער — אונטער דעם נאָמען האָט די ווארשעווער ארבעטערשאפט געקענט דעם אלטן סטאָליער-ארבעטער לאָזער ריכטער, אן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער אָקטיאבער-רעוואָלוציע; אצינד האָט דער אלטער פּראָלעטארישער וועטעראן צוגעלייגט א האנט צום אלגעמיינעם ווידערשטאנד-אָנשטרענג. פון פינפטן יאָר האָט זיך געצויגן דער שאלשעלעס-האיוכסין פון אוודאָם שנײַדערמיל, פון קוויאטעק. אָט די וועטעראנען פון פארגאנגענע סאָציאַלע שטורעמס האָבן נאָך געקענט א סאך געבן דער יונגער קאמפּס-אָרגאניזאציע, אין וועלכער עס האָבן זיך פאראייניקט יונג און אלט.

די דאָזיקע מענטשן, די יונגע און אלטע, די דערפארענע קאָנספּיראטאָרן און די נײַע, וועלכע האָבן ערשט אין געטאָ-אונטערערד געשטעלט די ערשטע שריט פון קאָנספּיראציע און געווער-באנוצונג,

זיי אלע האָבן געשאַפן דעם דוקן-ביין פון דער ייִדישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, זיי אלע האָבן אָנגעשטעקט דאָס אויסגעבלוטיקטע פאָלק מיט נעקאָמע-אָטעם, מיט טויט-פאַראַכטונג, מיט ווידערשטאַנד-ווילן.

10

די ערשטע קאַמפס-אַרויסטרעטונג אין יאַנואַר 1943

אויסגעבלוטיקט און צעבראָכן, פאַרשמעלערט, מיט פאַריאָסעמטע היימען און צעגראָמירטע דירעס, מיט פאַרכאַלעשטע גאַסן, אין וועלכע דער ברוק איז פעט געוואָרן פון מענטשלעכן בלוט, איז געבליבן ליגן די איר-האַהאַריגאָ נאָך צוויי כאַדאָשים אומופהערלעכע שכיטעס. די אויגן זײַנען שוין מיד געוואָרן פון וויינען, די הערצער פאַרקלעמט פון אומענדלעכן צאַר.

די געטאָ האָט געענדערט איר אויסזען נישט צו דערקענען. דאָס איז שוין מער נישט געווען קיין ווילנער ראַיאָן. עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן שטראָף-לאַגער, אין א קאָנצלאַגער. עס האָבן זיך געענדיקט די „אַלטע גוטע צײַטן", ווען ייִדישע אַרבעטער זײַנען געפירט געוואָרן אַף דער דרויסנדיקער זײַט אַרבעטן אין ווײַט-ראַיאָניקע דײַטשישע פירמעס אָדער מיכוץ דער שטאָט. עס איז אַוועק די צײַט, ווען דורך פּראָטעקציע, צי פאַר א פאָר גילדן האָט מען געקענט אויסהאַנדלען א שײַן אַף אַרויסגיין און דערנאָך אונטער דער פאָלע אַרײַנפירן אין געטאָ אַרײַן פאַרבאָטענע זאַכן. איצט איז די פאַרשמעלערטע געטאָ אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט פאַרשטאַרקטע שמירעס; איצט איז דער אין אווילעס אײַנגעזונקענער ייִדן-ראַיאָן אײַנגעטיילט געוואָרן אין בלאָקן, יעדער בלאָק האָט געשאַפן א באַזונדערע גאַנצקײַט, א באַזונדערע פאַבריק, אָדער ווי די דײַטשן האָבן עס אָנגערופן — שאָפּ. דער שאָפּ איז געווען אן עמעסע טפיסע. אינווייניק זײַנען געזעסן די אַרבעטער די שקלאַפן. דאָ איז געווען סײַ זייער אַרבעטס-פּלאַץ סײַ זייער וווין-אָרט. פאַר איטלעכן שאָפּ איז טאָג און נאַכט געשטאַנען א היטער—נישט קיין פּאָליציי-מאַן, נאָר אן עכטער סאָלדאַט פון אַקטיוון דײַטשישן מיליטער-דינסט, א „וועהרמאַן", מיט אן אויטאָמאַט אַפן אַקסל און גראַנאַטן אין גאַרטל [1].

רעכט צו לעבן, רעכט צו אָטעמען מיט דער שווערער, בלוט-

1 פּעקער.

דורכגעזאפטער געטאָ־לופט האָבן געהאַט בלויז די, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ קוואַליפיצירטע פּראָפעסיע און זײַנען אָפיציעל צוגעפּעסטיקט געווען צו אַ באַשטימטן שאָפּ. די שאָפּן—פאַבריקן האָבן מער נישט געהערט צו דער דײַטשישער מעלוכע, אָדער צו דער יידישער קהילה. די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען פון דעם יידן־ראַיאָן זײַנען אַוועקגעשענקט געוואָרן צו פּריוואַטע דײַטשישע אונטערנעמער, צו ציווילע דײַטשן, סאָכרים און פאַבריקאַנטן, וואָס זײַנען געקומען פון דײַטשלאַנד גופא זיך אָנפּוישן, זיך אָנרויבן מיט פרעמד האָב־און־גוטס. די דאָזיקע ציווילע דײַטשישע אונטערנעמער פּיראַטן האָבן באַקומען נישט בלויז די שליטע איבער די אומבאַוועגלעכע גיטער און מאַשינעס; אין זייערע הענט האָט די אָקופּאַציע־מאַכט איבערגעגעבן די יידן ביכלאַל, דעם גורל פון די געטאָ־קנעכט; די אונטערנעמער זײַנען געוואָרן די דירעקטע הארן פון לעבן און טויט איבער די יידישע שקלאַפן. נײַע רויבער און פּײַניקער האָבן זיך ווי געשפּענסטער אַראָפּגעלאָזט איבער דער געטאָ: דער דײַטשישער פאַבריקאַנט העלמאַן, וועלכער האָט זיך גענומען אַלע סטאָליערײַ־וואַרשטאַטן און מעבל־פאַבריקן; דער דײַטשישער סויכער טעבענס איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער דער גאַנצער באַקלייד־אינדוסטריע אין געטאָ; די לעדער־און־סאַרבעטונג, די גאַרבערײַען האָט זיך מאָנאָפּאָליזירט רעדלער; איבער די רימער האָט מיט אַ שווערער האַנט געהערשט בראַנד, וועלכער האָט איבערגענומען אַלע ראַפינירטע, סאַדיסטישע שטיק פון די „פראַנקנשטיינס" און „מוסאָליניס". אין געטאָ איז נאָך אַלץ געווען אַ נישקאָשעדיקע מעטאַל־אינדוסטריע,—איר באַלעבאָס איז געוואָרן דער דײַטשישער פאַבריקאַנט שולץ. עס איז אויך געווען אַ שאָפּ, וואָס האָט געהערט צום אַלטן אָרטיקן דײַטשישן פאַבריקאַנט גערלאַך, צום פאָלקס־דײַטש האָפמאַן און צו עטלעכע אַלטע אונטערנעמער [1].

צווישן די נײַע הארן פון לעבן און טויט האָבן זיך אויסגעטײלט דײַטשן מיט פאַרשיידענע פּאַרצעפּס. דער באַלעבאָס פון דער בערשטער־שאָפּ איז געווען אַ דיפּלאָמירטער קאָמעדיאַנט — „דאָקטאָר" לאָוס, וועלכער האָט ליב געהאַט צו פירן מיט זײַנע קנעכט „וויצנשאַפטלעכע" געשפּרעכן. מיט זײַן „אַרבעטער־פרײַנטשאַפט" האָט קאָקעטירט דער צוויאַק שטיימאַן, אַ שותּף צו אַ דריי אונטערנעמונגען אין געטאָ. ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן די ראָל פון אַ פרײַנט

---

1 באַריכט.

פון פיזישער מי איז האָט ראק איינגעטיינעט מיט די ייִדן, וועלכע האָבן זיך, פאַרכאַלעשטע פון הונגער און אויסשעפּונג, ווי שאָטנס געוואקלט אַפ די פיס בא די מאשינעס: „מיר, דייטשן, וועלן אייך אויסלערנען, ווי מע דאַרף ארבעטן“, „ארבעט ברענגט פרייד“. דער דאָזיקער צוויאַק האָט גערעדט צוקער-זיס: „אלע ייִדן, וואָס ארבעטן, זיינען געראַטעוועט“. די געטאָ האָט פאַרמאָגט זעקס און פערציק שאָפּן. באשעפטיקט זיינען אין זיי געווען קנאַפּע אכט און צוואנציק טויזנט נעפאשעס, ס'ראָוו קוואליפיצירטע ארבעטער און ספעציאליסטן. געווען צווישן זיי א געוויסע צאָל מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין פיזישע מעלאָכע נישט געטאָן, נאָר די צייט און די לאגע, די סאַקאָנע פון גיירעש און פאַרגאזירונג האָט זיי געשטויסן צו פאַרוואַרפן די פריִערדיקע וויכטיקע גייסטיקע, אינטעלעקטועלע ספעציאליטעטן און אַפ שנעל, מיט דער הילף פון גוטע פריינט, זיך אויסלערנען א פיזישן פאַך און צופעסטיקן זיך צו א שאָפּ. אזוי האָבן געהאַנדלט די אקטיאָרן, וועלכע זיינען דורך די מוישלים פון געטאָ אנערקענט געוואָרן פאַר א „נוצלאָזן, אומפּראָדוקטיוון עלעמענט“, וואָס קען ברענגען נוצן נאָר דורך דעם, וואָס זיי וועלן איבערגעקאָכט ווערן אין זייף. די בעסטע ייִדישע שוישפּילער זיינען געזעסן בא ניי-מאַשינעס פון דער פירמע היינצ מילער אַפ מילנע-גאַס און געשטעפּט, ברומענדיק אין דער שטיל פערעצעס לידער [1]. די באקאנטע ייִדישע אדוואָקאטן זיינען געשטאנען מיט הובל און זעג און געארבעט ווי סטאָליערס. זקיינים, וועלכע האָבן אלפּי צופאל אויסגעמיטן דעם שוידערלעכן יוים-האַדין אַפן אומשלאג-פּלאַץ, האָבן זיך אָפּגעראַזירט באָרד-און-פּייעס, איינגעשאפט פאלשע דאָקומענטן, דורכגעמאכט א „פאַריִנגער-פּראָצעס“ און זיך געפּייניקט אין די דושנע שאָפּן, אָנשטרענגענדיק די לעצטע קויכעס איינצוהאַלטן דאָס פיזישע גלייכגעוויכט, קעדיי נישט ארויסרופן קיין כשאד באַם פאבריקאַנט [2].

די באַדינגונגען פון ארבעט און לעבן אין די שאָפּן זיינען געווען אומדערטרעגלעכע. געווען פאבריקן, ווו דער סאדיסטישער באַלעבאָס האָט נישט דערלויבט די ארבעטער זיך צוזעצן אין מעשעך פון אכצן שאָ — אזוי לאנג האָט געדויערט דער ארבעט-טאָג. די פיס זיינען געשוואָלן געוואָרן, האָבן זיך באדעקט מיט געשווירן, דער גוף

---

1 יאָנאַס טורקאָוו.

2 בעלא ווייסבערג.

האָט געשוידערט פון פיבער, אָבער די מענטשן האָבן געשוויגן, פאַר־שטשעמפּעט די ליפּן, ווײַל דער מינדסטער סימען פון א מאכלע האָט באַטײַט גיירעש; די דײַטשישע פאבריקאַנטן ווילן נישט קאָרמע־נען קיין איבעריק מויל. געווען, פאַרקערט, שאַפן, ווי דעם פאברי־קאַנט האָט זיך פאַרוואָלט זײַנע אַרבעטער זאָלן דאַפקע א גאַנצן טאָג זיצן; אופשטיין פון אָרט האָט מען געמעגט נאָר מיט א ספּעציעלער דערלויבעניש. מענטשן האָבן געכאַלעשט אַף די בענק, בא די מאַשי־נעס [1].

פאַמעלעך זײַנען בא די מענטשן אויסגעגאַנגען די קויכעס, מ'איז שלאַפער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. וואָרעם עסן האָט מען באַקומען פּונקט אַזויפיל, מע זאָל נישט קאָנען שטאַרבן, אָבער אויך אַף בידנעם לעבן און אַף קויעך האָבן האָט עס נישט געקענט קלעקן. אינדערפרי אַף פרישטיק — א שטיקל ברויט פון מעל, געמישט מיט קאַשטאַנען־דײַבעכץ, מיט א טעפל שוואַרצע, ביטערע ערזאַץ־קאַווע. א טונקל ביסל וואַסער אַף מיטיק און א „וואַסער־זופּקע״ אַף ווע־טשערע. די אַרבעט און דאָס לעבן אין שאָפּ איז, אייגנטלעך, געווען א נײַער מין סעלעקציע. ווער עס האָט נישט אויסגעהאַלטן, איז אוועק־געפאַלן, איז אויסגעמעקט געוואָרן פון די לעבעדיקע. און דאָך איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אין אָט די גסיסע־באַדינגונגען, אין אָנגע־זיכט פון אַלעמענס פאַמעלעכן אומקום, דאָס געפיל פון מענטשלע־כער קעגנזײַטיקער הילף. אין די שאָפּן האָבן געאַרבעט קאָרעוו אַכט און צוואַנציק טויזנט. נאָר די דאָזיקע ציפער האָט אָפיציעל עקזיסטירט פאַר די דײַטשן, און נאָר די צאָל האָט געהאַט רעכט צו לעבן; און אין געטאָ, אין איר אונטערערד, אין אירע באַהעלטענישן האָבן זיך געפונען נאָך צוואַנציק טויזנט — אומלעגאַלע, אַזעלכע, וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך אויסלערנען אַל־רעגל־אַכאַס נײַע פאַכן, און כוץ זיי — אינוואַלידן, כאָלושים, קינדער, זקיינים, אונטערערדישע טוער און קעמפער, געיאָגטע און געפּלאָגטע דורך דער געסטאַפּאָ. די „גליק־לעכע״, די „געזעצלעכע״, וואָס האָבן געאַרבעט, וואָס האָבן עקזיס־טירט פאַר די טעבענסעס און שולצעס, האָבן זיך מיטן קאַרגן ביסן געטיילט מיט די ברידער פון די באַהעלטענישן.

אַזוי איז פאַרבײַגעגאַנגען די צײַט פון סאָף סעפּטיאַבער 1942 ביז מיטן יאַנוואַר 1943.

---

1 דאָרטן.

* * *

מיט אומרו-צאפל האָבן די פאַריאַסעמטע וואַרשעווער ייִדן אויפ־גענומען דאָס נײַע יאָר. די ייִדישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט זיך פיבערדיק געגרייט צום אויפשטאַנד. טכילעס יאַנוואַר האָט די אָנפּי־רונג פון דער ייִדישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אַרויסגעשיקט אַ געהיימע אינסטרוקציע צו די כאַוויירים, וואָס האָבן זיך געפונען אין די אַרומיקע וועלדער: „באַמיט זיך אַרײַנצובאַקומען אין דער וואַרשעווער געטאָ. עס איז דאָרט פאַרבליבן באַ אַ 50 טויזנט ייִדן. מע דאַרף זיי אָרגאַניזירן אין איין גרויסן מיליטערישן לאַגער. מיר טרעטן צו צו דער צוגרייטונג פונעם אויפשטאַנד"[1]. שוין אָנהייב יאַנוואַר איז רײַף געוואָרן דער געדאַנק פון אָפּענעם, דירעקטן באַוואָפנטן מאַסן-אַרויסטריט, פון אויפשטאַנד קעגן דעם מעכטיקסטן סוינע, קעגן דער קאָלאָסאַלער מעלוכיש-מיליטערישער מאַשין פון היטלער-דײַטשלאַנד.

אינמיטן יאַנוואַר איז מיטאַמאָל געקומען דער צווייטער קלאַפּ. דער סוינע איז צוגעטראָטן צו דער צווייטער ליקווידיר-אַקציע פון די וואַרשעווער ייִדן. ער האָט געמיינט: די לעצט־פאַרבליבענע ייִדן זײַנען אויסגעבלוטיקט, פולשטענדיק נידערגעשלאָגן, פיזיש אָפּגעשוואַכט, מאָראַליש צעטומלט, פון דער וועלט איזאָלירט מער ווי טאָמיד, זיי זײַנען אײַנגעפאַסט אין דער אײַזערנער שטײַג פון שאָפּ, זיי האָבן קיין שום אויסוועג נישט, זיי זײַנען צווישן זיך אַליין אָפּגעטיילט, איין שאָפּ קען מיטן צווייטן קיין מאַגע-מאַמע נישט האָבן, וועט דעריבער לײַכט זײַן דורך איין אומגעריכטן קלאַפּ אַ סאָף מאַכן מיטן אײַנגעשרומפּענעם ייִדן-ראַיאָן.

דער קלאַפּ איז געקומען אין דער נאַכט פון 17-טן אויף 18-טן יאַנוואַר.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָבן אָפּטיילונגען פון דער פּוילישער פּאָליציי אַרומגערינגלט דעם ייִדן-ראַיאָן[2]. אין געטאָ האָט אַרײַנמאַרשירט די בריגאַדע ייִדן-פאַרניכטלער פונעם גענעראַל-מאַיאָר פון עסעס-מיליטער דיינהאַרדט. עס האָבן אויך אַרײַנמאַרשירט שופּאָ־גרופּן. מיט דער אַקציע האָט אָנגעפירט דער עסעס-גענעראַל באַראָן פאָן מאַלמעדי. אַלע גאַסן זײַנען באַזעצט געוואָרן. עסעס-אָפיצערן זײַנען געגאַנגען פון בלאָק צו בלאָק, פון שאָפּ צו שאָפּ און אויפגעפאָדערט די

---

1 באַריכט.

2 לויט די מאַטעריאַלן פון דער צענטראַלער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש און לויט די זיכרוינעס פון מ. עדעלמאַן.

יידן צו פארלאָזן די וווינונגען און ווארשטאטן און זיך שטעלן אַף די זאמל-פונקטן.

קיינער האָט נישט געהערט די דײַטשישע אָפיצערן. די אומשלאָג-פלעצער זײַנען געשטאַנען ליידיקע. ווי אַליארמירט דורך אַ געהיימען סיגנאל, האָבן אלע באַצײַטנס פארלאָזט די וווינונגען און ווארשטאטן און זיך פארשטעקט אין מאלינעס, בונקערס, באהאלט-ערטער. די, וועלכע האָבן נישט באַוויזן, אָדער וואָס האָבן גערעכנט, אַז דירעקט-ארבעטנדיקע וועלן געשוינט ווערן, זײַנען טאַקע ארײַנגעפאלן אין די הענט פון די דאָצכים; פון די ווערקשטעלן האָבן די עס־עס־לײַט אוועקגעריסן די דאָזיקע ארבעטער און ארויסגעשלעפּט צום אומשלאָג-פלאַץ. נישט אין איין שאָפּ זײַנען די מאַשינעס באַשפּריצט געוואָרן מיטן בלוט פון די, וואָס האָבן זיי מיט עטלעכע מינוט פריִער באדינט. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין זייער ארבעטס-געצײַג ווי אין אַ רעטונג, אָבער אומזיסט.

ארויסגעבענקטע דורך לאַנגע וואָכן נישט טאָן, ארויסגעבענקטע נאָך מאָרד, נאָך יאָגד, נאָך רויב, ארויסגעדורשטע נאָך בלוט, זיכער אין זייער דערפאָלג, האָבן זיך די יִידן־פארניכטלער געלאָזט — אונטער קלאַנגען פון לײַכטער טאַנץ-מוזיק — אין גערעג נאָך די ארויסבאהאַלטענע יִידן. זיי האָבן זיך געלאָזט זוכן די קאָרבאָנעס אין די מאַלינעס און בונקערס.

אין איין אָרט איז די דאָצכים געלונגען צו פּאַקן דעם ארײַנגאַנג אין אַן אונטערערדישן באהאַלט־אָרט. מיט זיכערע טריט האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט מיט געדרייטע טרעפּ באַרג־אַראָפּ, צום פּאַרקאָנספּירירטן קעלער. מיטאַמאָל האָט דער ערשטער פון דער „איינזאַצ ריינהארדט” דערשפּירט עפּעס אַזוינס, ווי אַ הייסן בריִענדיקן רעגן אַפן פּאָנעם. אַ שאַרפע ברענענדיקע פליסיקייט האָט אים פארבלענדט די אויגן, באַגאָסן דאָס געזיכט, ווייטעקלעך געבריט די הויט. אַן אומגעזעענע האַנט פון אַ נעקאָמענעמער האָט דעם עסעס-מאַן באַגאָסן מיט וויטריאָל. איידער די „פּאָלקס-גענאָסן” זײַנע, וואָס זײַנען אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט, האָבן זיך געכאַפּט, אלעמײַ ער מאַכט אַזוינע גוואַלדן, זײַנען זיי אלע באַשאָטן געוואָרן מיט רעוואָלווער-קוילן. ארויסלויפן צוריק דורך די געדרייטע טרעפּ איז געווען שווער, און די שאָסן האָבן זיך איבערגעכאַזערט. דער אָפּהילך פון דער שיסערײַ איז דערגאַנגען צו די אַרומיקע הײַזער. דאָס איז געווען דער סיגנאַל צום אַלגעמיינעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

דער ערשטער צוזאמענשטויס האָט זיכ פארקניפט אינ א הויז אפ מילע-גאס. עטלעכע באנדיטנ פונ ריינהארדטס בריגאדעס האָבנ אריינגעכאפט יידישע קוילנ. פונ צווישנ די יידישע קעמפער האָבנ זיכ דאָ אויסגעצייכנט דער ארבעטער בער ראָזענבוימ. דערנאָכ האָט מענ דערציילט, אז די צאָל דייטשישע געפאלענע אונ פארווונדעטע אפ מילע-גאס האָט באטראָפנ צענ. אנ אקטיווע ווידערשטאנד האָבנ געשטעלט די מיטגלידער פונ דער קאמפס-אָרגאניזאציע אינ פארשיידענע הייזער אונ ווארשטאטנ אפ די גאסנ זאמענהאָפ, מוראנאָוו, פראנציסקאנער, נאָוואָליפיע, דזשיקע, די גאסנ, ווו עס האָבנ זיכ קאָנצענטרירט די אינדוסטריע-ארבעטער. אינ איינ אָרט, אפנ הויפ פונעמ הויז מילע 64, האָבנ די יידישע קעמפער — זיי זיינענ געווענ אינ א גרעסערער צאָל — ארומגערינגלט עטלעכע יידנ-פארניכטלער, וועלכע האָבנ שוינ ארויסגעשלעפט דערשראָקענע, פארכאלעשטע פרויענ אונ קינדער פונ דעמ אנטבלויזטנ בונקער. די קעמפער האָבנ בא די כאפערס צוגענומענ דאָס געווער אינ באלד געמוזט אנטלויפנ, ניט באוויזנדיק צו דערשיסנ די מענוואָלימ. די יידישע קעמפער האָבנ ערשט איצט געמאכט די ערשטע שריט, זיי זיינענ נאָכ ניט געווענ גענוג געניט, זיי זיינענ באגאנגענ פעלערנ.

צומ ערשטנ מאָל האָט די געטאָ דערזענ א מאָדנע, אינ פלוג אומגלייבלעכ בילד: דעמ גענעראל ריינהארדטס יידנ-פאנגער האָבנ געמוזט צוריקציענ זיכ פונ די הויפנ מיט ליידיקע הענט, אנטלויפנ פאר די קוילנ פונ א טיפ-פארשטעקטנ סוינע, וועלכער האָט נאָכגעשאָסנ פונ באהעלטענישנ אונ לעכער. אזעלכע בילדער האָט געזענ דאָס הויז מילע 36, מוראנאָוו 44, פראנציסקאנער 22, אזעלכע בילדער האָט אויכ געזענ נאָוואָליפיע. די שטארקסטע ווידערשטאנדנ זיינענ געווענ אפ זאמענהאָפ-גאס נומער 38 אונ 58. מיט א העלדנ-טויט זיינענ דאָ געפאלנ די יוגנטלעכע מוישע שטערנ, מיכל טשארני אונ כאיִמ פינקלשטיינ.

דאָס אלצ איז געשענ באלד אינ די פרימאָרגנ-שאָענ. דאָס, וואָס א ווידערשטאנד איז בעעמעס אויסגעבראָכנ אינ פארשיידענע פונקטנ אונ וואָס דער געיעג- אונ כאפ-אימפעט פונ די דייטשנ איז באלד אָפגעשטעמפט געוואָרנ, דאָס האָט צוגעגעבנ מוט די יידישע קעמפער. דער שטאב האָט באשלאָסנ: עס האָט געשלאָגנ די שאָ, ווענ מע קענ שוינ ארויסקריכנ פונ די נאָרעס אינ גאס ארויס, ארויסגייענ אינ אָפענעמ בונט, אינ פאָנעמ-על-פאָנעמדיקנ קאמפ. א גרעסערע גרופע

קעמפער האָט זיכ געוויזנ אפ דער קרייצונג פונ די גאסנ סטאַווסקי, ניזקע אונ דזשיקע. די ייִדנ זײַנענ געווענ אָרעמ באַוואָפנט; בלויז א טייל פונ זיי האָט געהאט רעוואָלווערנ; צו זייער באַוואָפענונג האָבנ אויכ געהערט עטלעכע האַנט־גראַנאַטנ. אינ א שנעלנ טעמפּ איז אפ דער גאסנ-קרייצונג אויפגעשטעלט געוואָרנ א באַריקאַדע, אויפגעשטעלט דורכ געניטע הענט, וועלכע האָבנ געקענט די מלאָכע נאָכ פונ די צײַטנ פונ רידז-שמיגליס פּוילנ, ווענ רײַטער-פּאָליציי האָט אָנגעגריפנ פרידלעכע אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס, אונ פונ דעמ כוידעש סענטיאַ-בער 1939, ווענ ייִדישע יוגנט האָט באַנאַנד מיט פּוילישע פּאַטריאָטנ געבויט גאַכנ-צוימונגענ קעגנ דײַטשישע טאַנקענ. פונ הינטער דער באַריקאַדע האָבנ די ייִדישע באָכערימ אונ מיידלעכ אויסגעשאָסנ אַלע זייערע קוילנ אינ די צעקאָכטע אונ איינצײַטיק דערשטוינטע עסעס-לײַט.

מיטאַמאָל האָט זיכ אַהער, צומ סאַמע האַרצ פונ געטאָ, דערטראָגנ א זאַלפנ-אָפּהילכ פונ ווײַטנ ווײַט, פונ יענער זײַט „רעזערוואַט"-מויער. דאָס האָבנ די כאַווײרימ פונ רישאַרדס פּאָלקס-גוואַרדיע אויס-געפירט אַנ אָנפאַל אפ א נאַצישנ גאָדל אפ דער „ריינ-אַרישער" לאַנגער גאַס, נישט ווײַט פונ דעמ ייִדישנ וווינ-שטעטל. דאָס האָט געשטאַרקט דעמ גײַסט פונ די ייִדישע קעמפער, אָבער לאַנג האָבנ זיי זיכ נישט געקענט סײַוויי האַלטנ אפ דער באַריקאַדע. דער כויגע האָט פאַרמאָגט א קאָלאָסאַלע צאָל אַמוניציע. די ייִדנ זײַנענ אָפּגע-טראָטנ. אָבער די באַריקאַדע איז נאָכ לאַנג געבליבנ שטיינ אפנ ביטנ גאַס ווי א סימבאָלישער אײדעס פונ אומגעזעענער מוט.

דער ווידערשטאַנד פונ אכצנטנ יאַנוואַר האָט נאָכ די גאַנצע געטאָ נישט אַרומגעכאַפּט. ביים אפ איינ גאַס זײַנענ געפאַלנ שאָסנ, האָט אפ א צווייטער גאַס געהוליעט די אָבלאַווע. גרופּעס מענטשנ זײַנענ צונויפגעטריבנ געוואָרנ אפנ אומשלאַג-פּלאַצ אונטער ווילדע דראָונגס-קוילעס, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעמישט מיט זאַלפנ פונ ביקסנ-שאָסנ אונ קלאַנגענ פונ טאַנצ-מוזיק, מיט ווײַ-געשרייענ פונ מאַמעס אונ קינדער. צונויפגעפּרעסטע זײַנענ דאָ געשטאַנענ עטלעכע טויזנט ייִדישע מענטשנ, אַרומגערינגלט דורכ א שטאַרקער שמירע. דאָ האָבנ זיכ די כאַפּערס געפילט זיכערער, פעסטער. דאָ זײַנענ נישט געווענ קיינ פינצטערע קעלערס, פונ וועלכע עס קענ אַרויסשפּריצנ וויטריאָל, נישט קיינ פאַרשאָלטענע געדרייטע טרעפּ, ווו מע קענ ברעכנ האַלדז-אונ-נאַקנ. דאָ איז געווענ אַנ אָפענער פּלאַצ, אונ די מאַכט, די איבער-האַנט געהערט דאָ נאָר צו דעמ, וואָס פאַרמאָגט געווער.

אָבער אויך דאָ האָט זיך אַרײַנבאַקומען די ייִדישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. קיינער האָט נישט געוווּסט דעם נאָמען פון דעם יונגן העלד, וועלכער האָט פּלוצעם אַרויסגעצויגן פון אונטערן אויבערמאַלבעש אַן אויטאָמאַט — אַ זעלטנהײַט אין געטאָ-אונטערערד — און געעפנט אַ פײַער אַף דער שמירע. מע האָט דערנאָך דערציילט, אַז נײַנצן באַוואָפנטע היטלער-לײַט זײַנען געפאַלן. אין דער אַנטשטאַנענער בעהאָלע האָבן אַ סאַך ייִדן אויסגענוצט די געלעגנהײַט און זײַנען אַנטלאָפן פון פּלאַץ. די, וואָס האָבן דאָס נישט באַוויזן צו טאָן, זײַנען אַכזאָריעסדיק דערהאַרגעט געוואָרן דאָ אַפן אָרט. איינע ריזיקע בלוטיקע מאַסע פון צעקאַרדאַשעטע קערפּערס איז געבליבן ליגן אַפן מיטן פּלאַץ. צווישן די, וואָס זײַנען געפאַלן, זײַנען געווען דער אַלטער עסטרײַכישער גענעראַל דר. יאַקוב מײַזעלס[1], דער זשורנאַליסט מ. מיכעלסאָן, דער „פינאַנס-מיניסטער" פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג ייִצכאָק גיטערמאַן.

דעם זעלביקן טאָג איז העלדיש אומגעקומען דער דאָקטער און געזעלשאַפטלעכער טוער ייִסראָעל מיליײקאָווסקי. ווען די עסעס-לײַט האָבן דעם אַלטן ייִדישן רופא געכאַפּט און געפירט צום טויט, האָט די גאַנצע גאַס דערהערט דעם דאָקטערס הייליקע שטים:

— מערדער! אונדזער בלוט וועט פאַלן אַף אײַערע קעפּ!

* * *

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָבן די ייִדן-פּאַרניכטלער געבושעוועט אין געטאָ. דרײַ טעג האָט געדויערט דער ווידערשטאַנד אין באַזונדערע הויפן און גאַסן. דרײַסיק היטלעריסטן האָבן באַצאָלט מיט זייער געמיין לעבן. די ייִדישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט די צאָל אייגענע קאָרבאָנעס, וואָס זײַנען געפאַלן אין שלאַכט, געשאַצט אין נײַן. אָבער די אַלגעמיינע צאָל ייִדישע קאָרבאָנעס, וואָס זײַנען געפאַלן בײַם די גײעגן און כאַפּערײַען, איז געווען אָן אַן ערעך גרעסער.

דער רוישעם פונעם ערשטן באַוואָפנטן אַרויסטריט פון דער ייִדישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ מעכטיקער. אַלע ייִדן און

---

1 דאָס איז געווען אַ גענעראַל פון מעדיצין-אַמט פון דער אַלטער עסטרײַכיש-האַבסבורגער אַרמיי; באַם אויסברוך פון דער מילכאָמע האָבן די היטלער-לײַט אים געוואָלט אויסנוצן, נאָר דר. מײַזעלס האָט זיך אָפּגעזאָגט; די היטלעריסטן האָבן אים פאַרשיקט אין וואַרשעווער געטאָ.

וויבער האָבן געקניט בא די גופים פון די אומגעקומענע קעמפער, געקושט די מאכטלאָזע, בלוטלאָזע הענט פון די געפאלענע העלדן און אוועקגעטראָגן די מייסים אין ווייטע זיכערע ערטער ברענגענ צו קווורע [1]. יידן האָבן מיט עקל פארטריבן פון זיך די רעדלפירער פון דעם נייעם יידנראַט, וועלכע זיינען געלאָפן איבער די באהעלטענישן און גע-קלאפט אין דער פושקע, געפרווט ווידער זאמלען געלט און צירונג אפ אָפצוווענדן דעם קאס פון דעם אָדן, אפ אָפצושרייען די גזירע. די געטאָ האָט דערזען, אז עס איז דאָ אן אנדער וועג, א וועג פון נאציאָ-נאלער און מענטשלעכער ווירדע. נאָך דריי טעג, נאָכדעם ווי דעם סויגע איז געלונגען ארויסצוטרייבן צום אומשלאג-פלאץ אכט טויזנט יידן, האָט ער די אקציע אָפגעשטעלט. דער דייטש האָט איבערגעריסן די אקציע אונטערן דרוק פון דעם יידישן ווידערשטאנד.

די מערדער זיינען ארויס פון געטאָ. ווידער האָט זיך איבער די בלוט-באשפריצטע גאסן צעלייגט א בייס-האקוואָרעס-שטילקייט. ווידער האָבן יידן זיך פארזונקען אין אוויילעס. אין אונטערערד האָבן די אקטיוויסטן פון דער קאמפס-אָרגאניזאציע געמאכט סאכאקלען און כעזשבוינעס, באהאנדלט די פעלערן — די צעשטויבטקייט פונעם ווי-דערשטאנד, די שוואכע קאָנצענטרירונג פון די קויכעס, דער מאנגל אין געווער. אפ די פעלערן האָט מען זיך געלערנט אפ לעהאבע, זיך געגרייט צו נאָך א שטארקערן און געפערלעכערן קאמפ, ווייל דאָס האָבן אלע פארשטאנען, אז פישער וועט נישט שווייגן, וועט נישט מויכל זיין.

1 „טריבונע פון פרייהייט" פון ז׳טן מיי 1943.

פערטער טייל

אופשטאנד

1

„א נײַע מאכט הערשט אינ געטאָ“

ערנסטע באשלוסנ זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ אינ לודוויק פישערס קאבינעט אפ שוכא-אליי, אפ דער באראטונג אונטערנ פערזענלעכנ פאָרזיצ פונ דעמ גובערנאטאָר גופע. „ווארשע מוז זײַנ אויסגערייניקט פונ יידנ“, — האָט דערקלערט דאָס אייג-אויגיקע פערזעניש פישער, וועלכער האָט פאנאנדערגעוויקלט דעמ פאָלגנדיקנ פלאנ: קוידעמקאָל ווערט ארײַנגעפירט א פיירעד-האלעוואָוועס אינ געטאָ גופע, עס ווערט אופגעשטעלט איינ טייל יידנ קעגנ דעמ צווייטנ, די „פראָדוקטיווע נוצ-יידנ“ קעגנ די „אומפראָדוקטיווע“, וועלכע לעבנ אפנ כעזשבנ פונ די ערשטע, שלעפנ זיכ נאָכ נאָכ יענע בייס דער ארבעט, אָדער לעבנ אינ געטאָ ביכלאל אומלעגאל. די „נוצ-יידנ“, די ארבעטנדיקע ווערנ אריבערגעפירט אינ נײַע וווינ-ערטער, אינ די ארבעטס-לאגערנ טראווניק אונ פאָניאטאָוו, הינטער לובלינ. אונ קעדיי די דאָזיקע יידנ זאָלנ גלייבנ אינ דעמ, וועלנ זיי עוואקוירט ווערנ צוזאמענ מיט די מאשינעס, מיט די ארבעטס-געצײַג אונ רושטאָוונג, צוזאמענ מיט די פאבריקנ. דאָס וועט נישט זײַנ קיינ דעפּאָרטאציע; פארשווינדנ וועט דער באגריפ „אומשלאג-פלאצ“. קיינ עסעס-מאנ, קיינ יידנ-פארניכטלער וועט נישט האָבנ קיינ שומ שײַכעס צו דער עוואקואציע. דער גאנצער איניעג וועט טראָגנ א בעפיירעש פרידלעכנ כאראקטער, דורכגעפירט וועט ער ווערנ נישט דורכ מיליטער, נישט דורכ געסטאפאָ, נישט דורכ מעלוכע-אדמיניסטראציע, נאָר דורכ די פריוואטע דײַטשישע אונטערנעמער. יידנ זאָלנ זײַנ אזוי ווײַט איבערגעשפיצט אונ נישט גלייבנ אינ אזעלכע בוילעטע סימאָנימ פונ „פרידלעכער איבערזידלונג“ — דערינ האָט פישער נישט געוואָלט גלייבנ.

עס זײַנענ אינ שאָטנ פארוקט געוואָרנ די ברוטאלע, כוליגאנישע זייפערט אונ בראונ, דיינהארדט אונ שינ. פארנ קאָמיסאר פונ אריבערפירנ די אינדוסטריע פונ יידישנ וואָיאָנ איז באשטימט גע-

וואָרן דער דײַטשישער פאבריקאנט וואלטער טעבענס[1], א מענטש, וואָס האָט זיך ביז איצט נישט אויסגעצייכנט מיט באזונדערער אכ-זאָריעס לעגאבע ייִדן. אונטער דער פעל פון אָט דעם פרידלעכן פאבריקאנט האָט זיך אָבער באהאלטן אַ עמעסער וואָלף. דער פא-בריקאנט וואלטער טעבענס איז בישטיקע געווען א פארטרויונגס-מאַן פון געסטאַפּאָ[2], ער האָט גוט געוווסט וועגן דעם באשלוס פון דער עסעס-צענטראלע צו פארניכטן פולשטענדיק דעם ייִדישן שטאַם. ער האָט גוט געשפּילט זײַן ראָל פון א געמיטלעכן פּריץ.

ארום דעם „איבערזידלען" (אריבערפירן אַף אַן אַנדער אָרט) די געטאָ-אינדוסטריע האָבן די דײַטשן צווישן די ייִדישע ארבעטער פא-נאנדערגעוויקלט א ברייטע פּראָפּאַגאַנדע. דעם רעקאָרד פון צוויִעם האָבן אין אָט דער פּראָפּאַגאַנדע געשלאָגן די אונטערנעמער שטיימאַן און בראַנד.

דער דײַטשישער מעבל-פאבריקאנט העלמאַן — א געוועזענער סטאָ-ליער, וואָס איז דורך פישערן אוילע-ליגדולע געוואָרן, באקומען פון אים די ייִדישע מעבל-פאבריקן, די שליטע איבער די ייִדישע סטאָ-ליערס — רופט צונויף אין א מיטן העלן טאָג זײַנע ארבעטער. מיט אומרו און שרעק, ריכטנדיק זיך אַף אלעם ערגסטן, גייען די סטאָ-ליערס, די טעפּלערס, די לאַקירער, די טאַפּעצירער צום „מיטינג" — דער גראָבהויטיקער העלמאַן אליין זאָל מיטאַמאָל אָפּרײַסן זײַנע שקלאַפן פון דער ארבעט!

אפן הויף, ווו די פארזאמלונג דאַרף פאָרקומען, קנאַקט א ברע-נענדיקער פראָסט. אָנגעטאָן אין א רײַכן פוטער, שטייט לעבן העל-מאַנען דער פאבריקאנט און מיטגליד פון דער נאַציסטישער פארטיי שטיימאַן, דער „ארבעטער-פרײַנט". ער האַלט פאַר די ייִדן א רעדע. שטיימאַן קען די קונץ פון ריידן זיס, פון ארײַנגאַנווענען זיך אינעם צוטרוי פון האָרעפּאַשניק. ער רעדט נישט מיט שפּיציקע, אָפּגעהאַקטע באַפעלאַרטיקע ווערטער, ווי ס'ראָוו דײַטשישע סראָרעס, — ער רעדט ווי צו גלײַכע, זײַן שטים קלינגט פּאַטעטיש; זײַן וואָרט איז באַ-פליגלט, שפּרודלט מיט „פּאָעזיע". ער שילדערט די פּראַכט פון דער נאַטור אין לובלינער געגנט. ער וויל די ייִדישע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך שוין געוווינט אָנגעליטן, אוועקפירן קיין טראַווניק, ווו זיי

---

1 באריכט.

2 דאָרטן.

וועלנ פארברענגענ אפ דעמ שויס פונ דער נאטור, ארבעטנ רויק פאר
דײַטשלאנד אונ איבערדויערנ די מילכאָמע; נאָכנ קריג וועט ער,
שטיימאנ, אליינ זיי צוריקפירנ אהיימ, קיינ ווארשע. פאר די ייִדישע
פּלוטאָקראטנ וועט ער קיינ האנט איינ קאלט וואסער נישט טאָנ; אָבער
פאר די ארבעטס-מענטשנ, מעגנ זיי זײַנ ייִדנ, איז ער גרייט אפ
אלצ. אכ, ווי שיינ עס איז דאָרט, אינ טראווניק, אינ פּאָניאטאָוו.
די אָפּרו-שאָענ וועלנ די ארבעטער פארברענגענ אינ פארווײַלונגענ,
אפ זוניקע פּליאזשנ, אפ קאָנצערטנ; זיי וועלנ קאָנענ זיכ שאפנ א
ייִדישנ טעאטער, שולנ אונ היימענ פאר קינדער. האקיצער: אנ אי-
דיליש לעבנ, וואָס מע דארפ זײַנ דער גרעסטער טיפּעש זיכ אָפּ-
צוזאָגנ פונ אזא טײַנעג.

א שווײַגנדיקע איז געשטאנענ די טויזנטקעפּיקע ארבעטער-מאסע.
שווער איז געווענ שטיימאנענ צו דערגיינ, צי לאָזנ זיי זיכ כאפּנ
אפ דער ווענטקע, אָדער — דאָס איז א שווײַגנ פונ דורכדרינגלעכנ בליק.

דער איבערזידלונגס-קאָמיסאר טעבענס האָט אפנ צווייטנ טאָג
באשטימט דעמ ארויספאָר-טערמינ פאר די מעבל-ארבעטער. צומ בא-
שטימטנ טערמינ האָבנ זיכ צומ ארויספאָר געשטעלט גאנצע פינפ אונ
צוואנציק פארשוינ — פינפ אונ צוואנציק פונ טויזנט.

פונ די 3500 בערשטער-ארבעטער, פאר וועלכע שטיימאנ האָט
געהאלטנ אנ ענלעכע דראָשע, האָט זיכ צומ ארויספאָר נישט גע-
שטעלט קיינ איינער. אזוי האָבנ געענטפערט נישט בלויז די סטאָ-
ליערס אונ די בערשטער, — אזוי האָט געענטפערט די ייִדישע קאמפּס-
אָרגאניזאציע.

אינ די ניי-שאָפּנ איז מיט אגיטאציע-רעדעס ארויסגעטראָטנ דער
פאבריקאנט בראנד, וועלכער איז איינצײַטיק געווענ דער געסטאפּאָ-
מעמונע איבער ייִדישע איניאָנימ אונ האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט
באזונדערע אכזאָריעס. דער דאָזיקער אויסוווּרפ האָט זיכ געשווירנ
מיטנ געזונט אונ לעבנ פונ זײַנ ווײַב אונ קינדער, אז די ייִדישע
ארבעטער, וואָס וועלנ אריבערפאָרנ פרײַוויליק קיינ טראווניק אונ
פּאָניאטאָוו, וועט גאָרנישט געשענ [1]. מיט אנ אקשאָנעסדיק שטילשווײַגנ
האָבנ די נאָדל-ארבעטער אופגענומענ בראנדס פאלשע שוועס. יעדנ
איינעמ פונ זיי האָבנ פאר די אויגנ געשוועבט די הארטע, קאנטיקע
ווערטער פונ דעמ אופרופ פונ דער ייִדישער קאמפּס-אָרגאניזאציע,

1 ריווקע פּעקער.

דעם אופרוף, וואָס האָט געזאָגט, אז די נײַע פרידלעכע „איבערזיד-לונג" איז נישט קיין אנדער זאך, ווי גײַרעש און טויט.

און באנאכט איז בא א קאנעצל אין קעלער-שטיבל געזעסן טאָ-סיע אלטמאן און האָט געטאָן איר באליבטע ארבעט, געשריבן א בריוו צו די פרײַנט אף דער פרײַ:

„מיר ווילן זיך טיילן מיט אײַך מיט א פריידיקער געשעעניש. נישט געקוקט אף די שווערע צײַטן, האָט אונדזער טײַערער אמי בא-שלאָסן שטעלן א כופּע מיט דער פרײַלן האריגעוויטש. עס איז נאָך נישט באשטימט געוואָרן דער כאסענע-טאָג, אָבער די כאסענע וועט פּאָרקומען בעקאָרעוו. עפשער וועט האצאלסקי צושיקן א ווינטשע-וואניע? די כאסענע וועט פּאָרקומען אין אן ענגן קרײַז, אין דער דירע פון דער מומע האגאנסקי. דאָס יונגע פּאָרפאָלק שיקט איבער די הארציקסטע גרוסן"[1].

א דרייסטער כאווער איז איבער בוידעמס, דעכער און פּארקנס אריבערגעקראָכן אף „יענער" זײַט און פון דאָרטן האָט א פּוילישער פרײַנט דעם בריוו, וואָס איז געווען געשריבן אין א העברעיִשער שיפר-שפּראך און האָט געטראָגן דער וועלט די בסורע, אז דאָס פּאָלק (אמי) וועט ארויסטרעטן אין זעלבשוץ (האגאנא) און ריכט זיך אף רעטונג (האצאלא), ארײַנגעוואָרפן אין א פּאָכט-קעסטל, איבער-געשיקט אין א נייטראלער מעלוכע צו די פּאָרשטייער פון די ייִדישע וועלט-אָרגאניזאציעס.

דערזען אפצומאָרגנס דעם דורכפאל פון די פּראָפּאגאנדע-אָנשטרענ-גונגען, האָט טעבענס געפּרוווט אָנווענדן, לעסאטע אין א קליי-נעם מאסשטאב, קויעך. ער האָט געבראכט זשאנדארן, וועלכע האָבן פארשפּארט אין שולצס מעטאל-פאבריק זעכציק ייִדישע ארבעטער, געהייסן זיי גרייטן זיך אין וועג ארײַן.

אין מיטן העלן טאָג האָבן די ייִדישע קעמפער געעפנט א דורכ-גאנג און ארויסגעפירט די זעכציק פארשפּארטע ארבעטער[2]. באנאכט — דאָס איז געווען אין דער נאכט פון 14-טן אף 15-טן מארט — האָט די ייִדישע קאמפּס-אָרגאניזאציע פאנאנדערגעקלעפּט איבער די מויערן פון געטאָ, איבער די ווענט פון די הײַזער אופרופן, אין וועלכע עס ווערט אופגעדעקט דער נײַער שווינדל. די ייִדישע ארבעטער ווערן אופגע-

1 „בריוו פון געטאָ".

2 באריכט...

פאָדערט צו זיצן אַפ די ערטער, נישט גייִן דעם טויט אין די אָרעמס אַרייַן.

דער דורכגעטריבענער טעבענס האָט געמאַכט אַ גוטע מינע צו דער שלעכטער שפּיל, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז ווייַט פון נעמען נעקאָמע, פון אָנווענדן רעפּרעסיעס. דעם 20-טן מאַרט האָט ער אַרויסגעלאָזן צו די ייִדן אַ גרויסן אויפרוף:

„צו די ייִדישע אַרבעטער פון דער קריגס-אינדוסטריע אין דעם ייִדן-ראַיאָן! די אָנפירונג פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט אין דער נאַכט פון 14-טן אַפן 15-טן מאַרט פאַנאַנדערגעקלעפּט אַן אויפרוף, אַפ וועלכן איך וויל אייַך ענטפערן. איך שטעל פעסט קאַטעגאָריש, אַז 1) עס איז ביכלאַל נישטאָ קיין רייד וועגן אַ דעפּאָרטיר־אַקציע; 2) נישט דעם הער שולץ, נישט מיר האָט קיינער נישט באַפוילן דורכצופירן אַזאַ אַקציע אונטער דער דראָונג פון רעוואָלווערן; 3) איך שטעל קאַטעגאָריש פעסט, אַז דער לעצטער טראַנספּאָרט איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן. מע דאַרף באַדויערן, וואָס די געווער-אַרבעטער פון הער שולץ האָבן נישט געפאָלגט די גוט דורכגעטראַכטע אייגענע זייַנע. איך באַדויער, וואָס איך האָב זיך געמוזט אַרייַנמישן און איבערטראָגן איין וואַרשטאַט, קעדיי אויסנוצן די טראַנספּאָרט־מעגלעכקייַטן, וואָס זייַנען גראָד אונטערגעקומען. די פעסטשטעלונג, אַז דער קאָנוואָי פון צווייטן טראַנספּאָרט פון פּראָסטע-גאַס קיין פּאָניאַטאָוו האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אונטערהעצן די אַרבעטער פון דער וואָפן-אינדוסטריע און אַ געמיינער ליגן. אין טראַווניק און פּאָניאַטאָוו האָט יעדער אַרבעטער צוריקבאַקומען זייַן באַגאַזש, דאָס פּריוואַטע אייגנטום. ייִדישע אַרבעטער פון דער קריגס-אינדוסטריע! גלייבט נישט די, וואָס ווילן אייַך אַרייַנפירן אין אַ טאָעס, וואָס ווילן אייַך אונטערהעצן אַרויסצורופן פּאָלגן, וועלכע וועלן זייַן באַדויערווערט. אין די בונקערס איז נישטאָ קיין שום זיכערקייַט. דאָס לעבן איז דאָרטן נישט מעגלעך; פּונקט אַזוי איז נישט מעגלעך צו לעבן אין דעם אַרישן ראַיאָן. שוין אַליין די נישט-זיכערקייַט און די אָנמעכטיקייַט וועלן צעקלאַפּן מאָראַליש די צוגעוווינטע צו אַרבעטן קריגס-אינדוסטריע־אַרבעטער. איך פרעג אייַך, פאַרוואָס קומען צו מיר רייַכע ייִדן פון אַרישן ראַיאָן און בעטן זיך, כ'זאָל זיי צונעמען צו דער אַרבעט. זיי פאַרמאָגן גענוג געלט צו קענען לעבן אין אַרישן ראַיאָן, אָבער זיי זייַנען נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן. מיט דער פולער

איבערצײַגונג קען איך אײַך אײַך אייצען: פאָרט קיין טראַווניק, פאָרט קיין פּאָניאַטאָוו, ווײַל דאָרטן איז פאראַן א מעגלעכקײַט צו לעבן און דאָרטן וועט איר איבערדויערן די מילכאָמע. די אָנפירונג פון דער קאמפּס־אָרגאַניזאַציע וועט אײַך נישט העלפן, זי גיט אײַך נאָר הוילע צוזאָגן. פאַר גראָבע געלטער פארקויפן זיי אײַך ערטער אין די מאַלינעס, דערנאָך וועלן זיי אײַך אַרויסיאָגן אפ דער גאס און איבערלאָזן אפן באַראָט פון גורל. איר האָט שוין אליין געזען דערפאַרונג מיט די פאַלשע צוזאָגענישן. גלייבט נאָר די דײַטשישע אונטערנעמער, וועלכע ווילן מיט אײַך צוזאַמען פירן ווײַטער די פּראָדוקציע אין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק. נעמט מיט זיך די פרויען און קינדער, ווײַל מע וועט זאָרגן אויך פאַר זייערטוועגן.

אונטערגעשריבן: וואַלטער טעבענס — באַפולמעכטיקטער איבער־צוזידלען די אונטערנעמונגען פון יידישן ראַיאָן אין וואַרשע".

טעבענסעס אויפרוף איז צו די יידן נישט דערגאַנגען. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט באַצײַטנס זיך דערוווּסט, אַז עס דרוקן זיך אין דער דרוקערײַ פון יידנראַט טעבענסעס נײַסטע שווינדל־ווערק. די קעמפער זײַנען באַנאַכט אַוועק אין דרוקערײַ און קאָנפיסקירט דעם אויפרוף. די עקזעמפּלאַרן, וועלכע זײַנען פריער פאַרטיק געוואָרן און אַרויסגעקלעפּט אפ די גאַסן, האָבן די דרייסטע יידישע יאַטן אראָפּ־געריסן. אפן זעלביקן אָרט, ווו עס זײַנען געהאַנגען טעבענסעס פּלאַ־קאַטן, האָבן אומאַנטדעקטע הענט אופגעהאַנגען דעם פאָלגנדיקן אויפרוף:

„יידן! גלייבט ניט די דײַטשישע ס.ס.־לײַט! דאָס, וואָס טעבענס זאָגט, איז א שווינדל. ער וויל פאַרניכטן ס׳רעשט יידן. מיר ווייסן, וואָס עס איז טרעבלינקע, פּאָניאַטאָוו און טראַווניק. איידער גיין צום טויט, נעמט בעסער געווער! א טויט די דײַטשן! —

יידישע גרופּע פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.)"

דער מעכאַבער פון דעם אויפרוף איז געווען מענדל באָרג (פּסעוו־דאָנים „בערנאַרד").

אָבער אויך די „כוצפּע" האָט נישט צוגענומען בא טעבענסן דעם קוראַזש. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפּט דורכצופירן דעם גיירעש שטיל־שאַ. ער איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אײַנגעלאַדן — דורך דער פאַרמיטלונג פון יידנראַט—די אָנפירונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אפ א... זאַכלעכער קאָנפערענץ. די יידישע קעמפער האָבן, פאַרשטייט זיך, מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג. האָט טעבענס באַשלאָסן זיך אָפּצורוקן אין א זײַט. ער האָט אונטער־

געשטעלט די פאַרקויפטע נעשאָמעס פון ייִדנראַט, זיי זאָלן אַליין ריידן מיט די אונטערערדישע כוער. די פירער פון דער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע האָבן געענטפערט: מיר ווילן נישט ריידן נישט מיט טעבענסן, נישט מיט זײַנע ייִדישע יויצער-מעשאָרסים. דעמלט האָט דער פּאָר-זיצער פון ייִדנראַט מאַקסימיליאַן ליכטנבוים געגעבן זײַנע דײַטשישע באַלעבאַטים דעם כאַראַקטעריכטישן ענטפער: „די מאַכט ליגט נישט מער אין מײַנע הענט. אַן אַנדער רעגירונג הערשט אין געטאָ". אַף דעם האָט בראַנד דערקלערט: „אין געטאָ זײַנען געבליבן די ערגסטע באַנדיטן. מיט באַנדיטן רעדט מען מיט דער שפּראַך פון רעוואָל-ווערן"[1].

דאָס איז נישט געווען סתּם קיין דראָונג. די מאַנעווערן פון טעבענכן און שטיימאַנען האָבן קיין פּולע נישט געבראַכט. די געטאָ האָט פאַרביסן געשוויגן. צום וואָרט איז געקומען בראַנד, וועלכן די ייִדן האָבן גערופן „דער טאַליען פון געטאָ"; די שיינע, זיסע רייד זײַנען פאַרשווונדן, עס איז ווידער אַרויסגעקראָכן דאָס באַנדיטישע לאָשן, די שפּראַך פון רעוואָלווער.

2

קיין מענטש! קיין געלט!

דערווײַל האָט זיך אונטערגערוקט דער ערעוו פּייסעך פון 1943. עס איז אַריבער דער שווערער ווינטער, וואָס האָט זיך אַף די געטאָ-ייִדן געלייגט מיט דאָפּלטער לאַכט. עס איז אָנגעקומען דער לאַנג-געוואַרטער פרילינג און צוזאַמען מיט אים — די ערשטע בסורע-טויווע פון ווײַטן מיזרעך-פראָנט. בליץ-שנעל האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט די פריידיקע ידיִע וועגן דער וויסטער מאַפּאָלע פון דער זעקסטער דײַטשישער אַרמיי בא דער וואָלגע. דאָס וואָרט סטאַלינגראַד האָט גע-שוועבט אַף אַלעמענס ליפּן. איצט האָבן די אויסגעפּײַניקטע ייִדן צום ערשטן מאָל דערשפּירט, אַז עס טוישן זיך די מאַזאָלעס: הײַנט איז אַ טרויער-טאָג נישט אין געטאָ, נאָר טאַקע אין דעם אַריכטאָקראַ-טישן גערמאַנישן ראַיאָן, אין דעם בריל-פּאַלאַץ און אַף שוכאַ-אַליי. און אין דער פינצטערער, פאַרכוישעכטער געטאָ האָט זיך אין די טעג פון דײַטשישער אווילעס באַוויזן אַ שמייכל.

---

1 פּעקער.

די אונטעריאָכטע פעלקער פון אייראָפּע האָבן אויסגעקוקט דעם נײַעם פרילינג, באַצײַטנס אים געקרוינט מיטן נאָמען — דער פרילינג פון די פעלקער. אויך די געטאָ-ייִדן האָבן געוואָלט אין דעם פרי-לינג זען ענדערונג, האָפענונג, באַפרײַונג. סטאַלינגראַד האָט געשטאַרקט דעם גײַסט פון די צום טויט פאַרמישפּטע, האָט געקרעפטיקט די הענט פון די גואליי-דאַם.

עטלעכע טעג פאַר פּייסעך האָט זיך א דעלעגאַציע פון ייִדישע ארבעטער געווענדט דורך דער פאַרמיטלונג פון יודנראַט צו דער דײַטשישער מאַכט, מע זאָל זיי דערלויבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן יאָם-טעוו אַרײַנפירן פאַר זייערע אייגענע געלט גרעסערע שפּײַז-זאַפּאַסן אין געטאָ אַרײַן. דער דײַטש האָט נישט דערווידערט; ער האָט גע-קוקט אויף די געטאָ-אײַנוווינער, ווי אויף מייכים, ווי אויף קאַנדידאַטן פאַר טרעבלינקע. זאָלן זיי זיך אָנפרעסן פאַרן סאָף זייערן[1].

די ייִדן האָבן אָבער נישט געטראַכט וועגן פּראַווען מיט דער ברייטער האַנט סעדאָרים. די נײַע שפּײַז-זאַפּאַסן זײַנען פאַרשטעקט געוואָרן אין אונטערערדישע מאַגאַזינען. זיי האָבן געדאַרפט נוצן ברענגען גאָר אין אַנדערע אומשטענדן.

אונטער דער ערד האָבן אָן אָפּרו, טאָג און נאַכט, געאַרבעט די אונטערגרעבער. ייִדישע קעמפער האָבן זיך אונטערגעגראָבן גאַנץ ווײַט, אַזש ביז דעם טכום, סאַמע אונטער די וואַכן באַם געטאָ-טויער. דרייסטע יאַטן האָבן אונטערגעלייגט אונטער דעם באָדן פאַר די גרויסע שאָפּ-פאַבריקן מינעס, וועלכע זײַנען פּראָדוצירט געוואָרן אין געטאָ. אין פולער קאָנספּיראַציע האָט זיך די אונטערערדישע געטאָ געגרייט צו דער לעצטער שלאַכט. עס זײַנען איבערגערופן געוואָרן די רייען פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. אין צוויי און צוואַנציק פעכט-דיסציפּלינירטע און טעריטאָריעל-קאָנצענטרירטע קאַמפּס-גרופּן זײַנען אײַנגעטיילט געוואָרן די סאָלדאַטן פון דער אונטערערדישער ייִדישער מיליטערישער פאָרמירונג.

אין שפּיץ פון די גרופּן זײַנען אוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס קאָמאַנדירן פאָרשטייער פון דער פּוילישער ארבעטער-פּאַרטיי און פון אַנדערע פּאַרטיייִשע גרופּירונגען: כאַים קאַווע, הענריק זילבערבערג, ייִסראָעל גרינשפּאַן, פּאַוועל, וואָלף ראָזאָווסקי, לייב גרוזאַלצ, ייִסראָעל בלאָנעס, דאָוויד האָכבערג, מאָרדכע גראָוואַס, שלוימע ווינאָגראַד,

---

1 יאַן וועסאָלאָווסקי — גוויַעס-איידעס.

יאָסעפ פּארבער, יִסראָעל שקליאר, זכאריע ארצשטיין, בינִיאָמִין וואלד, הענעך גוטמאן, יִצחאָק בלושטיין, בער בראנדער, הערש בערלינסקי, מארק מאיעראָוויטש, לוטעק ראָטבלאט, יאקעוו פייגנבלאט און פּראשקער.

כוץ די אָפיציעלע קאמפּס־גרופּן האָבן אָנטייל גענומען אין די קאמפן נאָך א ריי גרופּן: 1) אפּ לעשנאָ 74; שלאכט־קאָמאנדיר איז דאָ געווען דער סטאָליער מאָטל גאָלדשטיין, פּאָליטרוק — בערנארד באָרג; 2) אפּ לעשנאָ 42; שלאכט־קאָמאנדיר — דער מעטאל־אר־בעטער סעוועק נולמאן; פּאָליטרוק — רייזל ראָזענפעלד; 3) אפּ נאָוואָ־ליפּיע 69; שלאכט־קאָמאנדיר — דער בעקער מאַלקינא, פּאָליטרוק — לעוו; 4) אפּ נאָוואָליפּיע 61; שלאכט־קאָמאנדיר — גוטמאן; 5) אפּ נאָוואָליפּיע 56; שלאכט־קאָמאנדיר — דער געוו. אָפיצער פון דער פּוילישער ארמיי יאנעק (פאמיליע־נאָמען איז אומבאקאנט); 6) אפּ נאָוואָליפּיע 58; שלאכט־קאָמאנדיר — הערש קאווע, איינער פון די סאמע העלדישסטע קעמפער, וועלכער האָט נאָך אין די פריִערדיקע כאדאָשים אוועקגעלייגט א סאך דײַטשן אין געטאָ. אפּ סמאָטשע האָבן געקעמפט דרײַ גרופּן; אין דער צענטראלער געטאָ — זעקס באוואָפנטע צוגאָב־גרופּן, נעמלעך: 1) אפּ מילע 15; קאָמאנדיר — מיכל ביאלי; 2) מילע 64; קאָמאנדיר—לייזער היטלמאכער; 3) נאלעווקעס 45; קאָמאנדיר — בענדעט דער בעקער (פאמיליע־נאָמען נישט פעסטגע־שטעלט); 4) נאלעווקעס 35; קאָמאנדיר—יורעק גרינשפּאָן; 5) סטאווקי 14; קאָמאנדיר — כאִים קאווע; 6) גענשע 69; קאָמאנדיר — כאִים אנ־קערמאן.

די גאנצע טעריטאָריע פון געטאָ איז אײַנגעטיילט געוואָרן אין דרײַ פארטיידיקונגס־זאָנעס: די צענטראלע געטאָ, דער געביט פון די בערשטער און דער דאָרעמדיקער גרענעץ־שעטעך. די פארטיידיקונג־ליניע פון דער צענטראלער געטאָ האָט ארומגענומען די גאסן נא־לעווקעס, מילע, מוראנאָוו און די ארומיקע געסלעך. אפּ צו שיצן די צענטראלע געטאָ זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן צען קאמפּס־גרופּן. פארן אלגעמיינעם קאָמענדאנט פון אָט דער זאָנע איז באשטימט געוואָרן יִסראָעל קאנאל. דער בערשטער־געביט האָט אײַנגעשלאָסן אין זיך די בערשט־פאבריקן — איינע פון די גרעסטע פאבריקן אין געטאָ — מיט די גאסן שוויענטאָיערסקע, וואלאָווע, פראנציִשקאנער. דאָס האָט געבילדעט א מין גרויסן באפעסטיקטן פירעק און האָט געדארפט שיצן די געטאָ פאר דעם אָנפאל פון דער זײַט פון קראשינסקי־

פלאַץ, ווו דער סוינע האָט וואַרשײַנלעך געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן זײַנע קויכעס. דעם בערשטער־געביט האָט געדאַרפט פאַר־טיידיקן די פאַרייניקונג פון אַכט קעמפער־גרופן אונטער דער אַלגע־מיינער אָנפירונג פון מאַרק עדעלמאַן. די דריטע זאָנע האָט זיך גע־צויגן באַ די גרענעץ־גאַסן פון דער פאָדערשטער זײַט—באַ לעשנאָ, נאָוואָליפּיע, באַ טעבענסעס און בראַנדס פאַבריקן. דורכדאַנען פלעגן די עסעס־לײַט ס׳ראָוו אַרײַנמאַרשירן אין ייִדן־ראַיאָן. אַפ צו שיצן די געטאָ פון דער דאָזיקער זײַט זײַנען באַשטימט געוואָרן פיר גרופּן; אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען עליעזער געלער.

די גאַנצע פאַרטיידיקונג פון דער געטאָ, די אָנפירונג מיט דער אַקציע, די פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז געלעגן אין די הענט פון דעם שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אין שטאַב זײַנען אַרײַן: מיכל ראָזענפעלד, ייִצחאָק צוקערמאַן, מאָרדכע אַניעלעוויטש, הערש בערלינסקי און מאַרק עדעלמאַן. דער אַנטיפאַ־שיסטישער בלאָק האָט באַשטימט פאַרן הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם אופשטאַנד דעם 24־יאָריקן מאָרדכע אַניעלעוויטש. וועגן די גע־שעענישן האָט דעם אַכצנטן אַפּרעל, ערעוו דעם אויסברוך, טאָסיע אַלטמאַן אוועקגעשיקט צו אירע פרײַנט דעם פאָלגנדיקן בריוו: „הא־גאַנאַ איז שוין אַזוי גרויס ווי איר קוזין קערעוו. בלאָק, האַגאַנאַס פאָטער, האָט געבעטן דעם הער א., ער זאָל אַפ זיך נעמען די פאַר־אַנטוואָרטלעכקײַט און זי דערציִען. ער האָט איר געקויפט אַ סאַך שפּילצײַג, און זי שפּילט זיך מיט זיי זייער שיין. האַגאַנאַ שמועסט אָפט מיט מאָוועסעצקען. נאָכאַמאָל אַ גרוס פון האַגאַנאַ..מיט באַזונ־דערער האַשגאָכע רינגלט זי אַרום נאָצראָווסקי״[1].

דערמיט האָט טאָסיע געמיינט מודיִע צו זײַן דער וועלט, אַז די זעלבשוץ (האַגאַנאַ) איז שוין גרייט צו שלאַכט (קערעוו), אַז דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק האָט פאַרן אופשטאַנד־קאָמענדאַנט באַשטימט אַניעלעוויטשן, אַז די ייִדישע קעמפער פירן אויס אַטענטאַטן (מאָ־וועסעצקי) איבערן סוינע און אַז די ייִדן האָבן אַ פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער אונטערערד (נאָצרי — קריסט).

און נאָך איין בריוו איז אַוועק צו דער וועלט. אינעם בריוו ווערט געזאָגט: „מאָרגן הייבט זיך דאָס אָן. מיר ווייסן זייער גוט, וואָס עס דערוואַרט אונדז. מיר טרעטן אַרויס, קעדײַ אויסצופּילן

1 „בריוו פון געטאָ״.

אונדזער כּיוו. קיין צוריקוועגס איז נישטאָ. אָבער מיר וועלן עס אויספירן בישליימעס. איך קענט זײַן דערין זיכער״[1].

די געטאָ איז געווען גרייט — גרייט אַפ אַלץ. און ווען די דײַטשישע שאַנטאַזשיסטן האָבן, ווי זייער שטייגער, באַנײַס פאַרלאַנגט פון די ייִדן אויסקויף-געלט, און די ייִדנראַט-קריכער האָבן ווידער גענומען קלאַפּן אין די פּושקעס, זײַנען פון זייערע קאָנספּיראַטיווע דירעס אַרויס די פירער פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און געוואָרפן אין דער מאַסע דעם דרייסטן, קורצן, פילזאָגנדיקן לאָזונג:

— קיין מענטש! קיין געלט![2]

3

דער אָנהייב

אין אומרויִקע סיידער-נאַכט האָבן די וואַרשעווער געטאָ-ייִדן געהאַט דעם 19-טן אַפּרעל. נאָך האַלבער נאַכט, ווען די שאָ האָט געשלאָגן צוועלף, איז דער שטאַב פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע — זײַן פאַרקאָנספּירירטע הויפּט־קוואַרטיר האָט זיך געפונען אין אַ שוץ-קעלער אַפ נאַלעווקעס[3] — אַליאַרמירט געוואָרן דורך די וואַכן, וואָס זײַנען אײַסגעשטעלט געוואָרן בײַ די געטאָ-מויערן: גרעסערע גרופּן זעלנער און באַוואָפנטע באַנדעס דערנעענטערן זיך צום ייִדישן ראַיאָן. אין צוויי שאָ אַרום, צוויי באַנאַכט, איז די געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך געדיכטע דײַטשישע פּאַטרולן. בײַ איטלעכע פינף און צוואַנציק מעטער זײַנען געשטאַנען שמירעס פון דײַטשישע זשאַנדאַרמען און פּוילישער פּאָליציי. האַלב דרײַ זײַנען אַרײַן אין די אויסגעשטאָרבענע געטאָ-גאַסן די ערשטע פײַנטלעכע גרופּן. זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט האָבן זיי זיך צעשפּאָטן איבער די גאַסן, געסלעך און פּלעצער. די טויטע שטילקײַט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שיטערער שיסערײַ; דאָ און דאָרט האָבן די פאַשיסטן געעפנט אַ פײַער — כאַאָטיש, אָן אַ ציל, סתּם אַזוי, אָנצוזאָגן די, וואָס זײַנען געזעסן הינטער די פאַרקלאַפּטע לאָדנס: הערט! מיר, די כאַפּערס, זײַנען דאָ!

---

1 „בריוו פון געטאָ״.

2 לויט דער אונטערערדישער פּוילישער צײַטונג „גלאָס וואַרשאַווי״ פון 1-טן מײַ 1943.

3 קעדריק־שטשערבינסקי.

די קעמפּער, וואָס שטייען גרייט אין די שאָפּן, אין די מאלינעס, וואָס ליגן אפ די בוידעמער, באקומען א באפעל: פיר אזייגער פארטאָג שטעלן זיך אפ די באשטימטע פונקטן, פארנעמען די נייטיקע פּאָזיציעס[1]. די ווענט פון דער געטאָ ווערן באקלעפּט מיט לאָזונגען: „מיר, פּוילישע ייִדן, וועלן זיך נישט לאָזן!" „מיר וועלן שטארבן מיט קאָוועד!" „זאָל לעבן דאָס ייִדישע פאָלק!" „פאר אונדזער און אייער פרייהייט!"[2] פון האנט צו האנט פליען פלוג-בלעטלעך: „ברידער! קעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!" א געהיימע האנט האָט אפ דעם געטאָ-מויער פונקט אנטקעגן דער גרויסער געריכט-געביידע, ווו עס איז געזעצן די געסטאפּאָ, ארופגעצויגן די פענער פון אויפשטאנד — די רויטע פאָן, די פאָן פון פרייען פוילן, די עמבלעמען פון די ייִדישע פארטייען. ספּעציעלע גרופּן האָבן זיך פארנומען מיט אומשעדלעך מאכן די מאָסרים, געסטאפּאָ-אגענטן, פּאניק-זייער. א טויט-אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן איבער דעם דעמאָראליזאטאָר דר. אלפרעד נאָסיק[3].

אין דעם שטאב-קעלער אפ נאלעווקעס האָבן דורך א ראדיאָ-אפּאראט מיט א פלאמיק וואָרט זיך געווענדט צו דער וועלט די פירער פונעם אופשטאנד: „מיר רופן די ייִדישע באפעלקערונג צו ווידערשטאנד. זאָל געשען, וואָס עס מוז געשען. קיין שום זאך אין דער וועלט איז נישט בעקויעך צו ענדערן אונדזער באשלוס. נאָכן אנטשליסן זיך שפירן מיר זיך ווי באנייטע. מיר האָבן זיך איבערצייגט, ווי שטארק מיר זיינען צווישן זיך פארבונדן. מיר עפענען א ניי בלאט אין אונדזער לעבן, איינעם לעבן, וואָס קען יעדע רעגע זיך איבעררייסן. מיר זיינען אייך מוידיע וועגן דעם אלעם, ווייל מיר ווייסן, אז אונדזער גוירל גייט אייך אָן. זייט זיכער, אז מיר וועלן ווייסן, פאר וועלכן פרייז אָפּגעבן דאָס לעבן!"[4]

איינציייטיק האָט דער שטאב פון דער קאמפּס-אָרגאניזאציע ארויסגעלאָזט דעם פאָלגנדיקן אופרוף צו דער באפעלקערונג פון ווארשע און צו די פאראייניקטע פעלקער.

„בירגער פון ווארשע! מיר ווייסן, אז די פּוילישע ארבעטער-

1 פּעקער.
2 מיעטשיסלאוו יאסטרון — גוויִעס-איידעס.
3 באריכט.
שווארצבאָרד - ארכיוו, לאָנדאָן.

באוועגונג אין אונטערערד גיט אָפּ קאָוועד די קעמפּער פון געטאָ. אין נאָמען פון מיליאָנען ייִדן, וואָס זײַנען אויסגעראָטן געוואָרן, אין נאָמען פון מיליאָנען, וואָס זײַנען פאַרפּײַניקט, דערשאָסן און פאַרברענט לעבעדיקערהייט, אין נאָמען פון די, וואָס זעצן פאָר דעם קאַמף, נישט געקוקט אָפּ דעם, וואָס זיי זײַנען פאַרמישפּעט צום טויט, רופן מיר מיט א הילכיקן קאָל, עס זאָל הערן די גאַנצע וועלט: זאָלן די פאַרבינדעטע נעקאָמע נעמען פאַר אונדזערע יעסו-רים און פאַר אונדזער אומקום, און זאָל ווייסן אונדזער סוינע, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ברעקל מענטשלעכקייט, פאַר וועלכע פאַרברעכנס עס וועט אין אים נעקאָמע גענומען. זאָלן די פאַרבינדעטע סאָפּ-קאָלסאָפּ פאַרשטיין די גרויסע היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס פאַלט אָפּ זיי...״[1]

די פאָרלעצ דײַטשישע סאָלדאטן, די פאַשיסטישע באַנדיטן, וואָס האָבן זיך צעשאָטן איבער די גאַסן, האָבן מיטאַמאָל דערזען, ווי זיי טויטע גאַסן ווערן באַלעבט. זיי האָבן דערשפּירט א פאַרדעכטיקע באַוועגונג. ווי שאָטנס האָבן זיך דורכגעטראָגן גרופּקעס מענטשן פאַרבײַ די הײַזער. דאָס האָבן זיך גרופּירט ייִדישע קעמפער. דאָס האָבן זייערע פּלעצער פאַרנומען די פאַרבינדלער, אויסשפּירער, סאַניטארקעס.

די צעוואָרפענע דײַטשישע פּאַטרולן איז באַפאַלן א שרעק. זיי זײַנען שנעל געלאָפן אין דעם קעהילע-שטיבל, אין דער רעזידענץ פון ייִדנראַט אָפּ עק זאַמענהאָף און גענשע און דאָ זיך באַהאַלטן הינטער א פעסט-פאַרשפּאַרטער טיר. פונדאַנען האָבן זיי אַליאַרמירט די שופּאָ: סאָס![2]

די גאַסן זײַנען אינגאַנצן אויסגעליידיקט געוואָרן. נישט געוועזן אָפּ זיי נישט קיין דײַטשן, נישט קיין ייִדישע קעמפער. די לעצטע האָבן זיך פאַרטײַעט אין באַהאַלטענע פּאָזיציעס און געלויערט אָפּן סוינע, געוואַרט אָפּ זײַן אָנקום.

אָפּן בוידעם פון טעבענסעס פאַבריק אָפּ לעשנאָ-גאַס איז גע-לעגן די קעמפערן פון עליִעזער געלערס מאַכנע — די זיבעצניאָריקע דיווקע פעקער. די פלאַש וויטריאָל, איר איינציקע באַוואָפענונג, האָט זי צוגעדריקט צום ברוסט, מיט הארץ-קלאַפּעניש האָט זי אַרויסגע-

1 פאַרעפנטלעכט אין דער אויסלענדישער ייִדישער פּרעסע.
2 פּעקער.

בליקט אפ דרויסן. עס איז געווען זעקס פארטאָג. עס האָט זיך אופגעהויבן דער טאָג פון צוואנציקסטן אפרעל [1].

פונדערווייטנס, פון אײַזן-גאס, האָט ריווקע פעקער געזען א שווארצע מאסע — עס איז געגאנגען דער סוינע. בעראָש פון דער קאָלאָנע איז מאַיעסטעטיש געפאָרן אן אָפענער אווטאָ. צעשפרייט און זיכער איז געזעסן א גענעראל. דאָס איז געווען דער עסעס-גענעראל פאָן-סטראָאָפּ. דאָס מיידל האָט נאָך געזען זײַן רויטן, פעטן, געפאלדעוועטן קארק. נאָך אים, אויך אין אן אווטאָ, — העכערע אָפיצערן. אין שפּיץ פון דער פארטאָגיקער זון האָבן געבלאַנקט די שטאָלענע קאסקעס אפ די קעפּ פון די מארשירנדיקע סאָלדאטן. צווישן איין פּלוטאָן (ווזוואָד) און צווייטן האָט געשפּאנט אן אָרקעסטער. די קלאנגען פון דער לײַכטער קאוואלעריע-מוזיק האָבן צוגעגעבן די זעלנער מוט, האָבן לײַכט געהויבן זייער טראָט, האָבן זיי פארווײַלט אין דעם פּײַערלעכן טאָג פון 20-טן אפרעל, דעם געבורטסטאָג פון אדאָלף היטלער.

די קאָלאָנע איז ארײַן אין לעשנאָ-גאס. ריווקע האָט אראָפּגעגאָסן די ברייענדיקע פלּיסיקײַט גלײַך אין פּאָנעם איינעם פון די אויסגעפּראַנטעוועטע אָפיצערן. דעם געשריי פון דעם אָפּגעבריטן האָט זי נישט געהערט, ווײַל די לופט איז פארטויבט געוואָרן פון דעם קנאל פון אופגעריסענע פעטארדעס, וועלכע זײַנען פון בוידעם-לעכער אראָפּגעפאלן אפ די מארשירנדיקע, ארײַנגעפאלן אין סאמע מיטן פון דער קאָלאָנע.

געווען איז דאָס פארן הויז לעשנאָ 74. דאָ האָט דער סוינע באקומען דעם ערשטן קאבאָלאס-פּאָנעם.

עס איז פארשטערט געוואָרן דער יאָמטעוו פון די נאצי-לײַט. פישער האָט געוואָלט אונטערטראָגן דעם „פירער" צו זײַן געבורטסטאָג אן אויסטערלישע מאטאָנע — די ליקווידאציע פון דער ווארשעווער געטאָ. ער האָט אָבער געמוזט אָפּשאפן דעם יובילײ-פאראד, די פאָלקס-פארווײַלונגען, און האָט אײַנגעפירט אויסנאם-צושטאנד.

די קליינע ריווקע פעקער האָט שנעל אראָפּגעפויזעט איבער די דעכער, איז צוגעפאלן צום טעלעפאָן און מיט איין אָטעם איבערגעגעבן אין שטאב דעם ראפּאָרט לויטן אָפּגערעדטן סימען:

— איינס קעגן נול לעטויוועס אונדז!

---

1 די ווײַטערדיקע שילדערונג איז געבויט אפ די גווילעס-איידעס פון ריווקע פעקער.

* * *

דער גענעראל פאָן-סטראָאָפּ, וועלכער האָט באקומען די אופגאבע צו ליקווידירן די געטאָ, האָט מיט א טאָג פריִער באארבעט גענוי דעם פלאן, וויאזוי מיט איין פעסטן זעץ א סאָף מאכן מיט די ייִדן. ער האָט זיך נישט געריכט, אז עס וועט אים אליין אויסקומען צו מאכן פיס און אנטלויפן קעגן געמיינע פעטארדעס פון צווייפלהאפטן ווערט, געשליידערטע דורך שלאפע ייִדישע הענט. ער איז געפאָרן אין זײַן לוקסוס-אווטאָ ווי אף א שפּאציר. ער איז געפאָרן מיט דער מיליטערישער קאָלאָנע נישט קעדיי אָנצופירן מיט שלאכט-אָפּעראציעס, נאָר קעדיי זיך צו פארווײַלן מיטן בילד פון די צעשראָקענע ייִדן. אף דעם איז ער א דײַטש, ער זאָל פריִער אלץ צוגרייטן און ער זאָל זײַן זיכער, אז אלץ וועט קלאפּן ווי א זייגער. ווען ער האָט פארקערעוועט אין לעשנאָ-גאס, האָט ער אופגעהויבן צום באמאָנאָקלטן אויג דאָס גאָלדענע האנט-זייגערל און פעסטגעשטעלט מיט צופרידנקייט, אז עס איז זעקס; אין דער זעלבער רעגע, ווען ער פאָרט ארײַן מיט דער קאָלאָנע שופּאָ-לײַט אפן געביט פון טעבענסעס און בראנדס פאבריקן, וועט דורך א צווייטן ארײַנגאנג, דורכן טויער, וואָס באם קראשינסקי-גאָרטן, ארײַנמארשירן א צווייטע קאָלאָנע אין סאמע הארץ פון דעם „יודען-שטאט", אין די בארימטע נאלעווקעס. פון צוויי זײַטן וועט די געטאָ גענומען ווערן אין קלעם — דער „פירער" וועט נאָך הײַנט אָוונט באקומען די גראטוליר-דעפּעשע, אין וועלכער עס וועט פיגורירן דער נאָמען פאָן-סטראָאָפּ.

און בעעמעס: נישט דער פירער פון דער „פארניכטונגס-קאָמאנדאָ" ריינהארדט, נישט דער געסטאפּאָ-פאָרשטייער מיכעלסאָן, נישט דער עסעס-שטורמפירער האנטקע, נישט די עסעס-אָפיצערן און געסטאפּאָ-באאמטע הײַנד, מענדע, העפּלע, מירעטשקאָ און בארטעטשקאָ[1], און נישט די צוויי טויזנט עסעס-זעלנער, שופּאָ-לײַט און ייִדן-פארניכטלער, וואָס האָבן — אויך אין מוסטערהאפטער אָרדענונג — ארײַנמארשירט אין געטאָ ארײַן פון דער גאָרטן-זײַט, האָבן נישט געהאט קיין אנונג וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אונטער דעם טויער פונעם הויז לעשנאָ 74. באוואָפנט מיט קליינזײַנער פון דעם נײַסטן טעכנישן שניט, האָבן זיך די קאָלאָנעס פײַערלעך גערוקט פאָרויס.

---

1 באריכט.

צום אָנהייב זײַנען געפּאָרן מאַטאָציקליסטן. נאָך זיי האָבן זיך גע־טראָגן פּאָרויס לײַכטע טאַנקען, ווײַטער — שנעלשיסנדיקע לײַכטע פעלד־האַרמאַטלעך. צום סאָף זײַנען געפּאָרן צוויי גרויסע פּאַנצער־אויטאָס. צווישן איין מין שווער געווער און דעם צווייטן האָבן מאַרשירט מיט געזאַנג אויטאָמאַטלער און לײַכט־באַוואָפנטע פוסגייער. דעם צוג האָבן געשלאָסן צוויי אַמבולאַנסן (דער דײַטש האָט ליב זײַן פּאָרזיכטיק, זיך באַוואָרענען אַף יעדן פאַל — איבעריקנס, איז די מײַסטע יאַנוואַר נאָך גוט געלעגן אין טאַמ).

דער ערשטער אײַנדרוק פון די אַרײַנמאַרשירנדיקע: אין געטאָ איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש. און פּלוצלינג — פון הינטער א ברייטער באַריקאַדע, וועלכע פּילט אויס די גאַס אין דער גאַנצער ברייט, צעהילכט זיך א ייִדישער קאָל:

— פײַער![1].

עס פאַרקניפּט זיך די ערשטע אָפּענע, דירעקטע גאַסן־שלאַכט. ייִסראָעל קאַנאַל, וועלכער האָט קאָמאַנדעוועט מיט דער באַריקאַדע, וויל נישט לאָזן די דײַטשן אַרײַנדרינגען אין דער צענטראַלער געטאָ.

עס איז שוין זיבן — די דײַטשן שטייען נאָך אַלץ פאַר דער באַריקאַדע. קעגן זייערע לײַכטע טאַנקען האָבן די ייִדישע קעמפער איינע אייצע — פלעשער מיט ברענשטאָף. צווישן די בלויזע ערטער פון דער באַריקאַדע באַווײַזט זיך דער גאָרגל פון א קוילנוואַרפער. דאָס איינציקע ייִדישע מאַשין־געווער שפּײַט מיט פײַער. די פּאָזיציע פון די ייִדן איז א בעסערע, עס שיצט זיי דער טראַמווײַ, וואָס ליגט אַן איבערגעקערטער אַף דער ערד. די דײַטשן שטייען אַף אַן אָפּענער פּאָזיציע. נאָך א צײַט צוריקשיסן, פאַרקערעוועט די גאַנצע קאָלאָנע צוריק, מיטנעמענדיק מיט זיך די עטלעכע צענדליק גופים פון די דערהאַרגעטע און פאַרווונדעטע.

שנעל וואַרפן די דײַטשן אַריבער זייערע קויכעס אַף א צווייטער זײַט, ווילן א טויט־קלאַפּ דערלאַנגען דער צענטראַלער געטאָ אינעם רוקן. אַניעלעוויטש און קאַנאַל זענען פאַר די סאַקאָנע. פיר גרופּן קעמפער, צו 45 מאַן אין יעדער איינער, פאַרטײַען זיך אין די פיר זײַטן פון דער גאַסן־קרייצונג בא מילע און זאַמענהאָף. מיט די גרופּן פירן אָן לייב גרוזאַלץ, בער בראַנדער און פּאַוועל[2]. און

1 י. עלבערג — זיכרוינעס.
2 מ. עדעלמאַן — זיכרוינעס.

ווען די פינף הונדערט זעלנער — א גאנצער עסעס-באטאליאָן — מאר-
שירן אריַין אין אָט דער גאסן-קרייצונג, ווערן זיי גענומען אין א
קרייץ-פיַיער. הונדערט מיט אכציק יונגע ייִדן, שלעכט באוואָפנטע,
קעגן פינף הונדערט אָפגעפרעסענע, מיט אויסגעצייכנטן געווער בא-
לאָדענע עסעס-ליַיט. דאָס מאָל הערט נישט די גאס קיין ייִדישן
יאָמער. נישט קיין ייִדן צעלויפן זיך אין פּאניק, נאָר „העכער-רא-
סיקע", עסעס-ליַיט מיט טויט-שארבנס אף די ארבל אנטלויפן, בא-
האלטן זיך אין די טויערן, אין די לעכער פון די כאָרעווע קראָמען.
נאָך דער ערשטער בעהאָלע קומען זיי צו זיך, און פון די טוי-
ערן עפענען זיי א פיַיער אף די ייִדישע קעמפער. א פערטל שאָ
צייַט דויערט די שיסעריַי. די דיַיטשן שיטן אָן אופהער, די ייִדן
זעלטענער און שיטערער. די קעגנזיַיטיקע באשיסונג ריַיסט זיך אי-
בער — אין גאס באוויַיזן זיך דריַי לייַכטע טאנקען. זיי פאָרן אין
דער ריכטונג, פונוואנען עס זיַינען געפאלן די ייִדישע שאָסן. ווי
פון אונטער דער ערד וואקסט אויס א געזעמל יונגע באָכערים. זיי
האקן פון אלע זיַיטן אין טאנק מיט בענזין-פלעשער און אנטלויפן.
דער שטאָלענער באל-מאשכיס צינדט זיך אָן, עס ברענט דער בענ-
זין-בעקן, דער פלאם לויפט איבערן דעכל, כאפט ארום דעם גאנצן
געפאנצערטן קערפער פון טאנק. די מאנשאפט באוויַיזט נישט ארויס-
צושפרינגען, קומט אום אין די פלאמען.
די צוויי טאנקען, וואָס זיַינען געגאנגען פון הינטן, פארקע-
רעווען און פאָרן שנעל אף צוריק. די עסעס-ליַיט טרעטן אָפּ.
לייב, בער און פאוועל מאכן שנעל דעם סאכאקל פון דער
שלאכט. זיי גלייבן נישט די אייגענע אויגן: בלויז איין מענטש
האָבן זיי פארלוירן.
אָבער אָט זיַינען די טויט-שארבנס-ריטער ווידער אף דער זאמען-
האָף-גאס. עס באגעגנט זיי באַניַיס אן אומהיימלעכע שטילקיַיט.
ווען זיי גייען פארביַי דאָס הויז זאמענהאָף 29, דערשפּירן זיי אָבער,
אז עמעצער לעבט נאָך דאָ. פון בוידעם פאלן אף די דיַיטשישע
קעפּ גראנאטן. ווידער צעלויפן זיך די עסעס-ליַיט. ווידער פארשטעקן
זיי זיך אין די ארומיקע טויערן און לאָזן אפּן פארדעכטיקן הויז א
מאבל פיַיער און דינאמיט. זיי שיסן שוין אָבער אין אן אויסגע-
ליידיקט הויז — די אופשטענדלער האָבן, נאָכן אָפּטאָן זייער ערשטע
ארבעט, פלינק זיך אריבערגעטראָגן דורך בוידעמס און דעכער אף
אן אנדער גאס. די ייִדן האָבן געוווסט, אז קיין אָפענעם קאמף

מיט די דײַטשן וועלן זיי נישט אויסהאלטן. דער סוינע האָט לאנג באשאָסן די פּוכטע גאס, די שטומע ווענט, דערנאָכ האָט ער צוגענומען זײַנע פּופּציק טויטע און פארוואונדעטע און איז אוועק פון שלאכטפעלד, ארויס פון געטאָ. עס איז שוין געווען פינפ נאָכמיטיק. נאָכ א שאָ, און עס וועט צופאלן דער ביין-האשמאָשעס; דער דײַטש האָט מוירע געהאט צו בלײַבן אונטער דער נאכט-כאשכעס אין געטאָ.

אזוי איז אדורכ דער ערשטער טאָג פון אופשטאנד.

א קנאפּן נאכעס האָבן די דײַטשן געהאט פון דעם „פּירערס" יובילײ.

4

די פארטיידיקונג פון די בערשטער

די קעמפער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די ערשטע שלאכטן קעגן דעם סוינע, האָבן באנאכט גערוט. נישט גערוט האָט דער שטאב. מאָרדכע, מיכל, הערש, יִצכאָק און מארק האָבן געוווסט: דאָס איז ערשט דער אָנהייב; דאָס ווײַטערדיקע וועט זײַן א סאכ שווערער און בלוטיקער, אָבער מע מוז אנטקעגנגיין דעם שווערן העמשעכ.

דער אויסברוכ פון אופשטאנד האָט אופגערודערט די גאנצע געטאָ. קינד-און-קײט איז ארויס פון די בונקערס און זיכ געמאָלדן אפ די קאָמאנדע-פונקטן פון די אופשטענדלער, געבעטן זיכ: „נעמט אונדז ארײַן אין די רייען!" אלטע, גרויע יִדן, טיפ גלייביקע, האָבן זיכ אָרגאניזירט אין אן אָפּטיילונג און אום יאָמטעוו אויסגעניײט אפ זייער פאָן: „גאָט איז מיט אונדז!" צוועלפיאָריקע יִנגלעכ האָבן זיכ געבעטן: „גיט אונדז פלעשער מיט בענזין, מיר ווילן גיין קעגן טאנקען!" זיבניאָריקע יאטלעכ האָבן גלענצנדיק אויסגעפירט די פונקציעס פון פארבינדלער און אויסשפּירער. עלטערע פרויען האָבן געקאָכט עסן, געטראָגן טעפּלעכ געקעכטס פאר די קעמפער. א גאנצע נאכט האָט אין געטאָ געקאָכט און געזידט ווי אין א קעסל. דאָס פאָלק האָט זיכ געגרייט צום ווײַטערדיקן קאמפּ [1].

די בסורע וועגן אופשטאנד איז ארײַנגעדרונגען אויכ אין דער

1 לויטן באריכט פון דעם יִדישן וועלט-קאָנגרעס אין אמעריקע.

„פּאוויאַק“-טפּיסע. דאָ האָט אַ גרופּע פּאָליטישע אַרעסטירטע — ייִדן און פּאָליאַקן — שוין פֿון לאַנג געגרייט זיך צו אַנטלויפֿן; מיט שלעכטע, גוט-באַהאַלטענע געצייג געגראָבן אַן אונטערערדישן דורכגאַנג אַף דרויסן. די יעדיע וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך דאָ נישט ווייט, אַף יענער זייט טפּיסע-ווענט, האָט געשטאַרקט די הענט פֿון די „פּאוויאַק“-פֿאַרשווערער, האָט זיי געמאַכט אומגעדולדיק. אַ גרופּע אַרעסטאַנטן מיט דעם אַרבעטער שייע אָפּענהיים בעראָש איז נאָך די זעלבע נאַכט אַרויסגעקראָכן פֿון דעם אונטערערדישן אונטערגראָבן. די באַפֿרייטע האָבן זיך באַלד פֿאַראייניקט צום אופשטאַנד און זיך געשטעלט אַף די קאַמפּס-פּאָזיציעס פֿון די מורדים [1].

* * *

ביז האַלבן טאָג האָט זיך דער סוינע נישט געוויזן אין געטאָ. ערשט באַטאָג האָבן די אויסשפּירער געבראַכט אַ יעדיע: טיילן פֿון עסעס-מיליטער גרופּירן זיך אין דעם געביט, וואָס צווישן די ביידע געטאָס: דער סוינע, הייסט עס, גרייט זיך צו אַ נייעם קלאַפּ. אַ זייגער דריי האָט טאַקע אַן אָפּטיילונג פֿון דריי הונדערט עסעס-זעלנער אַריינגעמאַרשירט אַף דער שוויענטאָיערסקע-גאַס און האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פֿון דער באַרשט-פֿאַבריק. עס איז געווען קלאָר: די דייטשן האָבן בעדייע צו בלאָקירן די פֿאַבריק און מיט קויכע אַרויסשלעפּן די אַרבעטער [2].

די לעצטע זיינען געווען יעדערער אַף זיין פּאָזיציע, יעדערער מיט זיין געווער — ווער מיט אַ ביקס, ווער מיט אַ רעוואָלווער, מיט אַ פּעטאַרדע און בענזין-פֿלאַש. מיט אַ געשטיקטן שעפּטשען האָט איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן די באַפֿעלן פֿון דעם גרופּע-פֿירער העניעך גוטמאַן. ווי צוגעוואַקסן צו דעם בוידעם-פּאָל זיינען געלעגן די יונגע אופשטענדלער סימכע ראָטייזער, שלוימקע שוסטער, דווירע באַראַן, ציפּירע לערער, פּייטשע ראַבאָוו, באַשע מילמאַן. דורך די לעכער אין דער וואַנט האָבן זיי געקענט אָבסערווירן די באַוועגונגען פֿונעם סוינע. דער ערשטער פֿון דער גרופּע, סימכע ראָטייזער, האָט קיין שום הייס געווער מיט זיך נישט געהאַט. אין

1 ה. בוטערמאַן — גוויעס-איידעס.
2 די ווייטערדיקע שילדערונג איז געבויט אַף די זיכרוינעס פֿון סימכע ראָטייזער.

דער רעכטער האַנט האָט ער בלויז פעסט געהאַלטן דעם עק פון אַן איזאָלירטן עלעקטרישן דראָט. אומגעזען פאַר די אויגן פון דעם אָנגרײַפנדיקן סוינע האָט זיך געשלענגלט א לאַנגער דראָט פון דער אופשטענדלערישער פּאָזיציע האַרט ביז דעם פּלאַץ, וואָס פאַר דעם פאַבריק-בנינען.

— זיי גייען, — שעפּטשעט דווירע באַראָן.

די דײַטשן האָבן, נאָך א קורצער באַראַטונג, אין צעוואָרפענע רייען זיך געלאָזט נעענטער צום פאַבריק-טויער. מיט א זיכערער האַנט שטעקט סימכע ראָטײַזער אַרײַן די עלעקטרישע דראָטן אין קאָנטאַקט. א גוואַלדיקער קנאַל פאַרטויבט די לופט. די ערד האָט א ציטער געטאָן אונטער די דײַטשישע פיס. עס האָט אופגעריסן די מינע, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אין געטאָ דורך יידישע הענט. די גאַס פאַרן פאַבריק-אַרײַנגאַנג ליגט איצט מיט אויסגעריסענע לעכער, באַדעקט מיט עטלעכע צענדליק הארוגים און צעקאַליעטשעטע. די אַנדערע אַנטלויפן, פאַרשווינדן פון דער גאַס.

און ווידער ווערט שטיל. בלויז א שוואַכער אָפּהילך פון די אָכצערײַען פון די פאַרווונדעטע דערגייט צו די לויערנדיקע בערשטער-אַרבעטער. דער זייגער איז שוין פינף. נעכטן אין דער צײַט האָבן די דײַטשן איבערגעריסן די שיסערײַ. וועלן זיי אויך הײַנט זיך שוין מער נישט צוריקקערן?

די דײַטשן האָבן זיך ווידער באַוויזן. גוטמאַן זעט: איצט זײַנען אין דער פײַנטלעכער קאָלאָנע פאַראַן מער אָפּיצערן ווי פריער. הייסט עס — מער מיליטער. זיי גייען שוין נישט רייענווײַז, ווי פריער, זיי שאַרן זיך פאָרזיכטיק, איינער נאָכן צווייטן, האַלטן זיך האַרט בא די טויערן. זיי האַלטן די ביקסן אויסגעצויגן, גרייט צו שיסן. פאָרויס גייט א מינען-זוכער מיט א גרויסן מעטאַלענעם מינען-פאַנגער.

גוטמאַן הייסט צולאָזן דעם סוינע נאָענט און נעענטער. און ווען די ערשטע גרופּקע סאָלדאַטן האָט זיך שוין גענוג אַרויסגערוקט פאָרויס, געפינט זיך שוין אָפּ א מעכעק פון א גראַנאַטן-שלײַדער, פאַלט דער באַפעל. סימכע וואַרפט זײַן גראַנאַטע, שלוימקע די צווייטע — די איינציקע גראַנאַטן, וואָס זײַנען געווען אין גוטמאַנס גרופּע. דער אויפרײַס קומט פאָר אין סאַמע מיטן פון ערשטן סאָלדאַטישן געווימל. די מיידלעך שלײַדערן אין די אַנטלויפנדיקע צונג

ברענשטאָף־פלעשער. פון די דרײַסיק דײַטשן, וועלכע האָבן זיך צום נאָענטסטן צוגערוקט צום פאבריק־אַרײַנגאנג, זײַנען ארויס גאנץ נישט מער ווי צוויי. פון אלע אנדערע איז געבליבן א בארג צעריסענע שטיקער פלייש.

עס איז קיין פערטל שעה נישט אדורך זינט די גראנאטן־אויפרײַסן, ווי א ריזיקע כמארע סאָלדאטן האָט פארנומען די גאנצע גאס, אלע אירע לעכער און ווינקלען, אלע הײַזער אנטקעגן דער בארשט־פאבריק. דער סוינע פארוואַרפט די באלאַגערטע מיט א האָגל קוילן. די קוילן פאלן אָן אויפהער, האקן אין דעם בוידעם, צעקלאַפּן די פענצטער פון די נידעריקע שטאָקן, צווינגען די אויפשטענדלער אריבערצולויפן פון אָרט צו אָרט. אין א קורצער צײַט ארום רײַסן זיי איבער די שיסערײַ. פון די ווײַטע גרופּעס רײַסן זיך אָפּ צוויי מענטשן — איינער אין אָפיצערישן מונדיר, דער צווייטער אין אלטער באקאנטער, דער דירעקטאָר פון דער בערשטער־פירמע דר. לאוס. דאָס האָט די דײַטשישע קאָמאנדשאפט ארויסגעשיקט „פארלאמענטיאָרן" צו די באלאַגערטע. דורך א מעגאפאָן שרײַט דר. לאוס אריבער צו די ייִדן, אז די דײַטשן זײַנען גרייט איבערצורײַסן אויף א פערטל שעה די שלאכט, קעדיי צו געבן דערמיט די ייִדן די מעגלעכקײַט צו קאפּיטולירן. „מיר זאָגן אײַך צו, אז די, וואָס וועלן אָפּגעבן דאָס געווער, וועלן באקומען די באדינגונגען פון געוויינלעכע קריגס־געפאנגענע", — שרײַט דער מעגאפאָן.

מארק עדעלמאן, דער קאָמאנדיר פון דער גאנצער פאראייניקונג פון דעם בערשטער־געביט, און הענעך גוטמאן, דער קאָמאנדיר פון דער פּאָדערשטער פארטיידיקונגס־גרופּע, האלטן אָפּ א בליץ־קורצע באראטונג, וועלכע דויערט אזויפיל, וויפל עס איז נייטיק ארויסצוזאָגן די ווערטער: „ניין! קאפּיטולירן באטײַט — א שענדלעכער טויט". זייער ענטפער קומט שנעל — די „פארלאמענטיאָרן" פון די באנדיטן הערן אים אין דער סווישטשערײַ פון קוילן, וואָס פליִען פון דער פאבריק־זײַט איבער זייערע קעפּ.

די „פארלאמענטיאָרן" גייען צוריק מיט גאָרנישט. די דײַטשן ברענגען נײַע אָפּטיילונגען. זיי פרוּוון נעמען דעם פירעק פון דער ייִדישער פארטיידיקונג פון עטלעכע זײַטן. זיי אטאקירן פון פּאָרנט — פון דער שוויענטאָיערסקער גאס, און פארגייען אויך פון הינטן — פון דער פראנציסקאנער. די אויפשטענדלער באשליסן: נישט לאָזן די

צווי פײַנטלעכע קאָלאָנעס זיך פאַרייניקן. עס איז שוין פאַרנאַכט. די ייִדן אָרגאַניזירן אַן איבערפֿאַל: איין גרופּע אופשטענדלער גייט אַרויס פֿון דער בלאָק-פעסטונג, פאַרנעמט אַ פּאָזיציע אויף וואָ-לאָווע-גאַס, וועלכע טיילט אָפּ די שוויענטאָיערסקע פֿון דער פראַנ-ציסקאַנער. עס פאַרקניפּט זיך אַ קורצע, הייסע שלאַכט. אַ סאַך ייִדן פֿאַלן אין קאַמף. מיט אַ העלדן-טויט קומט דאָ אום דער יונגער אינזשעניר מיכל קלעפּפיש. עס נעמען נעקאָמע פֿאַר זייער שלאַכט־כאַווער די מוטיקע קעמפער צווי עדעלשטיין, אַדאָלף האָכבערג, יאָסל אָבערשטיין, אַווראָם אייגער. מיט קאַלט געווער לייגן זיי אַוועק אַ סאַך דײַטשן.

צום אויסגאַנג פֿון צווייטן טאָג ווערט דער שטאַב אַליאַרמירט וועגן דער לאַגע אין די פֿאַבריקן פֿון טעבענס און שולץ. די דאָ־זיקע פֿאַבריקן, וועלכע געפֿינען זיך האַרט לעבן דער געטאָ-גרענעץ, לעבן די מויערן, זײַנען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך זשאַנדאַרן און מיליטער. די דײַטשן האָבן פֿאַרגעלייגט די ייִדישע אַרבעטער צו פאַרלאָזן די באַהעלטענישן און זיך שטעלן אויף דער אָפּפֿאָר-סטאַנציע. די פֿאַבריק ענטפֿערט מיט שטילשווײַגן. עס יאָוועט זיך נישט קיין איין ייִד. די דײַטשן פאַרלענגערן דעם טערמין, זאָגן צו די ייִדן, אַז עס וועט זיי גאָרנישט געשען. עס קומט ווידער נישט קיין ענטפֿער. דער סוינע שטעלט אַרויס לײַכטע האַרמאַטן, גרייט זיך צום שטורעם. מיטאַמאָל וואַקסן אויס ווי פֿון אונטער דער ערד אין פֿאַרשיידענע פּונקטן אַרום די דײַטשן ייִדישע קעמפער; זיי גרײַפֿן אָן אויף די דײַטשן. דער אָנגריף איז אַזאַ אומגעריכטער, אַזאַ האַסטיקער, אַז אין מעשעך פֿון אַ לענגערער צײַט זײַנען די אָפּי-צערן נישט אימשטאַנד צו באַהערשן די לאַגע, צוריק אײַנפֿירן אָרדענונג. פּערציק דערהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע דײַטשן — אָט איז די פּרוכט פֿון דעם דאָזיקן אָנגריף.

ווידער בלײַבן די פֿאַבריקן פֿון טעבענס און שולץ נישט גע-רירט. ווידער איז די „אַקציע" דורכגעפֿאַלן. דער סוינע ציט זיך צוריק פֿון געטאָ פּונקט ווי נעכטן.

עס פֿאַלט צו די צווייטע נאַכט פֿון אופשטאַנד.

5

די ווײַטערדיקע שלאַכטן

בערנאַרד באָרג, א שמאָלפּלייציקער בלאָנדער באָכער, א געוועזענער האַנדלס-אָנגעשטעלטער אין א מאַנופאַקטור-געשעפט אַף גענשעגאַס, א פּיפּיקער, לעבעדיקער יאַט, איז א האַלבע נאַכט געשטאַנען אַף דער וואַך און זיך אויסקוקער: צי באַמערקט מען נישט קיין פאַרדעכטיקע באַוועגונגען אין דעם סוינעס זײַט? נאָך האַלבער נאַכט איז געקומען א כאַווער אים פאַרבײַטן. בערנאַרד האָט זיך אראָפּגעשאַרט פון דאַך. ער האָט איצט פולע רעכט זיך אַוועקלייגן אַפן האַרטן געלעגער, אויסגלײַכן די ביינער און אויסרוען זיך נאָך דרײַ טעג קעסיידערדיקער אָנשטרענגונג, נאָך דרײַ טעג אופשטאַנד. בערנאַרד באָרג האָט זיך אָבער נישט געלייגט. אן אינערלעכער קויעך האָט אים געשטויסן זיך צוזעצן צום וואַרשטאַט-טיש, וווּ עס האָט מיט קאַרגער שײַן געלויכטן אן אַוועראַדיק קאַרביד-לעמפּל, און נעמען די פען אין האַנט אַרײַן. בערנאַרד איז קיינמאָל קיין קאַסווע-ראַבע נישט געווען. איצט האָט ער אָבער געשפּירט, אַז ער מוז פאַרשרײַבן דאָס, וואָס איז פאַרלאָפן — כאָטשבי בלויז דאָס געשעענע פון דעם הײַנטיקן טאָג אין זײַן אייגענעם באַגרענעצטן געביט. מיט זײַן קלאָרן קאָפּ, מיט זײַן כּראַקטישער קלוגשאַפט האָט באָרג פאַרשטאַנען: „זיי" וועלן סאָפּקאָלסאָפּ די געטאָ נעמען, אָבער באָרג, דער קעמפער, דער אַקטיוויסט פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג, האָט, ווי טויזנטער קאַמפּס-כאַווײרים זײַנע, געפילט: דאָס, וואָס געשעט, איז עפּעס העכערס, עפּעס ברייטערס פון דעם, וואָס קומט מאַמאָשעסדיק פאָר פאַר די טויערן פון דער פאַבריק-פעסטונג. עס האָט געצויגן צו דער פען, צו פאַרשרײַבן לעדוירעס דאָס אומגעהייער וויכטיקע, וואָס איז פאַרלאָפן סאַכאַקל מיט א האַלבן מעסלעס צוריק דאָ, בא דעם שאָפּ, וואָס איז זײַן, בערנאַרדס, לעבעדיקער קיוועער געוועזן אין מעשעכ פון כאַדאָשים, און וואָס וועט אַצינד דער דענקמאָל פון אומגעווײנלעכע מײַסים פון פּאָשעטע יידישע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, שילער.

בערנאַרד באָרג האָט פאַרשריבן[1]:

---

1 פאַרעפנטלעכט אין לאָדזשער „נײַעם לעבן".

„צווייטע העלפט אפרעל 1943. די האנט ציטערט, ווען זי הייבט אָן פארצייכענען די איבערלעבענישן.

די פאראָרדענונג, אז ווארשע מוז זיין יודן-ריין, איז געווען גענוג קלאָר. דאָס האָט באטייט פארניכטונג פון דעם רעשט ווארשעווער יידן. אלע האָבן געוווסט, אז איצט שטייט די פראגע פון זיין אָדער ניט זיין. און דאָך — קיין פארצווייפלונג, קיין רעזיגנאציע. אלעמענס אויגן האָבן אויסגעדריקט גרענעצלאָזן האס צו די היטלערישע בעסטיעס. אלץ האָט מיט די ציין געקריצט, די ליפן פארביסן, פויסטן האָבן זיך געבײַלט. די הערצער האָבן שטארקער געקלאפט אין איין טאקט — מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן, מיר נעמען אויף דעם קאמף! נעקאָמע פאר טרעבלינקע, פאר מײַדאנעק, פאר אָסווענצשים, פאר בעלזשיצ — זאָל דער כויכע בלוטיקן און בלוטיקן וואָס מער, זאָל אונדזער קאמף זיין א טייל פון גרויסן געראנגל, וואָס קומט פאָר אין גאנץ איירָאָפּע קעגן היטלערישן רעזשים.

מיר מאכן די לעצטע צוגרייטונגען. אלע באוואָפנטע קאמפס-גרופן באקומען די לעצטע אינסטרוקציעס פון אונדזער אָנפירונג פון טעבענס- און שולצ-ראיאָן, וואָס האָט זיך געפונען אף לעשנאָ 74 אין א ספעציעלן מאסקירטן בונקער. דער ארײַנגאנג איז געווען דורך א קלאפע אין א קעלער און פון דעם קעלער דורך א צווייטער קלאפע אין אן אויסגעגראָבענעם טונעל, וואָס האָט געפירט פון לעשנאָ 74 איבער דער ברייט פון דער גאס אף לעשנאָ 71 מיט אן ארויסגאנג אף דער „אַרישער" זײַט. אין טונעל איז געווען א געמויערטע וואנט, וואָס האָט זיך אוועקגערוקט אף שינעס און אף רעדלעך, אינווייניק האָבן מיר געהאט עטלעכע שטובן מיט אלע איינריכטונגען: וואסער, גאז, עלעקטרע, עסן, בעטן, צוויי ראדיאָס.

אף אלעמענס פענעמער האָט זיך אויסגעדריקט ערנסטקײַט און אכרײַעס פון מאָמענט, אלץ איז שוין פארטיק. כאוואר הענעך, קאָמענדאנט פון די גרופן, קאָנטראָלירט נאָך דאָס געווער, גיט אלעמען צוגאָב-קוילן. יעדער ציילט די קוילן ווי די טײַערסטע בריליאנטן. כאווערטע רוזשקע גייט ארום ווי א טרײַע מאמע און פרעגט יעדן איינעם, צי ער האָט אלץ. צי האָט ווער נישט פארגעסן צו נעמען עסן, באנדאזשן, עלעקטרישע באטארייען. א גאנצע נאכט האָבן געדויערט די צוגרייטונגען. מיר מאכן די לעצטע בארַאטונג: „איר נעמט אויף דעם קאמף מיט געווער אין דער האנט. געדענקט,

אז איר זײַט זיך פֿונ ארבעטער-קלאס פֿונ פּוילנ, געדענקט, אז איר געהערט צו דער אָרגאניזאציע, וואָס האָט איבערגענומענ די בעסטע טראדיציעס פֿונ באפרײַונגס-קאמף פֿונ פּוילישנ פּראָלעטאריאט, געדענקט, אז איר זײַט פּארטיזאנער".

די פֿינצטערע נאכט-שטילקײַט, וואָס איז אלעמאָל איבערגעריסנ געוואָרנ פֿונ ביקסנ- אונ רעוואָלווער-שאָסנ, איז אוועק. דער פֿרימאָרגנ האָט אָנגעהויבנ ארײַנצושײַנענ. לויטנ אלגעמײנעמ פּלאנ פֿונ דעמ שטאב, האָבנ אָפּמארשירט די גרופּנ אפֿ די באשטימטע פּונקטנ: סמאָטשע 4, סמאָטשע 8-10, נאָוואָליפּקי 51, נאָוואָליפּקי 41, נאָוואָליפּקי 61-63, לעשנאָ 74. אפֿ לעשנאָ 74 האָט אונדזער גרופּע פֿארנומענ א שטוב מיט א ברייט פֿענצטער אפֿנ ערשטנ שטאָק, וואָס איז געווענ זײער א גוטער אָבסערוואציע-פּונקט. כאווער מיעטעק (דאָס איז מאָטל גאָלדשטײנ), קאָמענדאנט פֿונ דער גרופּע, האָט באשטימט פֿאר יעדנ זײַנ פּלאץ, זײַנ פֿונקציע, אונ אלײנ זיך אוועקגעשטעלט אפֿנ אָבסערוואציע-פּונקט, אויסרעכענענדיק, אז באלד אינדערפֿרי גײענ די עסעס-גרופּנ ווידער פֿונ דער אײַזנ-גאס אינ געטאָ ארײַנ. כאווער מיעטעק, מיט א האנט-גראנאטע אינ דער האנט, שטײט רויִק, אנטשלאָסנ, קײנער קאָנ בא אימ נישט פֿועלנ, עמעצער זאָל אימ פֿארטרעטנ. „איכ וועל אזוי לאנג שטײנ, — דערקלערט ער קאטעגאָריש אונ דעצידירט, — ביז די הינט וועלנ אָנקומענ, די גראנאטע מוז אפֿ זײערע קעפּ צעשמעטערט ווערנ!" — אינ דרויסנ איז שוינ גוט ליכטיק, די גאסנ זײַנענ ווי אויסגעשטאָרבנ, די שיסערײַענ ווערנ אלעמאָל שטארקער אונ שטארקער. „אכטונג! יעדער אפֿ זײַנ פּלאץ!" מיעטעקס קלײנע בלויע אויגנ ווערנ פֿיל גרעסער. דער אײבערשטער האלבער קערפּער מאכט א באוועגונג אפֿ צוריק. טראכ! הערט זיכ א ריזיקער אָפּקלאנג פֿונ דער געוואָרפֿענער גראנאטע. כאווער ריבא װארפֿט בליץ-שנעל דרײַ פֿלעשער ברענ-מאטעריאל. אפֿ דער גאס — א שרעקלעכע פּאניק אונ געשריי. די גראנאטע אונ די דרײַ פֿלעשער האָבנ געטראָפֿנ אינ א גרופּע עסעס-לײַט, וואָס זײַנענ געגאנגענ אינ געטאָ. אפֿנ ברוק ליגנ פֿיל טויטע אונ פֿארווּנדעטע. „צוריקציִענ זיכ!" — פֿאלט א קאָמאנדע. דאָס הויז ווערט שטארק באשאָסנ פֿונ קוילנוואַרפֿער. מיר ציִענ זיכ צוריק אָנ פּאניק, לויטנ פּלאנ, דורכ אײנ קאָרידאָר אינ א צווײטנ, ווו עס שטײט א לײטער ארופֿצוגײנ אפֿ א נישט פֿארענדיקט הויז אפֿ לעשנאָ 76. מיעטעק גײט ארופֿ דער לײטער, ציט ארופֿ צו

זיך דעם לייטער פֿון ערשטן אָפּן צווייטן שטאָק און פֿון דאָרט אָפּ גאָוואָליפּיע 63. דאָ איז געווען די גרופּע פֿון כאַוועד העניעק, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ פּדעם צווייטן שטאָק אַ פּאָזיציע. מיר מעלדן וועגן אונדזער אַרויסטריט. אַלע הערן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם.

„כאַווייריםֿ, — דערקלערט העניעק, — מיר טאָרן נישט בלײַבן הינטער־שטעליק!" — מיר פֿאַרנעמען אַ פּונקט אָפּן דריטן שטאָק. ווידער איז יעדערער אָפּ זײַן קאַמפּס־פּלאַץ מיט נאָך מער אַנטשלאָסנקייט און פֿרייד, צוליב דעם געלונגענעם אָנפֿאַל, וואָס האָט אונדז נישט גע־קאָסט קיין קאָרבאָנעס.

12 אויגער באַטאָג באַמערקן מיר, ווי עס דערנעענטערט זיך אַ גרעסערע גרופּע שאַוליסטן פֿון דער סמאָטשע אין דער ריכטונג צו נאָוואָליפּיע. אַלע כאַפּן דאָס געווער אין דער האַנט, וואַרטן אָפּן באַפֿעל אָנצוהייבן. ווען די באַנדע שאַוליסטן דערנעענטערט זיך צו די הײַזער פֿון סמאָטשע 10-8, ווערט געעפֿנט אָפּ זיי אַ שי־סערײַ פֿון אונדזערע גרופּן, וואָס געפֿינען זיך דאָרטן. פֿון צווייטן שטאָק פֿאַלן באַלד צוויי האַנט־גראַנאַטעס. מיר עפֿענען אַ פֿײַער. די גאַנצע באַנדע, וואָס איז געגאַנגען צו דער נאָוואָליפּיע, וואַרפֿט זיך אָפּ דער ערד. אַ פֿײַער האָט זיי אַרומגענומען פֿון אַלע זײַטן. אַ האָגל פֿון האַנט־גראַנאַטעס און קוילן פֿאַלט אָפּ אונדזער הויז. מיר ציִען זיך צוריק. אָפּ דער גאַס ליגן פֿיל טויטע און פֿאַרוווּנ־דעטע שאַוליסטן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער טאָג, דער דריטער טאָג פֿונעם אופֿשטאַנד".

* * *

אין דער זעלבער צײַט איז אין דעם שטאַב־בונקער, אין אַ טיפֿן שוץ־קעלער אָפּ נאַלעווקעס, געזעסן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון דעם אופֿשטאַנד מאָרדכע אַניעלעוויטש און איז אויך געווען פֿאַר־זונקען אין שרײַבן. ער האָט געשריבן אַ בריוו צו זײַן פֿאַרטרע־טער אָפּ דער „אַרישער" זײַט און האַרציקן כאַוועד אַריע ווילנער. אין אַ ווינקל האָט אין האַלבן דרעמל געוואַרט דער „קודיעד" — אַ יונגע כאַווערטע פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַ בלאָנדהאָריק מיידל מיטן נאָמען פֿאַניע בעאַטוס [1]. זי האָט געדאַרפֿט דעם בריוו אַריבערפֿירן „אַהין", איבערגעבן אַריען.

1 מאַרקאָוויטש—גוויָעס־איידעס.

„מײַנ טײַערער! — האָט אַניעלעוויטש געשריבנ, — דאָס, וואָס מיר האָבנ איבערגעלעבט, לאָזט זיכ נישט באַשרײַבנ מיט ווערטער. מיר גיבנ זיכ אָפּ אַ דינ־וועכעזשבנ פונ איינ זאַכ: דאָס, וואָס איז געשענ, האָט איבערגעשטיגנ אונדזערע סאַמע דרייסטע כאַלוימעס. די דײַטשנ זײַנענ צוויי מאָל אַנטלאָפנ פונ געטאָ. איינע פונ אונדזערע אָפּטיילונגענ האָט אויסגעהאַלטנ אַפ אירע פּאָזיציעס מער ווי פערציק מינוט, די צווייטע קאַמפּס־אָפּטיילונג — איבער זעקס שאָ. די מינע, וועלכע מיר האָבנ אונטערגעלייגט אַפנ געביט פונ די בערשטער, האָט אויפגעריסנ. עטלעכע אונדזערע גרופנ האָבנ אַטאַקירט די דײַטשנ, אונ זיי זײַנענ זיכ צעלאָפנ. אונדזערע מענטשנ־פאַרלוסטנ זײַנענ זייער קליינע. דאָס איז אויכ אַ דערפאָלג. עס איז אומגעקומענ י.; ער איז געפאַלנ מיט אַ העלדנ־טויט באַמ קוילנ־וואַרפער. איכ שפּיר, אַז עס געשעענ גרויסע זאַכנ, אַז דאָס, אַפ וואָס מיר האָבנ זיכ פאַרבאַסטנ, האָט אַ גרויסנ באַטײַט...

אָנהייבנדיק פונ הײַנטיקנ טאָג, גייענ מיר איבער צו אַ פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק. הײַנט באַנאַכט גייענ אַרויס אַפ אַרבעט צוויי קאַמפּס־גרופנ. זיי האָבנ צוויי אויפגאַבנ: אויסשפּירונג אונ דעראָבערונג געווער. געדענקט, אַז דאָס קורצע געווער האָט נישט פאַר אונדז קיינ באַדײַטונג. מיר באַנוצנ עס זעלטנ. עס זײַנענ אונדז גוואַלדיק נייטיק: גראַנאַטנ, ביקסנ, קוילנוואַרפער, אופרײַס־מאַטעריאַלנ.

עס זײַנענ נישטאָ קיינ ווערטער צו באַשרײַבנ, אינ וואָס פאַראַ באַדינגונגענ עס לעבנ איצט ייִדנ אינ געטאָ. בלויז יעכידימ וועלנ דאָס אויסהאַלטנ. אַלע אַנדערע וועלנ פריִער אָדער שפּעטער אומקומענ. זייער גוירל איז געכאַסמעט. קימאַט אינ אַלע מאַלינעס, אינ וועלכע עס באַהאַלטנ זיכ אויס טויזנטער מענטשנ, קאָנ מענ נישט אָנצינדנ קיינ ליכט, ווײַל עס פעלט לופט.

זײַ געזונט, מײַנ טײַערער! עפשער וועלנ מיר זיכ נאָכ טרעפנ. דער טרוימ פונ מײַנ לעבנ איז פאַרווירקלעכט געוואָרנ. די ייִדישע זעלבשוץ אינ געטאָ איז געוואָרנ אַ פאַקט. דער ייִדישער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אונ די ייִדישע נעקאָמע האָבנ באַקומענ רעאַלע פאָרמענ. איכ בינ געווענ אַנ איידעס פונ אַ פּרעכטיקנ, העראָישנ קאַמפּ פונ די ייִדישע אופשטענדלער.

געטאָ, דעמ 23-טנ אַפּרעל 1943.

מאָרדכע אַניעלעוויטש.

אראנק דעם מעסירעסנעפעש פונעם יידישן מיידל פאניע בעא-טום איז דער דאָזיקער דאָקומענט דערגאַנגען צו אונדז, איבער-געבנדיק די לעבן-געבליבענע דעם הייסן אָטעם פון יענע טראַגישע טעג, פון יענעם העראָישן געראַנגל, א גרוס פון די, וואָס האָבן זייער לעבן געשטרעקט פארן פאָלק, פאר אונדז.

* * *

די דײַטשן האָבן מער נישט געכויזעקט. איבער וואַרשע האָבן זיי צעהאנגען שרײַיקע פלאַקאַטן: „דער פײַנט וועט ווערן אויסגע-ברענט!" „אדאָלף היטלערס סאָלדאַט איז אומדערשראָקן!" די היט-לעריסטישע צײַטונגען זײַנען אַרויס מיט נישט געענדיקטע מעסעס, אז די געטאָ איז פול מיט פעסטונגען, וועלכע זײַנען אויסגעבויט געוואָרן נישט בלויז דורך יידן, נאָר אויך דורך פּאָליאַקן „שאַבעס-גוייִם", אז מיטן קאמף פון די יידן פירן אָן דײַטשישע דעזערטירן און ספּעציעל צוגעשיקטע אינסטרוקטאָרן פון מאָסקווע, אז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל בעשוטפעס מיט דער יידישער וועלט-פּלו-טאָקראַטיע האָבן דורך לופט-דעסאַנטן אראָפּגעלאָזט געווער — נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס די דײַטשישע בראַווע סאָלדאַטן האָבן אזעלכע שווערינקייטן באַם דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, אָבער זיי, היטלערס סאָלדאַטן, זײַנען גרייט מאַקריוו צו זײַן זיך און ראַטעווען דאָס קריסטלעכע פוילן פון דער „זשידאָ-קאָמונאַ". הארוכעוויטשעס פאַלאַנגע-בלעטלעך האָבן איבערגעמאָלעגיירעט געבעלסעס שעקער-פּראָפּאַגאַנדע. דאָס אילוסטרירטע בלאַט „די וואָכע" איז אַרויס מיט שרעק-בילדער פון יידן וואַמפּירן, וועלכע ווילן אײַנשלינגען די קריסטלעכע וועלט און געפינען זיך אַצינד אין די געטאָ-מויערן [1].

צוזאַמען מיטן פּראָפּאַגאַנדע-שטורעם האָט גענעראַל פאָן-שטראָאָפּ צוגעלאָזט אָן עמעסן אַרטילערישן שטורעם אף דער געטאָ. לויט אַלע קלאָלים פון מיליטערישער טאַקטיק איז די געטאָ באַלאַגערט געוואָרן, פּונקט ווי עס ווערט באַלאַגערט א פעסטונג. אין דרײַ פּונקטן, פון פאַרשיידענע זײַטן אַרום יידן-ראַיאָן זײַנען אַרויסגע-קײַקלט געוואָרן באַטאַרייעס שווערע אַרטילעריע. די האַרמאַטן זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן פון איין זײַט אפן קראַשינסקי-פּלאַץ, פון דער צווייטער זײַט אפן אַלט-שטאָטישן פּלעצל פאַר דער קירכע פון

---

1 יאַסטרוב.

הייליקן יאַן, און פון דער דריטער — פּאַרן דאַנציגער וואָקזאַל[1].
אין א דריַיעק פון פּײַער און דינאַמיט האָט פּאַן-סטראָאָפּ אַרומגע-נומען די געטאָ. אין איין צײַט האָבן זיך צערעוועט די האַרמאַטן איבער שוויענטאָיערסקע, נאַלעווקעס, מוראַנאָוו. איבער אַלע גאַסן און געסלעך פון דער געטאָ זײַנען מיט ווייענדיקער סווישטשערײַ גע-פלויגן אַרטילערישע סנאַריאַדן, געבראָכן איין יידישע פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, צעשפּאָלטן הײַזער, צעטראַסקעט מויערן, אונטערגע-צונדן גאַנצענע בלאָקן.
אין געטאָ אַרײַן האָט פּאַן-סטראָאָפּ נישט געשיקט קיין איין סאָלדאַט. איצט האָט דער סוינע געלאַכט פון די אָרעמע אופשטענד-לער. איצט האָט דער דײַטשישער סאָלדאַט נישט מוירע געהאַט פאַר א גראַנאַטע, וואָס פליט פון א בוידעם-לאָך. זיכער און לוסטיק זײַנען פריצן געשטאַנען בא די באַטארייעס, מיט גראַציע אונטער-געטראָגן די בלישטשענדיקע סנאַריאַדן און געשיקט טויט אינעם האַרץ פון דעם קעגנער. עס האָבן זיך איבערגעכאַזערט — מיט נאָך מער שוידער און גרויל — די סצענעס פון יענער סענטיאַבער-נאַכט 1939, ווען די מערדערישע אַרטילעריע-באָמבאַרדירונג האָט געצווונ-גען וואַרשעס פאַרטיידיקער צו קאַפּיטולירן. פּאַן-סטראָאָפּ איז געווען זיכער: באַלד וועלן זיך ווײַסע שטיקער לײַוונט באַווײַזן אַף די דעכער פון דעם באַלאַגערטן ראַיאָן, וואָס האָט שוין אין פאַרשיי-דענע ערטער געברענט.
און קעדיי די סימכע זאָל זײַן א פולע, האָט א צווייטער גע-נעראַל, וואָס איז ספּעציעל געקומען „צוגאַסט" פון לובלין, ד'ער עסעס-און פּאָליציי-פירער גלאָבאָצניק, אײַנגעלאַדן די באַפעלקערונג צום ספּעקטאַקל אַף די פּלעצער, ווו עס זײַנען געשטאַנען די שטאָל-שפּײַענדיקע האַרמאַטן — זאָלן זיי האָבן אַן אומזיסטן טעאַטער, זאָלן זיי זען א בילד פון אַן עמעסער פראָנט-אָפּעראַציע, זאָלן זיי זיך פרייען, זעענדיק מיט די אייגענע אויגן, ווי עס וואַלגערן זיך אײַן די הײַזער פון געטאָ. א האַמוין פון אונטערוועלט-טיפּן, פון אַל-פאָנסן און זוינעס, פון גאַסן-כוליגאַנעס און זאַאָלאָגישע אַנטיסע-מיטן האָבן זיך געשלעפּט צום קראַשינסקי-פּלאַץ, מיט כניפע צוגע-געבן די אַרטילעריסטן מוט און אָפּן קאָל אויסגעדריקט באַוווּנדערונג, וואָס אַזויפיל שיינע געבײַדעס און זעק מיט גאָלד — יידן זײַנען

1 לויט דעם באַריכט פון יידישן וועלט-קאָנגרעס אין אַמעריקע.

דאָך קוירעך־רײַך — װערן פאַרלאָרן. די האַנקרײַץ־ריטער װינקען װוּליונגעריש צו די זוינעס, רימען זיך מיט די טרעפּלעכע שאָסן.

און מיטאַמאָל — פֿון אַ זײַטיקן פענצטער פאַלט אַ זאַלפּ. באַלד ענטפֿערט אַ צװײטער פענצטער. די קוילן פאַלן צװישן דער אַרטי־לערישער מאַנשאַפֿט, צװישן דעם האַמוינ אונטערװעלט־לײַט. די סימכע איז צעשטערט. פּאָליציי לויפֿט צו דעם הויז, פֿונװאַנען עס זײַנען געפֿאַלן די זאַלפּן. אַ „ריינ־אַריש" הויז איז אַ „ריינ־אַרישער" גאַס.

גלאָבאָצניק באַנוילט טײַקעף־אומיאַד ליידיק מאַכן דעם פּלאַץ. עס פאַלן װײַטער שאָסן. „דיװערסיע" — שרײַען די דײַטשישע אָפּי־צערן. די צעהיצטע גאַסן־פּרויען, די אויסגעפּראַנטעװעטע אַלפאָנסן, די פֿאָלאַנגע־לײַט װערן פאַנאַנדערגעטריבן דורך די זעלבע עלעגאַנטע עסעס־לײַט, װאָס האָבן פֿריִער צו זיי אַזוי שטיפֿעריש געשמייכלט.[1]

די נאַציסטיש־פֿאַלאַנגיסטישע סימכע איז צעשטערט געװאָרן דורך אַ קאַמפֿס־גרופּע פֿון פּױלישע אַנטיפֿאַשיסטן, װעלכע זײַנען געקומען צו הילף די ייִדישע אופֿשטענדלער. דאָס איז געװען אַ קאַמפֿס־גרופּע פֿון דער פאָלקס־גװאַרדיע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם קאָמענדאַנט רישאַרד (באָלעסלאַװ קאָװאַלסקי). בײַם דעם צו־זאַמענשטויס, װאָס האָט זיך דערנאָך פֿאַרקניפּט צװישן די גװאַר־דיסטן און די דײַטשן, זײַנען מיט אַ העלדן־טויט געפֿאַלן צװיי פּױלישע פֿרײַהײַטס־קעמפֿער, צװיי איבערגעגעבענע פֿרײַנט פֿון די ייִדישע אופֿשטענדלער — דער קונסט־מאָלער זיגמונד באָבאָװסקי און דער קונסט־קריטיקער פֿראַנצישעק באַרטאָשעק. ביידע האָבן זיי פֿון לאַנג געהערט צום קרײַז פֿון פּראָגרעסיװע קינסטלער און זײַנען געװען צונויפֿגעװאַקסן מיט דער פּױלישער רעװאָליוציאָנערער באַװעגונג. עטלעכע טעג פֿאַרן אומקום האָט זיגמונד באָבאָװסקי געזאָגט צו זײַנע פֿרײַנט: „קאַמף פֿאַר פֿאַרטיידיקן די געטאָ איז אונדזער איי־גענער קאַמף!"[2]

באָבאָװסקי און באַרטאָשעק זײַנען נישט געװען די איינציקע פּראָגרעסיװע פּאָליאַקן, װאָס האָבן געשטרעקט זייער לעבן, פֿאַר־טיידיקנדיק זייערע ייִדישע מיטבירגער. אויף די פּאָזיציעס אַרום דער געטאָ האָט זיך צונויפֿגעמישט דאָס בלוט פֿון די ייִדן מיטן בלוט פֿון ערלעכע און מוטיקע פּױלישע פֿרײַהײַטס־קעמפֿער.

---

1 „גלאָס װאַרשאַװי".

2 מ. בערמאַן — זיכרונות.

* * *

אפצומאָרגנס האָבנ די גענעראַלנ איבערגעריסנ די אַרטילערישע באָמבאַרדירונג. זײ האָבנ גערעכנט: די ייִדנ זײַנעג שוינ געגוג אָנגעשראָקנ. סטראָאָפּ האָט געשיקט א טײל סאָלדאטנ אינ געטאָ אַרײַנ.

אונ ווידער האָבנ זיך פארקניפּט גאסנ-שלאַכטנ. דער קויעך פונ די אופשטענדלער איז שוינ שוואַכער געווענ, זײער קאַמפ איז געוואָרנ אַלצ מער א פאַרצווייפלטער, אָבער עס איז געוואַקסנ די פארביסנקײַט, די אקשאָנעס. ווענ מע האָט מער נישט געקענט באַשיסנ די אַרײַנדרינגענדיקע דײַטשנ פונ די פענצטער, מאַכמעס די סרייפע האָט זיך דערנעענטערט מיט א מוירעדיקער שנעלקײַט, זײַנעג די קעמפער אַרויס אינ גאס, זיך געוואָרפנ אינ דירעקטער שלאַכט. ווענ אַלצ גרעסערע צאָלנ דײַטשנ האָבנ אָנגעשפּאַרט אפ די הײַזער, זײַנעג די אופשטענדלער אַרופ אפנ שטאָק אונ פארטײדיקט יעדנ גאָרנ, יעדנ טרעפּ, דערנאָך געשפּרונגענ דורך הינטערוועגנ אינ שכײנעסדיקע הויפנ אַרײַנ [1]. פריער האָבנ זיך פארטײדיקט גאסנ, דערנאָך בלאָקנ אונ הײַזער, שפּעטער האָט מענ געקעמפט פאר יעדנ שטאָק. פארביסנ האָבנ זיך פארטײדיקט די גרענעצ-גאסנ. אַרויסגעשטויסענע פונדאַנענ, זײַנענ די קעמפער אוועק אפ די נאַלעווקעס. לאַנג האָבנ נישט צוגעלאָזט דעמ סוינע די גרופּנ פונ נאַלעווקעס 33 אונ 35, פונ זאַמענהאָפ 29, פונ מילע 19 אונ 39 [2]. אונ אַזוי ציט זיך די אופרעגנדיקע שפּיל. אַלעמאָל שפּרינגט די סאָקאָנע אַרויס פונ אנ אַנדער זײַט, פונ הינטער א צווייטנ ראָג. דער שטאַב פונ אופשטאַנד איז געפאַלנ אפ א האַמצאָע. די קעמפער בינדנ אַרומ די פיס מיט שמאַטעס, זײערע טריט הערט נישט קײנער, אונ זײ דערשײַנענ פּלוצלינג, שלײַדערנ אינ די דײַטשישע גרופּנ דינאַמיט אונ פארשווינדנ. דער לײטענאַנט פלעכער איז נעבעכ אַרײַנגעפאַלנ. ער האָט אינ עק גאַס געזענ א גרופּע דײַטשישע סאָלדאטנ — אינ שטאָלענע העלמענ א נ רײַכסווער-מונדירנ. ער האָט זיך דערנעענטערט צו די פאָלקס-גענאָסנ. ער האָט זיך אָבער מיעס אָפּגענאַרט. יענע האָבנ געעפנט א פײַער; נישט קײנ דײַטשנ זײַנענ דאָס געווענ, נאָר ייִדנ, פארשטעלטע פאר רײַכסווער-זעלנער.

---

1 גוויִעס-איידעס פונ דײַטשישנ קריגס-געפאנגענעמ לײטענאַנט יאָהאַנ פלעכער אינ לאַגער נומ. 8, פּססר.

2 מ. עדעלמאַנ.

די גרופּן, וועלכע אַניעלעוויטש האָט יענע נאַכט געשיקט אַף אַרבעט, זײַנען נישט צוריקגעקומען מיט לײדיקע הענט. זיי האָבן בּישלימעס אױסגעפּילט די אױפגאַבע, וועלכע דער שטאַב האָט אַף זיי אַרױפגעלײגט. זיי האָבן זיך אַרײַנבּאַקומען אין דײַטשישע סקלאַדן סײַ אין געטאָ סײַ אין שכײנעס, אָװעקגעלײגט די צײטומלטע וואַך און צוגענומען געווער, קאַסקעס, מונדירן.

די יונגע קעמפער זײַנען נישט געקוקט אַפן שרעקלעכן כורבּן, וואָס עס האָבן געמאַכט די מערדערישע סנאַריאַדן, נישט אַראָפּגעפאַלן בּאַ זיך; יעדער נײַער היטלערישער האָרוג האָט בּאַ זיי אַרױסגערופן אַ קוואַל פון היסלײַוועס. דער שטאַב האָט אָבער פאַרשטאַנען: נאָך אײן אַרטילערישער שטורעם, און די לאַגע וועט ווערן נאָך שווערער, נאָך האָפענונגסלאָזער. בּלויז אײן מיטל קען עפּשער אַ בּיסל לײַכטער מאַכן דעם אײַזערנעם קלעם, קען לאָזן די ייִדן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און עפּשער אױך בּאַגינסטיקן דאָס אַרױסבּאַקומען זיך פון דער בּאַ-לאַגערונג-רײף — אַ שטאַרקער קאַמפּס-אױפשטײַג אַף „יענער״ זײַט, אין רוקן פונעם סױנע, אין פּױלישן ראַיאָן.

ווידער האָט דאָס העלדישע מײדל פאַניע בּעאַטוס, די קוריערן פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, אַרײַנגעשטעקט אין בּוזעם אַ בּריוו און אים אָוועקגעטראָגן „אַהין״. געווען איז דאָס, אײגנטלעך, נישט קײן בּריוו, נאָר אַן אױפרוף צום פּױלישן פאָלק:

„פּאָליאַקן, בּירגער, פרײַהײַט-זעלנער!

אינעם קנאַל פון האַרמאַטן, פון וועלכע די דײַטשישע אַרמײ האַקט אין אונדזערע הײַזער, אין די ווײגונגען פון אונדזערע מוטערס, קינדער און פרויען;

אין דער קלאַפּערײַ פון קױלנוואַרפערס, וועלכע מיר רײַסן אַרױס אין קאַמף בּאַ זשאַנדאַרן און עסעס-לײַט;

אינעם רויך פון סרײפעס און שטױב פונעם בּלוט פון דער גע-מאָרדעטער וואַרשעווער געטאָ, שיקן מיר — די אַרעסטאַנטן פון געטאָ — אײַך איבּער אונדזער בּרידערלעכן, האַרציקן גרוס.

מיר ווייסן, אַז מיט האַרץ-ווײטעק און מיטגעפיל-טרערן, מיט בּאַוווּנדערונג און אומרו פאַרן אױסגאַנג פון דעם קאַמף קוקט איר זיך צו צו דער מילכאָמע, וועלכע מיר פירן זינט לאַנגע טעג מיטן אַכזאָ-ריעסדיקן אָקופּאַנט.

אָבּער איר זעט אױך, אַז יעדער שוועל פון געטאָ איז בּיז איצט געווען און וועט אױך ווײַטער זײַן אַ פעסטונג, אַז מיר קענען אומקומען

אין דעם קאַמף, אָבער מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן, אז מיר אָטעמען — אזוי גוט ווי איר — מיטן דורשט פון נעקאָמע און פון שטראָף פאר אלע רעציכעס פון דעם געמיינזאַמען סוינע.

עס גייט א קאַמף פאר אייער און אונדזער פרייהייט;

פאר אייער און אונדזער מענטשלעכער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ווירדע און קאָוועד.

מיר וועלן זיך נוקעם זיין פאר די פארברעכנס פון אָסווענטשים, טרעבלינקע, בעלזשיץ, מיידאַנעק.

זאָל לעבן די ברודערשאַפט פון געווער און בלוט פון קעמפנדיקן פוילן!

זאָל לעבן די פרייהייט!

א טויט די טאַליאָנים און פּייניקער!

זאָל לעבן דער קאַמף אַף לעבן און טויט מיטן אָקופּאַנט!

יידישע קאַמפס-אָרגאַניזאַציע".

מיט א פּראַקטישער ווענדונג אויפצוהייבן א מערידע אין דער פוילישער ווארשע האָט זיך צו דער פוילישער אונטערערד געווענדט א שליכעס פון די יידן. די פאָרשטייער פון די קויכעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אַף דער פויליש-עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן, האָבן געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער: עס וועט נישט געלינגען, די צייט און די אומשטענדן זיינען נאָך צו אַזא אַרויסטריט נישט רייף [1].

בלויז די לינקע, די פּראָלעטארישע עלעמענטן האָבן זיך אָפּגערופן ווי ברידער. אָבער אין יענער צייט זיינען נאָך זייערע קויכעס אין ווארשע געווען שוואַך. די לעצטע געווער-זאַפּאַסן האָבן די פוילישע ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעשיקט אין געטאָ, אין פאַרשיידענע ערטער דורכגעפירט, אונטער דער אָנפירונג פון אַלעקסאַנדער קאָוואַלסקי און קאַזשיק דעמביאַק דורכגעריכן דעם באַלאַגערונג-קאָרדאָן פון שופּאָ און א סאַך יידישע מישפּאָכעס פון דער אייזערנער רייף אַרויסגעשלעפּט. הייליקנדיק אין קאַמף די דערהויבענע אידייען פון פעלקער-פאַרברידערונג, פאַרטיידיקנדיק זייערע יידישע מיטבירגער און דעם קאָוועד פון פוילישן פאָלק, זיינען די פאָלקס-גוואַרדיסטן סטשעלעצקי און וואַשטשינאַ געפאַלן מיט א העלדן-טויט בא די געטאָ-מויערן [2].

---

1 לויטן באַריכט פון יידישן וועלט-קאָנגרעס אין אַמעריקע.

2 קאָוואַלסקא.

איבער די מויערנ פונ ווארשע האָבנ די פוילישע פרײַהײַטס-קעמפער פאנאנדערגעקלעפּט א קורצנ אופרופ:

„פּאָליאקנ! די דײַטשנ האָבנ ארויסגעגעבנ א טויט-אורטייל אפ די לעצטע דרײַסיק טויזנט ייִדנ אינ דער ווארשעווער געטאָ. דעם ווידערקאָל פונ דער שיסערײַ הערט מענ אינ אײַערע הײַזער. ברויענ אונ קינדער פארטיידיקנ זיך מיט ליידיקע הענט. אײַלט מיט הילפ![1]"

* * *

אומזיסט האָט דער שטאב פונ די אופשטענדלער אינ דעם טיפנ קעלער-בונקער אפ נאלעווקעס געווארט אפ א ברייטער אקציע אינ דעם פוילישנ ראיאָנ. די אופשטאנד-פירער האָבנ דורך דעם ראדיאָ-אפּאראט אופגעכאפּט אפ די לאָנדאָנער עטער-כוואליעס די שטימ פונ גענעראל סיקאָרסקי, דעם ראָש פונ דער פויליש-עמיגראנטישער רעגירונג. דער ליבעראלער גענעראל האָט אויסגעדריקט מיטגעפיל די ייִדישע קעמפער, ער האָט גערעדט וועגנ קריסטלעכער ראכמאָנעס, ער האָט גערופנ זײַנע אָנהענגער אינ אָקופּירטנ פוילנ אויסצושטרעקנ א האנט פונ הילפ די גערוידעפטע ייִדנ. קיינ זאכלעכע באפעלנ, קיינ מאמאָשעסדיקע הילפס-אינסטרוקציעס זײַנענ אָבער פונ אימ ניט געקומענ. סיקאָרסקיס אפּעל צו די קריסטלעכע ראכמאָנעס-געפילנ האָט א שוואכנ אָפּקלאנג געהאט צווישנ די, מיט וועלכע עס האָט אינ אונטערערד פּראקטיש געקאָמאנדעוועט דער גראפ אונ קאוואלעריע-גענעראל באָר-קאָמאראָווסקי.

קיינ הילפ איז נישט געקומענ. קיינ דיווערסיעס אינ רוקנ פונ סוינע זײַנענ נישט אויסגעבראָכנ.

בלויז די כאווײרימ פונ וויעסלאוו גאָמולקאָ, די גווארדיסטנ פונ באָלעסלאוו קאָוואלסקי, די פרײַנט פונ סטעפאניא סאוויצקא האָבנ זיך אָפּגערופנ אפנ רופ פונ דער ברענענדיקער געטאָ. מיט זייער הילפ האָבנ די ייִדנ ווײַטער געפירט דעם טראגישנ געראנגל.

באנאכט, ווענ עס האָט זיך אײַנגעשטילט די ארטילערישע קאנאָנאדע, זײַנענ ווידער פונ אונטער דער ערד ארויס די ייִדישע קאמפּס-גרופּנ. דער באפעל פונ שטאב איז געווענ: אפ די סרייפעס אונ כורבנס, וואָס עס האָבנ גוירעמ געווענ פאָנ-סטראָאָפּס סנאריאדנ, וועלנ מיר ענטפערנ מיט סרייפעס אונ צופרײַסנ פונ דײַטשישנ האָב-

---

1 דאָרטנ.

און-גוטס; אונטער די צעטראסקעטע ווענט פון איינגעפאלענע הײַזער זײַנען לעבעדיקערהייט באגראָבן געוואָרן הונדערטער און טויזנטער יידישע זקיינים, פרויען און קינדער, וועלן מיר מיט דער זעלביקער מאטבייע אָפּצאָלן דעם סוינע.

נאָך האלבער נאכט האָבן די דײַטשישע וואכן, וועלכע האָבן געדיכט ארומגערינגלט די געטאָ און פּאטרולירט אין אלע שכייניש געסן, אין דער גאנצער שטאָט, זיך שטארק פארכידעשט: עס האָבן געזעצט צונגען פייער און סלופּן רויך גישט נאָר איבערן באלא-גערטן יידן-ראיאָן; א פייער האָט פלוצלינג ארויסגעזעצט פון די געביידעס מיכוץ דער געטאָ, פון די ביניאָנים, ווו עס האָבן זיך געפונען עכט-דײַטשישע אינדוסטריע-אונטערנעמונגען. מיט די דאָזיקע פארטיזאנישע אָנפאלן האָבן אָנגעפירט הענריק זילבערבערג, פאוועל, טעוויע באָזשיקאָווסקי אא.

עטלעכע צענדליק דײַטשישע פאבריקן, סקוירע- און רוישטאָפּ-לאגערן זײַנען יענע נאכט אופגעריסן געוואָרן דורכ די יידישע נעקאָמענעמער. עס זײַנען אוועק מיטן רויך אלע מאגאזינען פון דער דײַטשישער „ווערטע-פערפארונג" — די סקלאַדן פון שפייז און מאלבושים פון דער דײַטשישער מיליטערישער מאכט אין צאָפנדיקן ראיאָן פוןווארשע; עס איז אופגעריסן געוואָרן די פאבריק פון מאטראצן פאר שפיטאָלן, פון סאָלדאטישע שיך, פון לעדערנע פאסן. אונטער ציוויע לובעטקינס אָנפירונג זײַנען דעמאָלירט געוואָרן די דײַטשישע מעבל-סקלאַדן. די אופשטענדלער האָבן פארניכטעט דײַ-טשיש פארמעגן אין דער ווערט פון צענער מיליאָנען רײַכסמארק [1].

א צווייטע נאכט האָט א שטורעם-גרופּע פון דער יידישער קאמפס-אָרגאניזאציע געמאכט א דרייסטע עקסקורסיע ווײַטער מיכוץ די געטאָ-מוירן. ארויסבאקומענ זיך אפ דרויסן אין דער צאָפן-זײַט פון דער באלאגערונג, האָבן די יידן זיך אדײַנגעריסן אין דעם ארסענאל פון געסטאפּאָ, וואָס האָט זיך געפונען בא די פאָרטן אפ דעם אָפּשניט צווישן די ראיאָנען מוראנאָוו און זשאָליבאָזש. אויס-געשאָכטן די וואכ ביז איינעם, האָבן די נעקאָמענעמער פארכאפּט, וויפל עס האָט זיך געלאָזט, פארשיידענע מינים געווער און אוועק מיט די טראָפייען צוריק אין געטאָ.

ווידער האָט זיך צערעוועט פּאָן-סטראָאָפּס ארטילעריע, הײַזער

1 באריכט פון יִצכאָק צוקערמאן.

האָבן זיך צעקרישלט, מענטשן זײַנען געבליבן ליגן מיט פארגלי-ווערטע ווײַ-געשרייען אפּ פארכאלעשטע ליפּן, און די ייִדישע קעמ-פער, דרייסט און פלינק, האָבן געמאכט באַטאַגיקע און באַנאכטיקע ארויסשפּרונגען, האַגאַם די קױלעס זײַנען וואָס ווײַטער אלץ מער אויסגערונען.

* * *

פון בערלין איז קיין ווארשע אראָפּגעקומען א גרופּע אויסלענ-דישע קאָרעספּאָנדענטן. דער איניען ווארשעווער געטאָ האָט טאָמיד געקיצלט די פאנטאזיע פון די זשורנאליסטן. ווען עס איז אָנגעק-מען די ערשטע ידיעה וועגן דעם, אז די ייִדן האָבן באַגעגנט די זשאנדארן מיט פלעשער בענזין און וויטריאָל, האָבן די פּרעסע-פּאָר-שטייער געשעצט גרינג דעם איניען. געבעלסעס מענטשן האָבן גע-ווײַנלעך מיט כויזעק דערציילט וועגן די ווארשעווער פּייסעוואטע „ייִדלעך", וועגן מאָסקווער אינסטרוקטאָרן און ייִדישע גווירים. איצט איז די זאַך געוואָרן ערנסטער. א געוויסן טאָג האָבן די קאָרעס-פּאָנדענטן, וואָס זײַנען ארײַנגעייער געווען אין געבעלסעס קאנצע-ליאריע, געקענט איבערלייענען דעם פּאָלגנדיקן ראפּאָרט פונעם פּאָ-ליציי-גענעראל גלאָבאָצניק: „די באלאגערונג פון דער געטאָ איז אויסער-געוויינלעך באשווערט. קעדיי צו דערשטיקן דעם אופשטאנד, וועט אויס-קומען צו קעמפן פאר יעדן הויז. די ייִדן פארטיידיקן זיך מיט פארביסנקייט. דער איניען פּאָדערט פון אונדז בלוטיקע קאָרבאָנעס און ערנסטע קױלעס".

דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אנדער שפּראַך.

זײַנען טאקע די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן געוואָרן שטארק טשיקאַווע און זיך אראָפּגעכאפּט קיין ווארשע צו זען מיט די איי-גענע אויגן די נײַסטע סענסאציע.

אראָפּגעקומען זײַנען די יענע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס האָבן געקענט צו יענער צײַט זײַן אין דײַטשלאנד — עטלעכע איטאַליענער, א פינער, אַן אונגאר און איינער א נייטראלער — פון דער שוועדישער פּרעסע. באגלייט האָט זיי א פאָרשטייער פון דעם פּרעסע-אמט בא דער קאנצעליאריע פון גובערנאַטאָר פישער.

א גאנצן טאָג זײַנען זיי ארומגעקראָכן איבער די דײַטשישע פּאָזיציעס ארום דער באלאגערטער געטאָ, זיך פארטשעפּעט אין מיי-סים, וואָס האָבן זיך געוואלגערט אפן ברוק, געאָטעמט ביטן טשאד פון ברענענדיקע הײַזער, געזען די קאמפּס-פענער, וואָס האָבן א פלאטער

12*

געטאָ פון צײַט צו צײַט איבער די הויכע בנינים, וועלכע זײַנען נאָך נישט אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורכן פײַער. אַף וועגלעך, וועלכע עס האָבן געשלעפּט אָרעמע סטודענטן ריקשעס, זײַנען זיי אַרומגעפּאָרן די שטאָט, באַמערקט, אַז די שיינע וואַרשע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין מיליטערישן לאַגער, געזען, ווי זשאַנדאַרן שלעפּן פון „אַרישע" הײַזער פּאַליאַקן, פאַרדעכטיקע אין אונטערערדישער טעטיקייט. ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָבן זיי זיך פאַרמאַכט אין די האָטעל-צימערן; פּישערס אַדיוטאַנט האָט זיי געײַצעט פאַרברענגען דעם אָוונט אין שטוב און זיך נישט שלעפּן איבער די גאַסן, ווײַל אין אַזאַ אומרויִקער צײַט קען אַלץ געשען — די ייִדישע כוצפּע האָט נישט קיין גרענעצן. די קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך געגומען צו דער פעדער. זיי האָבן פאַרשריבן דאָס, וואָס עס האָט זיי צווישן איין קופּל ביר און דעם צווייטן אונטערגעזאָגט דער דײַטשישער פּראָפּאַגאַנדע-מײַסטער. בלויז איינער פון זיי, דער איטאַליענער לוידושי פּוטשיאָ, האָט זיך אויסגעטײלט פון דעם שאַבלאָן און פאַרצייכנט אָט וואָס:

„דער איבערבליק איז פאָרגעקומען אַף די גרענעץ-גאַסן פון געטאָ, וועלכע עס האָט כּמעט געמאַכט די דײַטשישע אַרטילעריע און וועלכע זײַנען דערנאָך פאַרנומען געוואָרן דורך די דײַטשישע פּוסגייער. איבער די רויִנען ציִען זיך סלופּן רויך. אַ סאַך צעטראַסקעטע געבײַדעס זײַנען נאָך אַרומגענומען דורך פלאַמען. אַף די גאַסן צווישן בערג ציגל, באַלקנס און קופּעס מיסט, וואַלגערן זיך די קערפּערס פון געהאַרגעטע ייִדן און דײַטשן. עס איז שווער זיך פאַנאַנדערצוקלײַבן, וועלכער איז אַ ייִדישער מעס און וועלכער אַ דײַטשישער. וואָרעם ס'ראָוו זײַנען די אויפשטענדלער אָנגעטאָן אין מונדירן פון רײַכסווער-סאָלדאַטן.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען, האָט אונדז דערקלערט דער דײַטשישער פאָרשטייער, אונדזער באַגלייטער, איז שווער איצט, אין פּײַער פון קאַמף, אָפּצוגעבן מיליטערישן קאָוועד די געפאַלענע דײַטשישע זעלנער.

דער קאַמף פאַר די גאַסן האָט געטראָגן אַ פאַרביטערטן, פאַרעקשנטן כאַראַקטער. די דײַטשן האָבן זיך געמוזט שלאָגן פאַר יעדן הויז. אָפט האָט די דעראָבערונג פון איין הויז געקאָסט אַ בלוטיקן אָנשטרענג פון אַ סאַך שאָען.

נאָכן איבערבליק האָט דער פאָרשטייער פון פּראָפּאַגאַנדע-אַמט אײַנגעלאַדן די געסט אין אַ ביר-שענק, וואָס געפינט זיך נישט ווײַט פון געטאָ. ביר האָבן געטרונקען קאַלטן, שוימיקן ביר פון דער וואַר-

שעוועער פירמע „האבערבוש און שילע״. דער דײַטשישער פאַר־שטייער האָט געשווירן, אַז דאָס דריטע רײַך וועט זיך אַן אײַצע געבן מיט דער מערידע פון די ייִדן, אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַפילע אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש און אויסגערופן:

„דער איינציקער וועג ארויסצורײַסן דעם דאָזיקן טײַוולאָנישן זוים מיטן וואָרצל איז אויסצוראָטן אַלע אײַנוווינער פון געטאָ און פאַרברענען ביזן גרונט אָט די געפערלעכע נעסט פון מערידע״ [1].

6

די געטאָ אין פלאַמען

„אין פראָנטאַלער אַטאַקע איז די געטאָ געווען נישט צו דעראָ־בערן!״ — אַזוי האָט אין יענע טעג אָפּגעשאַצט די לאַגע דער הויפּט־אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי „טריבונאַ וואָלנאָשטשי״ (די טריבונע פון דער פרײַהײַט). דאָס האָבן געוווּסט נישט בלויז די פרײַנט. דאָס האָבן געזען אַפילע די סאָנים. גענעראַל פאָן־סטראָאָפּ האָט געזען, אַז אַפילע די אַרטילערישע באָמבאַרדירונגען קענען נישט ליק־ווידירן דעם ווידערשטאַנד. האָט ער נאָך נײַן טעג קאַמף, נאָך נײַן טעג טאַנקען־אָנגריפן, האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע, באַלאַגערונג באַשלאָסן אָנווענדן דעם סאַמע ווירקזאַמען מיטל—אַוויִאַציע.

אונטער דער פּלאַצערײַ פון באָמבעס און קראַכן פון הײַזער איז אָנגעקומען דער ערשטער מײַ, דער יאָמטעוו פון פרילינג, פון אַר־בעט, פון פעלקער־פאַרברידערונג. דער ערשטער מײַ, וואָס איז זינט צענדליקער יאָרן געוואָרן אין דער אַרבעטער־וואַרשע אַ געגאַרטער, טײַערער, היימישער יאָמטעוו. אין די ערגסטע צײַטן אין געטאָ האָבן ייִדישע אַרבעטער געפײַערט דעם יאָמטעוו, וועלכער האָט זיי דערמאָנט אין דעם, אַז זיי זײַנען נישט עלנט, נישט פאַריאָסעמט, אַז דורך אינערלעכע פעדעם זײַנען זיי פאַרבונדן מיט דער וועלט, מיט פעלקער ברידער.

„דאָס יאָר וועלן מיר נישט פײַערן דעם ערשטן מײַ אין גאַסן־מאַניפעסטאַציעס, — האָבן געשריבן די געטאָ־קעמפער אין זייערן אַן אויפרוף. — אין קאַמף אויף די פּאָזיציעס וועלן מיר פראַווען דעם אַר־בעטער־יאָמטעוו״.

---

1 לויט דער צײַטונג „פּאָלסקאַ״.

דאָס איז אָבער געווען אַ פאַטאַלער טאָג, אָן איבערבר[illegible] דער לאַגע, דער אָנהייב פון דער גוואַלדיקער אויבערמאַכט פונעם סוינע. אַ גאַנצע עסקאַדריליע שוואַרץ־באַציילעמטע באָמבאַרדיר-אַעראָ-פלאַנען פון דער פירמע הענקעל האָט פאַרשטעלט דעם הימל פון געטאָ. אַף די גאַסן, אַף די הײַזער, אַף די פּאָזיציעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מאַבל פון צינד-באָמבעס און צעשטער-באָמבעס. די לופט-באָמבאַרדירונג איז געווען אַ פלאַנמעסיקע, קיינער איז נישט בעיעכוילעס געווען איר צו שטערן. די לופט-פּיראַטן האָבן אונטער-געצונדן און געקרישלט איין הויז נאָכן צווייטן, איין גאַס נאָך דער אַנדערער.

איינצײַטיק האָט פאָן-סטראָאָפ געגעבן אַ באַפעל, און עס האָבן זיך צעקנאַלט די האַרמאַטן אין דעם דרײַעק אַרום דער געטאָ. פון אַלע זײַטן איז אונטערגעצונדן געוואָרן דער יִדישער וווין-ראַיאָן. איינע ריזיקע סרייפע האָט אַרומגעכאַפּט די געטאָ. עס האָבן געברענט אַלע הײַזער פון לעשנאָ העט ביז דעם קאַטוילישן צווינטער און פון נאָווינאַרסקע ביז דער סמאָטשע, ביז דער אײַזן-גאַס, ביז די סאַמע זײַטיקע געסלעך[1].

דער כוינע האָט איבערגעהאַקט די וואַסער־ליַיטונג, די ברונעמס, וועלכע די יִדישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט באַצײַטנס אויסגעגראָבן, זײַנען פאַרשאָטן געוואָרן.

אונטערן דרוק פון דעם הוראַגאַן-פײַער פון הימל און פון דעם אַרומיקן דרײַעק זײַנען די אופשטענדלער געצוווּנגען געווען אָפּצו-טרעטן; זיי האָבן פאַרלאָזט די דאָרעם-זײַט און דעם צענטראַלן טייל פון דער געטאָ, דעם אָפּשניט לעשנאָ — נאָוואָליפּיע — נאָוואָליפּקי און די נאַלעווקעס — פראַנצישקאַנער; זיי האָבן פאַרנומען נײַע פּאָזיציעס — אַף דעם אָפּשניט מוראַנאָוו — פּאָוואָנזעק, פאַרן קאַטוילישן צווינטער, און אַף אָקאָפּאָווע, נישט ווײַט פון דעם יִדישן בעסוילעם[2].

אָבער אויך דאָ איז שווער געווען זיך אײַנצוהאַלטן אַף דער אויבערפלאַך.

טאָג-אײַן טאָג-אויס זײַנען איבער דער געטאָ געפלויגן הענקעל-גרופּעס און מערדעריש באָמבאַרדירט די גאַסן, די הײַזער, נישט דורכגעלאָזן קיין איין ביניען. און באַנאַכט, ווען די לופט-פּיראַטן,

---

1 וועסאָלאָווסקי.

2 באַריכט פון יִדישן וועלט־קאָנגרעס.

צופרידענע פונ זייער אָפּגעטאָנענער ארבעט, אינ וועלכער זיי זײַנענ ניט געווענ אויסגעשטעלט אפּ סאקאָנעס ארונטערצופאלנ אונטער בלײַיקנ שפּײַ פונ זעניט-הארמאטנ, האָבנ זיך פארווײַלט אינ פרײלעכע הײַזלעכ, האָט זיכ צערעוועט די ארטילעריע אונ — באם שײַנ פונ ריזיקע רעפלעקטאָרנ — פארענדיקט דאָס, וואָס די לופט-באָמבארדירער האָבנ דורכגעלאָזט באטאָג.

טאָג נאָכ טאָג, אָנ אופהער, האָט געברענט די געטאָ. א שטארקער ווינט האָט זיכ צעבלאָזנ אונ געטראָגנ דעם בראנד-פײַער פונ דאכ צו דאכ, פונ וואנט צו וואנט. פונ אָפענע פענצטער-לעכער האָבנ געזעצט צונגענ פײַער, זיכ געריסנ אפּ וויסטע גאסנ אונ באלויכטנ דעם ברוק, ווו עס האָבנ זיכ געוואלגערט פארקוילטע קערפּערס.

פונ דעם בראנד-פײַער, וועלכנ די קעמפער האָבנ געקענט אנטקעגנשטעלנ בלויז נאקעטע העלדישקײַט, זייערע צעווייטעקטע נעשאָמעס, האָט געשלאָגנ א געפערלעכע היצ. עס איז געווענ סמאליענדיק-הייס ווי אינ א צעגליטנ קאלכ-אויוונ. פונ דער היצ איז זיכ צעגאנגענ דער אספאלט פונ די גאסנ, האָט זיכ צעשמאָלצנ דאָס גלאָז פונ די שויבנ[1].

נאָכ איינ גוואלדיקנ שלאכט-אָנשטרענג, ווי אנ איבערקויעכדיקע פיזישע באוועגונג פאר דער גסיסע, האָבנ אויכגעפירט די העלדישע באָכערים אונ מיידלעכ. אפּ אָקאָפּאָווע, דאָרטנ, ווו דער בראנד-פײַער איז נאָכ נישט דערגאנגענ, האָבנ זיי אָנגעגריפנ די דײַטשישע פּאָסטנס, וועלכע האָבנ זיכ שוינ אפּ גאָרנישט געריכט. די דײַטשנ זײַנענ אנטלאָפנ. באוואָפנטע יידנ האָבנ זיכ פלוצעם באוויזנ אינ די שכייניש גאסנ, ארויסרופנדיק בא איינע אנציקונג, בא אנדערע קלאָלעס. אינ צוויי שאָ ארום האָבנ זיכ דײַטשישע טאנקענ באוויזנ אונ געצוווּנגענ די יידנ אָפּצוטרעטנ, געיאָגט זיי אזש איבערנ בעסוילעם, צוריק אינ געטאָ ארײַנ.

* * *

אינ געטאָ האָט פראנק-אונ-פרײַ געהוליעט דער מאלעכ-האמאָוועס, אומגעשטערט האָט געבושעוועט די פײַער-כטיכיע. טויזנטער מענטשנ, זקיינים, פרויענ, קינדער זײַנענ אומגעקומענ אינ די פלאמענ. לעבעדיקע פאקלענ זײַנענ אינ פארצווייפלונג געשפרונגענ פונ די ברענענדיקע הויכע שטאָקנ. טויזנטער האָבנ די נעשאָמע אויסגעהויכט,

1 סימכע ראָטײַזער — קאמפּס-באריכט.

צעקוועטשטע דורך שווערפֿודיקע אײַנגעבראָכענע הײַזער. קיינער האָט אפֿילו זייער לעצטן געשריי, זייער פֿאַרצווייפֿלטן הילפֿס־רוף, דעם קרעכץ פֿון פֿאַרווונדעטע, דעם כאָרכל פֿון גוויסעסדיקע נישט געהערט.

אין די גאַסן, וואָס האָבן געגרענעצט מיט דער געטאָ, זײַנען אַף דעכער געשטאַנען פֿײַערלעשער אונטער דער וואַך פֿון דײַטשישע זשאַנדאַרן — מיט קישקעס און לעש־מאַשינעס אין די הענט, גרייטע זיך קעגנצושטעלן דער סרייפֿע, אויב זי וועט זיך אַריבערכאַפּן מיכּוח דעם ייִדישן טחום און באַדראָען דעם באַזיץ פֿון די „אַרישע" מענטשן. ערלעכע אַרבעטס־מענטשן זײַנען הילפֿלאָזע געשטאַנען פֿאַר זייערע פֿאַבריקן און וווינ־הײַזער, די אויגן מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן, די אייגענע אָנמאַכט פֿאַרשאָלטן, וואָס זיי קענען די אומגליקלעכע נישט העלפֿן, נישט ראַטעווען. די „אַרישע" גאַס האָט פּלוצעם א ווילדן געשריי געהערט — אַן עלטערע פּוילישע פֿרוי איז פֿון זינען אַראָפּ. איר האַרץ האָט דאָס גרויליקע בילד נישט איבערגעטראָגן [1].

אַפֿן קראַשינסקי־פּלאַץ, דאָרט, ווו פּאַן־סטראָאָפּ האָט אויסגעשטעלט איינע פֿון זײַנע באַטאַרייעס, מיט די פּיסקעס צו דער געטאָ גע־ווענדט, האָבן די היטלעריסטן זונטיק א קאַרוסעל אוועקגעשטעלט. באַם אָפּשײַן פֿון דער שרעקלעכער בראַנד־סרייפֿע האָבן טעמפּ־קעפּיקע מיידלעך זיך אַף הילצערנע פֿערד געהוידעט אונטער קלאַנגען פֿון טאַנץ־מוזיק. עס האָט זיך אויסגעמישט די באָמבעס־פּלאַצערײַ, די שיפּערײַ פֿונעם ריזיקן פֿײַער מיט דער לוסטיקער מוזיק, און אַף די האַרצרײַסנדיקע געשרייען פֿון ברענענדיקע מאַמעס, וועלכע האָבן מיט די אייגענע הענט פֿון פֿײַער־זעצנדיקע פֿענצטער זייערע קינדער אַפֿן ברוק געוואָרפֿן, אַף דעם עכאָ פֿון וויי־געשרייען פֿון לעבעדיקע פֿאַקלען, האָבן פֿאַשיסטישע יונגען און מוידן געענטפֿערט מיט א שפּאָטיקן געזאַנג, אַף אַלע קולעס זיך געריסן, זינגענדיק מיט שי־קערע קולעס פּוילישע און דײַטשישע שונד־לידלעך [2].

* * *

מיט טײַוואָלאָנישער שנעלקײַט האָט דאָס פֿײַער געפֿרעסן אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אַף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער געטאָ. איצט, ווען עס זײַנען געבליבן סקעלעטן פֿון הײַזער, כורוועס פֿון גאַסן,

1 ווסאָלאָווסקי.

2 א. רודניצקי — זיכרוינעס.

ווען די סרייפע האָט זיך פון צענטער אריבערגעטראָגן אין די זײַטיקע געגנטן, האָבן די דײַטשישע גענעראַלן באַשלאָסן, אַז די דירעקטע סאַקאָנע פאַרן פּוסגייער, פאַרן טאַנק איז אַריבער, און זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל: די סאָלדאַטן זאָלן אַרײַנדרינגען אין דעם צע־שטערטן ראַיאָן.

די לופט־פּליִער און אַרטילעריסטן האָבן זיך שוין געמעגט אָפּ־רוען. איצט איז געקומען די צײַט פאַר דער רויבער־בריגאַדע פון דריטן גענעראַל ריינהאַרדט. עמעס, דער רויב איז איצט געווען אַ צווייפּלהאַפטער. דער גרעסטער קאָנקורענט — דאָס פײַער — האָט קימאַט אַלץ פאַרשלונגען. אָבער עס איז געבליבן דאָס נישט ווייניקער אָנ־גענעמע — דער מאָרד.

אַף דזשיקע גאַס, אַף גענשע האָבן זיך אַרײַנגעשאַרט אונטער דער שוץ פון טאַנקען ריינהאַרדטס יידן־פאַרניכטלער. מיט צינד־באָמ־בעס, מיט דינאַמיט האָבן זיי זיך געלאָזט אַף די הײַזער, וועלכע זײַנען קיים אָנגערירט געוואָרן דורך דער סרייפע. זיי האָבן דער־גאַנצט די פאַרוויסטונג, פאַרקײַלעכט דעם כורבן. הינטער זיי האָט זיך געצויגן דער ערעוו־ראַוו פון דער געהילפס־פּאָליציי, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די „שוואַרצע" און, ווי שאַקאַלן, זיך געוואָרפן אַף די טליִענדיקע שטיבער, געקראָכן אין די כורוועס, געשנישטערט און געזוכט, טאָמער געפינט זיך נאָך אַ שטיקל נישט פאַרסאַרפטע רויב.

קעדיי די ליקווידירונג פון דער געטאָ זאָל אַנטשפּרעכן אַלע אָנגענומענע קלאָלים פון פּאָגראָם, האָט ריינהאַרדט געהייסן אַרויס־שלעפּן, ווו עס לאָזט זיך, גאַנצע קישנס און פּערענעס, און אויפ־טרענען זיי. דער כאַלאַל איז פול געוואָרן מיט כמאַרעס פּעדערן, וועלכע דער ווינט האָט פאַנאַנדערגעטראָגן ווײַט איבער דעם געטאָ־טכום. אין מעשעכ פון לאַנגע טעג איז איבער וואַרשע געשטאַנען נישט בלויז דער רייעך פון סרייפע, פון טשאַד, נאָר אויך דער יאַם פּעדערן, וועלכער האָט צײַטנווײַז אַפילע פאַרשטעלט דעם אָפּשײַן פון דעם סרייפע־פײַער [1].

די אָפּ־צערן האָבן אָפּגעגעבן באַפעלן אויפצורײַסן גאַנץ געבלי־בענע הײַזער און קעלערס מיט דינאַמיט, און די זעלנער האָבן די באַפעלן אויסגעפילט מיט פּראָצענט, איבערגעיאָגט איינער דעם צווייטן אין טאָן דעם ווילן פון די שעפן.

1 וועסאָלאָווסקי.

די פולשטענדיקע פאַרטיליקונג פון מענטש און פון זײַן וווּינ-אָרט האָט זיך צעהוליעט פראַנק-און-פרײַ איבערן גאַנצן שטעטל פון דער גויסעסדיקער געטאָ.

7

דער טויט פון העלדן

מיט די לעצטע קויכעס שטעלן זיך ייִדן קעגן דעם צעווילדע-וועטן סוינע און ענטפערן אַפּ טויט מיט טויט.

צוויי הונדערט כופציק קעמפער האָט געציילט עליעזער געלערס פאַ-רייניקונג, די פיר קאַמפּס-גרופּן, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרטיידיקן דעם דאָרעם-טייל פון דער געטאָ, דעם גרענעץ-שטעטל. ווען עס זײַנען געפאַלן די, וואָס האָבן זיך געריסן אין דער פאָדערשטער ליניע, האָבן זיך אַפּ זייער אָרט געשטעלט אַנדערע. די סאַמע ייִנגסטע נעקאָמענעמער, די זעכצני-יאָריקע, זײַנען נישט אָפּגעשטאַנען פון די עלטערע און דערפאַרענע. אַרויסגעשטויסענע פון די פאַזו-ציעס, פון די פאַבריקן-האַלן, האָבן זיך עליעזער געלערס פאַרבי-טערטע שלאַכט-לײַט פאַרנורעט אין אונטערערד, קעדיי שפּעטער ווידער זיך באַווײַזן אין רוקן פונעם סוינע. צוויי וואָכן צײַט נאָכן אויסברוך פונעם אופשטאַנד, ווען די גאַנצע געטאָ איז שוין גע-שטאַנען אין פלאַמען און דער גרונט-ווידערשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן, האָבן זיך פלוצעם אַפּ לעשנאָ, אַפּ אָט דער גאַס, וואָס האָט געגרענעצט מיט די „אַרישע" ראַיאָנען, באַוויזן בעראָש פון זייער מאַכנע געלער, גאָלדשטיין, הערש קאַווע און דאָוויד. אין פאַרביטערטע שלאַכטן האָבן זיי פאַרטריבן די געדיכטע דײַטשישע וואַכן און ווידער אַרופגעצויגן אַפּ די סקעלעטן פון אָפּגעברענטע הײַזער די פאָן פון אופשטאַנד. ביזן לעצטן טראָפּן בלוט האָבן גע-לערס כאַווײרים זיך געראַנגלט מיט די איבערוועגנדיקע קויכעס פונעם סוינע. זיי האָבן געקעמפט ביזן לעצטן און זײַנען געפאַלן אין דעם אומגלײַכן קאַמף. אונטער אַ קופּע צעקאַליעטשעטע דײַטשישע פאַשיסטן איז געבליבן ליגן עליעזער געלער און הערש קאַווע — די לעצטע העלדן פון לעשנאָ-גאַס.

נאָך צוויי וואָכן אומגלײַכע קאַמפן איז שווער אָפּגעגאַנגען מיט בלוט די גרויסע פאַרייניקונג פון ייִסראָעל קאַנאַל, וואָס אַפּ אירע פּלייצעס איז געלעגן די האַרבע אויפגאַבע נישט אַרײַנצולאָזן דעם סוינע אין האַרץ פון געטאָ. פון ייִסראָעל קאַנאַלס צען קאַמפּס-

גרופּן זײַנען געבליבן צוויי הונדערט אַכציק אַף אַלץ גרייטע באָכערים און מיידלעך. ווען עס איז געפֿאַלן דער שרעקלאָזער קאַנאַל — דער זעלבער, וואָס האָט דער ערשטער איבערראַשט די געטאָ מיט זײַן שאָס אין דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט שערינסקי — האָט זיך אַף זײַן אָרט געשטעלט בער ראָזענבוים, אַ פּאָעטער אַרבעטער פֿון מילעגאַס, וואָס האָט זיך קוינע־שעם געווען מיט זײַן דרייסטקײַט בייכן יאַנוואַר־אַרויסטריט. די לעצטע באַהיקענער פֿון די קאַמפֿן אַף נאַלעווקעס, זאַמענהאָף, מילע און גוראַנאָוו האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין פּאַרטיזאַנער. דעם וואַלד האָט זיי פֿאַרטראָטן די צערוּינירטע, ברענענדיקע געטאָ. זיך פֿאַרטײַעט הינטער אַ כורווע, זײַנען בער ראָזענבוימס יאַטן מיט אומגעריכטן האַכט אַרויפֿגעפֿאַלן אַף פֿײַנטלעכע פּאַטרולן. דער גאַנצער ברענענדיקער שטעטל פֿון געטאָ איז זייער פּאַרטיזאַנישע זאָנע געווען. אומזיסט האָבן געבעלסעס וואַרשעווער באַהעלפֿער געמאָלדן אַף די פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַטן: „מיר וועלן אויסרייכערן די יידישע פּאַרטיזאַנער פֿון געטאָ!" נישט די באָמבעס־פּלאַצערײַ, נישט די פּאַרטוויבנדיקע אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע, נישט די אַכזאָריעס פֿון ריינהאַרדטס יידן־פֿאַרניכטלער, נישט דאָס צעהוליעטע פֿײַער האָבן נישט אָפּגעשראָקן די פּאַרטיזאַנער אין דער צענטראַלער געטאָ. יעדע שאָ, יעדן טאָג זײַנען בערעקס רייען שיטערער געוואָרן. מיט דער לעצטער שיירים־האָפֿלייטע האָט זיך דער אַרבעטער פֿון מילעגאַס דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך די באַלאַגער־פּאָכטנס און איז אַרויס פֿון קלעם, כּדי אײַנגיכן זיך אַרײַנצוגיסן אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין די וועלדער פֿון לובלינער געגנט[1].

די שיטער ווערנדיקע רייען פֿון די אויפֿשטענדלער האָבן פֿול געמאַכט די גרופּן, וואָס זײַנען אַראָפּגעקראָכן פֿון „יענער" זײַט, די יידישע באָכערים און מיידלעך, וועלכע האָבן געשפּילט די ראָל פֿון „ריינע אַריער" און זײַנען אַצינד מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אַלגעמיינער כוואַליע פֿון היסלײַוועסדיקן קאַמף. אין די קריטישסטע טעג, ווען דאָס געפֿינען זיך אין געטאָ האָט באַטײַט אומקום, האָט ניוטע טייטעלבוים פֿאַרלאָזט דעם „אַרישן" ראַיאָן, וווּ עס איז פֿאַרהעלטנישמעסיק זיכער געווען, און זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין די ברענענדיקע יידישע גאַסן. באַנאַנד מיט איר כאַווערטע די שוואַרצע

1 בוטערמאַן.

רושקע האָט זי אַפּ א מערקווירדיקן אויכן פּאַרטיליקט עטלעכע עסעס-לײַט. די מיידלעך זײַנען אַנטלאָפֿן פֿונעם סוינע, זיך באַהאַלטן אין א הויז, וואָס איז נאָך גאַנץ געווען. „כאַפּן לעבעדיקע!" — האָבן זיי געהערט די הייזעריקע שטים פֿון דעם עסעס-אָפֿיצער. די מיידלעך האָבן זיך ארופֿגעקריגן אפֿן בוידעם. דער ערשטער איז ארײַנגעקראָכן א יונגער עסעס-מאַן. די יונגע קעמפֿערנס האָבן אים פֿליַנק אַ כאַפּ געטאָן, דערשטאָכן מיט שטילעטן, און ניוטע האָט מיט א גראָבן קאָל אראָפּגעשריגן אַפּ ריין דײַטש: „שנעלער אהער, כ'האָב זיי געפּאַקט!" דורך דער עפֿענונג איז ארײַן א צווייטער דײַטש. די מיידלעך האָבן איבערגעכאַזערט די „שפּיל"; דערנאָך א דריטער. אין געראַנגל איז די שווארצע רושקע שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. פֿון אונטן זײַנען געקראָכן ארופֿ נײַע דײַטשן. דעמלט האָט ניוטע ארויסגעצויגן די גראַנאַטע. צוזאַמען מיטן גאַנצן טרעפּ זײַנען אופֿגעריסן געוואָרן די פֿארפֿאָלגער, און „וואַנדע מיט די צעפּלעך" האָט באַוויזן דערנאָך, שפּרינגענדיק און קריכנדיק, זיך ארויסבאַקומען פֿון דער כּוּרווע; דעם טויטן גופֿ פֿון דער טײַערער כאַווערטע האָט זי מיט האַרצ-ווייטיק געלאָזט צווישן די דײַטשישע האַרוגים[1].

באַם ארײַנגאַנג צו א שוצ-קעלער איז דורכגעלעכערט געוואָרן דורך פֿײַנטלעכע קוילן דאָס פֿאָרפֿאָלק עפֿראָיִם און ליובע פֿאָנדאַמינסקי; זיי האָבן זיך נישט געשיידט בײַסן לעבן, צוזאַמען זײַנען זיי נעגאַנגען דעם פֿײַן-וועג פֿון געטאָ, אַפּ איין פּאָזיציע געפֿאַלן מיט געווער אין די הענט.

א באַלאָדענער מיט אופֿרײַס-מאַטעריאַל האָט זיך צו דער געטאָ געשלײַכט דער יונגינקער יורעק זאַלאָטאָוו. נישט צום ערשטן מאָל איז ער מיט דעם דאָזיקן וועג געגאַנגען. דער איצטיקער וועג איז אָבער דער לעצטער געווען. געיאָגט דורך א זשאַנדאַרן-פּאַטרול, איז ער געלאָפֿן מיט דער שווערער מאַסע, וואָס האָט זיך אײַנגעגעסן אין הוילן לײַב. לויפֿן איז געווען שווער, אומעגלעך, די פֿיס זײַנען געבליבן שטעקן אין צעפּלאָסענעם אַספֿאַלט. דער ברוק איז באַזייט געווען מיט צעקאַליעטשעטע האַרוגים, מיט פּאַרקוילטע באַרמינענס. יורעק האָט זיך פֿאַרטשעפּעט און איז געפֿאַלן אַפּ א באַרג מייסים. א הילכיקער קנאַל האָט פֿאַרטויבט די גאַס. פֿון דעם יונגן, שיינעם גימנאַזיסט איז נישט געבליבן קיין גאַנצער אייווער; די

---

1 קאָוואַלסקאַ.

צעריסענע שטיקער פון זײַנע לײַב האָבן זיך אויסגעמישט מיט די צעפלויגענע געדערים פון די אופגעריסענע בארמינענס [1].

דעם גאנצן טראגישן צוריקגאנג אפ כורוועס האָט מיטגעמאכט טאָסיע אלטמאן. נאָכן בלוטבאָד אפ קראָכמאלנע גאס, ווו זי האָט אָנגעפירט מיט די קאמפן און פונוואנען זי האָט געמוזט אָפטרעטן, איז זי אונטער א רעגן פון פײַער אוועק טיפער אין געטאָ ארײַן און פארנומען א פּאָזיציע אין א פאבריק-הויז. א בלאָקירטע פון אלע זײַטן, איז די דאָזיקע העלדישע טאָכטער פון יידישן פאָלק אומגעקומען אין פלאמען.

א צווייטע העלדישע קעמפערן, כאנטשע פלאטניצקי, איז באנאנד מיט א גרופע כאוויירים אונטערן צודעק פון נאכט אריבערגעשפרונגען דעם געטאָ-מויער, געמיינט זיך צו ראטעווען אפ דער פרײַער זײַט און מונטערן די פרײַנט צוצווײַלן די אקציע פון הילף און פון רעטונג. די גרופע איז אראָפגעשפרונגען עטלעכע טריט פון דער געטאָ-וואנט. א שנײַדיק געשריי „שטיין!״ האָט זיי דעריאָגט פון הינטן. די כאוויירים האָבן טייקעף ארויסגעצויגן די רעוואָלווערן און געעפנט א שיסערײַ. צוויי דײַטשן זײַנען געפאלן. די יידן האָבן גענומען לויפן. דעמלט איז כאנטשע באגאנגען דעם פאטאלן פעלער. אָנשטאָט לויפן פאָרויס אונטער דעם שלייער פון כאשכעס איז זי ארײַן אין א דערבײַיקן טויער. א גאנצע סטײַע פארפאָלגער האָט פארשטעלט דעם ארײַנגאנג. זי האָט אויסגעשאָסן אלע קוילן ביזן לעצטן, דעמלט זײַנען די טאליאָנים ארײַן, זי געכאפט, לאנג געפײַניקט, א צעבלוטיקטע צו דער וואנט צוגעשטעלט און מיט א קוילן-סעריע דורכגעלעכערט איר קערפער, פון וועלכן עס זײַנען געבליבן צעפליקטע שטיקער [2].

אין א צווייטער גאס האָט געגויסעט א שווער פארוווּנדעטע כאנטשעס נאָענטע כאווערטע—די מוטיקע לייע פערלשטיין. די פאר-כאלעשטע, צעפלאצטע ליפן האָבן די לעצטע באקאָשע געשעפּטשעט: וואסער! אָבער קיין וואסער צו די צעהיצטע ליפן האָט קיינער נישט צוגעטראָגן. טויט האָט געהערשט ארום. דער פאָלקס-דײַטש הילער, אן עלעקטראָמאָנטיאָר פון פאך, האָט א פארסאָפּעטער, דורכלויפנדיק אין אײַלעניש, אין די שעפּטשענדיקע ליפן דעם שפּיז פארזונקען און

---

1 קאָוואלסקא.

2 לויטן בוך „פרומקע און כאנטשע״, ארויס אין טעל-אוויוו, 1944.

איז ווײַטער געלאָפן פאָרױעצן זײַן הענקערישע ארבעט. נישט ווײַט האָט זיך מיט א צעשפּאָלטענעם שארבן געוואַלגערט מירעלע פײַנס-דאָרף — עס האָט זיך געענדיקט דאָס דאָזיקע אימפּולסיווע, ענערגישע, שעפעדיקע לעבן.

געשפּירט איר סאָף האָט די אויסגעצייכנטע שיכערן די כאַווערטע ראָכל. דאָס בלוט איז גערונען אָן אָפּהאַלט און צוזאַמען מיט דעם איז אויסגערונען דאָס לעבן. איר לעצטע באַקאָשע איז געווען: — טײַערע! נעמט די ביקס, גייט פאָרויס, איך קען שוין נישט, מיך לאָזט דאָ[1]...

דער קעלצער ארבעטער, וועלכן די כאַווײרים האָבן מיט ליבע באַטיטלט „אוראָם אונטעראָפּיצער", האָט געהערט צו די ווייניקע, וועלכע האָבן זיכע געוועז צו האלטן א ביקס אין די הענט. דעם צוואַנציקסטן אפּרעל האָט ער איינער אַליין זיבן דײַטשן מיט זעלטן טרעפלעכע שאָסן אוועקגעלייגט, לויערנדיק אין א פארשטעלטער פּאָזיציע, אַף א בוידעם פון דעם הויז שוויענטאָיערסקע 32. ער האָט פארן טויט פון זײַן פרוי און קינד די ראָצכים קייפּל-קיפּלאים באצאָלט.

פון דעם צוואַנציקסטן אפּרעל זײַנען אוועק צען טעג, צען טעג פון קעסיידערדיקער מעסירעסנעפעש, צען טעג פון אינערלעכער אומ-צופרידנקייט. דיאַמאַנט האָט געגאַרט צו א גרויסן טאַט, און דער טאַט איז נישט געקומען. דעם ערשטן מײַ האָט ער דורכגעלעבט זײַן צווייטן גרויסן טאָג. אין שפּיץ פון א גרופּע קעמפער האָט אוראָם געעיצט א קעלער, וואָס האָט זיך געפונען צווישן מינעס און כור-ווּעס אַף פראַנציסקאַנער 30. מיטאַמאָל קומט אָן א שווארצע בסורע: די היטלעריסטן האָבן אויסגעשפּירט א זײַטיקן ארײַנגאַנג אין דער מאַ-לינע און גרײַפן שוין אָן. די יידן עפענען א פײַער, דער סוינע ענטפערט מיט גראַנאַטעס. דיאַמאַנט נעמט מיט זיך דרײַ אופּשטענד-לער, פארגייט פון הינטן ארום און אַטאַקירט די דײַטשן. צוויי היטלער-לײַט פאַלן, די אַנדערע צעזייען זיך אין בעהאָלע. דער טריומף איז אָבער א קורצווײַליקער. עס באַווײַזט זיך א גאַנצע אָפּ-טיילונג עסעס-לײַט. עס גרײַפט אָן א גרויסע מאַסע פון קאָפּ ביז פיס באוואָפנטע מיליטער-לײַט. דרײַ יידן לאָזן די דײַטשן נישט צוגיין נעענטער. זיי שיסן פון ביקסן. זיי מוזן אָבער שיקן ווייערע

---

1 עלבערג.

קוילן זעלטן — יענע ווידער ענטפערן מיט א האָגל פײַער, יענע פארמאָגן אווטאָמאטיש געווער. אווראָם דיאמאנט מײַדט נישט אויס קיין איין ציל, ער ליגט אפ א קופע ציגל און באלקנס און שיסט. ער וויל אויסהאלטן נאָך א פערטל שאָ, באלד וועט אָנקומען בער־לינסקי מיט זײַנע כאוויירים, וועט קרעפטיקן די פארטיידיקונג. מיט־אמאָל לאָזט ער ארויס די ביקס פון האנט. א דורכגעלעכערטער ווי א זיפ קײַקלט ער זיך אראָפּ פון דער הויכער קופע אין קעלער אראָפּ, ווו עס פלאקערט שוין א פײַער פון די ארײַנגעזעצטע גראַ־נאטעס [1].

דער זעלבער ערשטער מײַ איז געווען דער טאָג אויך פון יונגן קעמפער אווראָם אייגער. פון דעם זעלביקן ברענענדיקן הויז פראנ־צישקאנער 30 האָט ער זײַנע רעוואָלווער־קוילן געשיקט אין די אטאקירנדיקע עסעס־לײַט. א פארוואונדעטער אין בויך, האָט ער ארויס־געלאָזט דעם לעצטן שאָס. די דײַטשן האָבן געשריִען צו אים: „יודע, גיב זיך אונטער!" דעמלט איז אייגער אויפגעשטאנען אפ די פיס און אויסגערופן הויך אפן קאָל די לאָזונגען פון דעם אופשטאנד. מיט א שרעקלעכן קאָל האָט ער אראָפּגעשריִען צו די דײַטשן, וואָס זײַנען אפ א רעגע פארשטומט געוואָרן פון איבעראשונג, וועגן דער בלוטיקער יידישער נעקאָמע, וועגן דעם יום־האדין, וואָס גייט אפ זיי. ער האָט זיך א וואקל געטאָן און איז אראָפּגעפלויגן אראָפּ אפן ברוק. ערשט דעמלט זײַנען די פאשיסטן געקומען צו זיך, ארופּ־געפאלן אפן טויטן קערפּער און מיט בעסטיאלישער רעציכע צעהאקט דעם אומגעקומענעם מיט באגנעטן.

פון זײַן שלאכט־באהעלטעניש האָט דאָס אלץ צוגעזען דער זעכצניאָריקער שאנאן לענט. ער האָט אין הארצן א שוווע אָנ ווער־טער געשווווירן — נעמען נעקאָמע. אין צוויי טעג ארום, דעם דריטן מײַ, איז זײַן טאָג געקומען. דרײַ דײַטשן — אָן אָפיצער און צוויי סאָלדאטן — האָט ער אוועקגעלייגט און אליין אין קאמף געפאלן [2]. נישט ווײַט פון אים איז געפאלן דער יוגנט־טוער מאָרדכע שווארצ־באָרד.

א סאך יידישע העלדן זײַנען אומגעקומען מיט געווער אין האנט אפ דער „ארישער" זײַט. דער מיטגליד פון דער יידישער קאמפּס־

---

1 דר. א. בערמאן — זיכרוינעס.
2 ד"רטב.

אָרגאַניזאַציע מיעטשיסלאַוו היימאַן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַפֿן דער „אַרישער" זײַט צו ברענגען אין געטאָ אַרײַן מאַטעריאַלן אויפֿצושטעלן אַ נײַעם ראַדיאָ־אויפֿנעמער, ווײַל דער פֿריִערדיקער איז צעשטערט געוואָרן. גייענדיק צוריק מיט די ראַדיאָ־מאַטעריאַלן, איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן אויפֿן זאַקסישן פּלאַץ דורך געסטאַפּאָ־אַגענטן. היימאַן האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און געעפֿנט אַ שיסערײַ. צוויי דײַטשן האָט ער אַוועקגעלייגט, אָבער אַליין איז ער געפֿאַלן, אַ דורכגעלעכערטער דורך דעם סוינעס קוילן[1].

אַזוי זײַנען אומגעקומען די בעסטע און שענסטע פֿון דער העלדישער ייִדישער געטאָ־יוגנט. אַזוי זײַנען איינער נאָכן צווייטן, איינער אויפֿן קערפּער פֿון צווייטן געפֿאַלן די שעפֿער און בויער פֿון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. עס האָבן קיין צײַטונגען נישט באַשריבן זייער העלדישן טויט, עס האָט קיין הינטערלאַנד נישט אונטערגעהאַלטן זייער איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג, עס האָט די באַפֿעלקערונג נישט באַוויינט דעם אומקום פֿון די גיבורים, ווײַל זי אַליין איז אינגאַנצן אומגעקומען צוזאַמען מיט די, וואָס זײַנען אויף די פּאָזיציעס געלעגן.

בײַם דער ענדגילטיקער ליקווידיר־אַקציע זײַנען אינעם אויפֿשטאַנד אומגעקומען די לעצטע אײַנוווינער פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, און באַנאַנד מיט זיי — די פֿירער און טוער, די שרײַבער און קינסטלער, די אינטעליגענץ און די בעסטע פֿאָרשטייער פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט.

מיט פֿײַער און בלוט האָבן די דײַטשישע באַרבאַרן אויסגעראָטן אַ ייִשעוו, וואָס האָט געלעבט און זיך אַנטוויקלט אין משך פֿון זיבן הונדערט יאָר. מיט פֿײַער און שווערד האָבן די בלוטיקע פֿאַשיסטן פֿאַרטיליקט די גרעסטע ייִדישע קהילה אין אייראָפּע.

8

אונטער דער ערד

קנאַפּע דרײַ וואָכן צײַט האָבן די ייִדן געשטעלט אַן אָפֿענעם ווידערשטאַנד, פֿאַרטיידיקט יעדן שפּאַן ערד. דערנאָך האָט דער אויפֿשטאַנד גענומען גוסיסן. אָבער אויך דעמאָלט האָט דער קאַמף נישט אויפֿגעהערט. ער איז געוואָרן פֿאַרצווייפֿלטער, האָפֿענונגסלאָזער, אָבער

1 ריווקע שינדער־וואַיסקאָווסקאַ — גוויִעס־איידעס.

דער סוינע האָט נאָך אַלץ נישט געקענט זאָגן, אַז די געטאָ איז באַזיגט, אַז די לאַגע איז באַהערשט. דער קאַמף איז אַרײַן אין אַ נײַער פאַזע. פון דער ערד־אויבערפלאַך האָט ער זיך איבערגעטראָגן אונטער דער ערד. אין די שוץ־קעלערס, וועלכע זײַנען בעשײַטע געבויט געוועזן אין מעשעך פון לאַנגע כאַדאָשים, האָט זיך באַפעסטיקט די שיריס־האַפלייטע פון די קעמפער. באַם אַראָפּנידערן אין די אונטערערדישע פעסטונגען האָט יעדער מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געבויט געגעבן אַ שוווּע: קעמפן ביזן לעצטן אָטעם־צוג אין די קאַטאַקאָמבעס, פונקט ווי אַף די באַריקאַדעס; אויב ער וועט קראַנק ווערן, וועט ער פאַרלאָזן די באַהעלטעניש, קעדיי נישט אָנצושטעקן די כאַווײרים. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעצטע טראַגישע קאַפּיטל פון דעם העראָישן אויפשטאַנד. פאַר די אַרײַנגענג צו די אונטערערדישע פעסטונגען האָבן געוואַכט די קעמפער. מיט די אייגענע קערפּערס זײַנען זיי גרייט געוועזן צו פאַרשטעלן די לעצטע זקיינים, פרויען און קינדער, וואָס האָבן די לעצטע רעטונג געזוכט אין די קאַטאַקאָמבעס פון דער צעשטערטער געטאָ.

די צענטראַלע אַרטעריע פון דער געטאָ, די נאַלעווקעס, איז שוין געווען פאַרשפּילט. באָמבעס, סנאַריאַדן און גראַנאַטעס האָבן אויסגעריסן שטיקער ערד, באַמרויקט די מענטשן אין די היילן. דער שטאַב האָט זײַן זיץ־אָרט אַריבערגעטראָגן אַף מילע 18 אין אַ טיף־אײַנגעגראָבענעם בונקער. דעם אַכטן מײַ האָבן זיך אין נײַעם שטאַב צונויפגענומען די פירער פון אויפשטאַנד — אַניעלעוויטש, ראָזענפעלד און לובעטקין.

דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט די לעצטע פון די צעקלאַפּטע קאַמפּס־גרופּן מיט פּאַוועל, הענריק זילבערבערג, אַריע ווילנער, בער בראַנדער, ליוטעק ראָטבלאַט און מאָרדכע גראָוואַס בעראָש; דאָ האָבן זיך אויך אויסבאַהאַלטן עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע מע האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן. אין אַ צווייטן גרויסן שוץ־קעלער, אַף פראַנציסקאַנער 22, האָבן זיך געפינען די לעצטע פון די צעקלאַפּטע גרופּן פונעם בערשטער־געביט; דאָ האָבן זיך געפינען בערלינסקי, עדעלמאַן, אַבראַשע בלום, שלוימע שוסטער און אַנדערע.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג פון די אָנפירער איז באַשלאָסן געוואָרן: פאַרשטענדיקן זיך מיט די פּרײַנט פון דער „אַרישער“ זײַט, זיי זאָלן אָרגאַניזירן דאָס אַרויסגיין פון די קעמפער און פון די רעשטלעך באַפעלקערונג דורך די קאַנאַלן פון דער וואַסער־ און גאַז־לייטונג אַף

אויסן און דערמעגלעכן אזויארום דאָס אוועקגיין פון די קעמפער אין די וועלדער, צו די פארטיזאנער. מיט דער דאָזיקער שליכעס איז ארויסגעשיקט געוואָרן דער דרייסטער קעמפער סימכע ראָטייזער; ער האָט געדארפט אדורכפּויזען אף דער „ארישער" זייט דורך די גאז-לייטונג-קאנאלן און זיך פארשטענדיקן מיט „אנטעקן", איבערגעבן אים די סימאָנים, ווי עס באהאלטן זיך אויס די לעצטע אופשטענדלער — צוליבן שוי־דערלעכן כורבן איז שווער געווען זיך צו אָריענטירן אין געטאָ, בי־פראט אין איר אונטערערד.

ראָטייזער האָט דעם ערשטן טייל פון דער שליכעס אויסגעפילט. ער האָט אופגעזוכט „אנטעקן" און דורך אים די פּוילישע כאוויירים. עס איז טייקעף אויסגעטיילט געוואָרן א גרופּע פּוילישע פאָלקס-גוואר־דיסטן — סטעפאן, סאמאָכ, קאָסטעק, וואצעק, רישעק און אנדערע, וועלכע האָבן אָרגאניזירט א רעטונגס-עקספּעדיציע אין געטאָ אריין דורך די אונטערערדישע קאנאלן. צו דעם איניען זיינען צוגעצויגן געוואָרן אייניקע קאנאליזאטאָרן. אָט ווי סימכע ראָטייזער שילדערט מיט זיינע אייגענע ווערטער די דאָזיקע לעצטע עקספּעדיציע אין דעם צאנקנדיקן יידישן ראיאָן:

„אין דער נאכט פון 8-טן אפן 9-טן מיי, 10.30 אָוונט זיינען מיר אראָפּ אין קאנאל. די קאנאליזאטאָרן פירן. מיר גייען הינטער זיי. נאָכן אדורכגיין עטלעכע צענדליק מעטער שטעלן זיי זיך אָפּ און דערקלערן, אז זיי וועלן ווייטער נישט גיין. זיי זיינען טויט-שיקער. איך ענטפער זיי מיט א קאטעגאָרישן טאָן: „איר אונטערליגט מיינע באפעלן. מארש פאָרויס!" איך בין נישט אימשטאנד צו באשרייבן דעם וועג מיט זיי. יעדע עטלעכע מעטער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געפּאָדערט בראנפן, קוואס אָדער עסן. קיין שום ארגומענטן האָבן נישט געהאָלפן. ס'האָט געווירקט אף זיי נאָר מיין קיילע.

איך בין ארויס פון קאנאל ארום צוויי באנאכט, דורך דער עפענונג אף ראָג סטאווסקי און זאמענהאָף. רישעק איז פארבליבן מיט די קאנאליזאטאָרן. די זאמענהאָף-גאס איז באלויכטן מיט רעפלעקטאָרן פון דער זייט פון דזיקע. איך מוז קריכן אפן בויך ביז דער מורא־נאָווער גאס. איך האָב עטלעכע אדרעסן פון אונדזערע קאמפּס-גרופּן. קוידעמקאָל גיי איך אין דעם שוץ-קעלער פון דעם פארזאָרגונגס-אנ־שטאלט אף פראנצישקאנער 30. אָט דעם קעלער האָב איך פארלאָזן, ארויסגייענדיק אף דער „ארישער" זייט.

איך לויף אריין אין הויף. אָבער איך געפין בלויז רעשטלעכ

דרינען פון דעם בונקער. ווי עס ווײַזט אויס, איז ער געוואָרן אנטדעקט. אפן צווייטן הויף געפינען איך דרײַ מענטשן אין די רוינען. דאָס זײַנען אָבער נישט קיין מענטשן. גיכער זײַנען דאָס גײַסטער אָדער שיידים. זיי ליגן אפ די כורוועס — צוויי מאנצבלען און איין פרוי. די פרוי קרעכצט. זי האָט א צעבראָכענע פוס. איך וויל זיי מיטנעמען מיט זיך אפ דער „ארישער" זײַט, אָבער זיי האָבן קיין קויעך אפילע נישט צו שטיין.

בעשאסן געשפרעכן מיט זיי דערוויס איך זיך, אז דער בונקער איז אנטדעקט געוואָרן מיט עטלעכע טעג צוריק. די קעמפער האָבן דאָ געהאט איינע פון די שענסטע שלאכטן. זיי האָבן געקעמפט מיט עטלעכע צענדליק דײַטשן. מע דערציילט מיר, אז דער קעמפער אוראָם אייגער האָט געוואָרפן צו זיך די דײַטשן, ווען ער איז שוין געלעגן פארווונדעט, אָבער זיי האָבן מוירע געהאט צוגיין צו אים. ווען ער האָט שוין מער נישט געהאט קיין קויעך צו שיסן, האָט א דײַטש אים געטייט מיט א באגנעט. שליאָמעק שוסטער האָט, נישט געקוקט אפ זײַנע 17 יאָר, ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע העלדיש-קײַט, קעמפנדיק ווי א לייב. דערנאָך איז ער אומגעקומען אפ דער „ארישער" זײַט.

איך לאָז איבער די דרײַ אומגליקלעכע און גיי אוועק אפ פראנ-ציסקאנער 22. די בונקערס פון דעם הויף זײַנען אומבאקאנט. איך גיב צייכנס מיט מײַן לאמטערן און רופ מיט אונדזער סיגנאל. פלוצעם רופט זיך פון די כורוועס אָפּ א פרויען-שטים, וועלכע וויל מיך פירן צום קעלער, ווו עס געפינען זיך די קעמפער. זי זאָגט מיר, אז זי האָט א צעבראָכענע פוס און אז איך מוז זי אויסזוכן אין די כור-וועס. איך זוך א האלבע שאָ און קאָן זי נישט געפינען. רעזיגנירט לויף איך נאָך אפ נאלעווקי 33 און 35, מילע 19, זאמענהאָף 29. אָבער אין ערגעץ געפין איך קיינעם נישט. די געטאָ איז פולשטענ-דיק פארברענט. בערג מייסים ליגן אין גאס, צווישן די כורוועס.

איך פארטראכט זיך, צו וואָס איך קער זיך אום. און פלוצעם דערפיל איך זיך גוט צווישן די טײַערע פאר מיר כורוועס און מייסים. איך וועל נעקאָמע נעמען און אומקומען. אָבער איך גיב זיך נישט אונטער דער שוואכקײַט. מײַנע פליכטן רופן מיך צום לעבן. 4 אזייגער קער איך זיך אום צום קאנאל, פארהאק הינטער זיך די עפע-נונג. — מיר גייען, — רופ איך אויס מיט אן אומענטשלעכער שטימע צו רישעקן און צו די קאנאליזאטאָרן, — קיינער איז ניטאָ!

ס׳הייבט זיכ אָנ דער צוריקוועג. מיר זײַנענ דורכגעווייקט דורכ אונ דורכ, ווײַל אלע שליוזנ זײַנענ געשלאָסנ. דאָס וואסער גרייכט ביזנ פּאס. מיר גייענ, אונ איכ גיב צייכנס מיט דעם לאמטערנ, נאָכ אלצ קלערנדיק, אז עפּשער וועט זיכ נאָכ עמעצער אָפּגעפינענ. איכ שרײַ „יאנ, יאנ!״ (עס איז דער רופ פונ די קעמפער). אונ פּלוצעמ שפּרינגט ארויס פונ א זײַטיקנ קאנאל א גרופּע פונ צענ קעמפער. מ׳ר באגריסנ זיכ מיט טרערנ אינ די אויגנ. אינ עטלעכע ווערטער דערוויס איכ זיכ אלצ, וואָס איז געשענ אינ מײַנ אָפּוועזנהײַט.

די הילפ איז געקומענ אפ איינ טאָג צו שפּעט״[1].

די הילפ האָט טאקע פארשפּעטיקט. דעם אכטנ מײַ האָבנ די היטלעריסטנ אויסגעשפּירט די צענטראלע אונטערערדישע באזע אפ מילע 18, וווּ עס האָבנ זיכ באהאלטנ 150 קעמפער מיטנ שטאב אינ דער שפּיצ. באמ אויסשפּירנ די אונטערערדישע יִידישע באהעלטענישנ האָבנ די דײַטשנ זיכ באנוצט מיט הער-אפּאראטנ אונ מיט שפּיר-הינט. די הינט זײַנענ געווענ אזוי אויסגעדרעסירט אינ מעשעכ פונ לאנגע כאַדאָשים, אז ווענ דער באלעבאָס זייערער האָט א געשריי געטאָנ „יודע״, האָבנ זיכ די הינט טייקעפ געוואָרפנ אפנ אָנגעוויזענעמ אָדער געזוכטנ מענטשנ אונ צעריסנ אפנ אָרט.

די אונטערערדישע באזע אפ מילע 18 האָט פארמאָגט פינפ ארויסגענג. די פארפאָלגער האָבנ אויסגעשפּירט אונ באזעצט אלע פינפ. ווענ די אופאָדערונג צו קאפּיטולירנ האָט נישט געהאָלפנ, האָבנ די פאשיסטנ גענומענ ארײַנלאָזנ גיפט-גאזנ.

די לאגע איז געווענ האָפענונגסלאָז. ארויסגיינ האָט באטײַט—ארײַנפאלנ אינ די פאשיסטישע הענט, בלײַבנ האָט באטײַט—ווערנ פארגאזירט צום טויט.

עס איז געבליבנ דאָס לעצטע ביסל קוילנ.

דעמלט האָט אריע ווילנער געמאכט א פאָרשלאָג: קאָלעקטיווער זעלבסטמאָרד; ליבערשט אלײנ זיכ דאָס לעבנ נעמענ, איידער אינ די דײַטשישע הענט ארײַנפאלנ.

דער ערשטער האָט דעם פאָרשלאָג פארווירקלעכט דער גרופּע-פירער ליוטעק ראָט לאט. ער האָט דערשאָסנ זײַנ מאמע, דערנאָכ אויסגעקערעוועט דאָס רעוואָלווער-רערל אינ אייגענעמ שלייפ. נאָכ ראָטבלאַטנ האָבנ זיכ דאָס לעבנ גענומענ אלע הונדערט פופציק קעמפער.

---

1 פארעפנטלעכט אינ לאָדזשער „נײַעם לעבנ״.

צום סאָף האָבן זיך דערשאָסן מיט די לעצטע צוויי קוילן די, וואָס האָבן זיך זעלטן געשיידט, די צוויי האַרציקע פֿרײַנט, וואָס זײַנען טרײַ געבליבן דער זאַך ביזן סאָף — מאָרדכע און אַריע [1].

אָבער מיט דעם האָט זיך נאָך נישט געענדיקט דער ייִדישער ווידערשטאַנד. ביזן סאָף מײַ האָט זיך די שיריס-האַפֿלייטע פֿאַרטיידיקט, דאָ און דאָרט באַומרויִקט די דײַטשישע סאָלדאַטן, זיך באַוויזן צווישן די כורוועס און געעפֿנט אַ שיסערײַ. אַף די ערטער פֿון מאָרדכע און אַריע האָבן זיך אַנדערע געשטעלט. די צענטראַלע באַזע איז נײַע אונטערערדישע היילן אַריבערגעטראָגן. אין צוויי וואָכן נאָכן קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד אַף מילע 18, דעם 23-טן מײַ, האָט די אָנפֿירונג פֿון אופֿשטאַנד אָנגעגעבן דורך דער אונטערערדישער ראַדיאָ: „דעם לעצטן פֿרײַטיק האָבן די דײַטשישע אַעראָפּלאַנען אַראָפּגעלאָזט אַף דער געטאָ אַ נײַע צאָל באָמבעס. די גאַנצע געטאָ שטייט אין פֿלאַמען. די דײַטשן האָבן איבערגעכאַזערט די טאַנקען-אָנגריפֿן. מיר שטייען ווײַטער צוזאַמענגעשלאָסענע. מיר פֿאַרטיידיקן זיך. מיר דערלאַנגען דעם סוינע קלעפּ" [2].

דעם 23-טן מײַ — העכער אַ כוידעש נאָכן אויסברוך פֿונעם אופֿשטאַנד — האָט דער דײַטש געמוזט נאָך אָנקומען צו דער הילף פֿון טאַנקען אין געטאָ, ווו די סרייפֿע האָט פֿראַנק-און-פֿרײַ געהוליעט זינט דרײַ וואָכן; דער ווידערשטאַנד פֿון די ייִדן האָט נאָך אַלץ געדויערט; דערשטיקט אין איין גאַס, איז ער מיט נײַער קראַפֿט אויסגעבראָכן אין אַ צווייטער.

די גרופּן פֿון מיכל ראָזענפֿעלד, הערש בערלינסקי, מאַרק עדעלמאַן, יאָסעף פֿאַרבער און זכאַריע אַרצשטיין האָבן זיך געהאַלטן ביזן סאָף. פֿאַרבער און אַרצשטיין מיט זייערע כאַוויירים זײַנען אין די לעצטע מײַ-טעג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָן אַ שפּור. קיינער האָט זייערע גופֿים נישט געפֿונען. ביזן הײַנטיקן טאָג איז נישט באַוווּסט זייער גורל.

אַף „יענער" זײַט האָבן נישט גערוט די פּוילישע אַרבעטער-פּאַרטיי, די פֿאָלקס-גוואַרדיע. צוויי נײַע רעטונגס-עקספּעדיציעס פֿון גרויסן פֿאַרנעם האָבן זיי דורכגעפֿירט. די שטילע אַריסטאָקראַטישע גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון פּויפּסט פּיוס, איז אינמיטן העלן טאָג אָפּגעצוימט געוואָרן פֿון אַלע זײַטן; מיט רעוואָלווערן באַוואָפֿנטע

---

1 באַריכט פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד-קאָמיטעט.

2 באַריכט פֿון ייִדישן וועלט-קאָנגרעס.

פֿאָלקס-גוואַרדיסטן האָבן קיינעם נישט געלאָזט אַרײַן און אַרויס. מיטאַמאָל האָט די גאַס דערזען אַ מאָדנעם בילד: עס האָט זיך אין דעם ברוק אויפֿגעהויבן די אײַזערנע קליאַפּע, וואָס דעקט צו דעם אונטערערדישן גאַז-לייטונג-קאַנאַל, און פֿון אונטער דער ערד זײַנען איינער נאָכן צווייטן אַרויס עטלעכע און אַכציק פֿאַרכוישעכטע ייִדישע קעמפֿער. זיי זײַנען טייקעף אַרײַן אין די גרויסע אויטאָס, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט און אַוועק אין אומבאַקאַנטע ריכטונגען. ווען עס איז אָנגעקומען פּאָליציי און געסטאַפּאָ, האָט די פּויס-גאַס ווידער געהאַט איר געוויינלעכן אויסזען [1].

אַ צווייטן טאָג, קאַיאָר, האָט זיך געעפֿנט די קאַנאַל-קליאַפּע אויף פּראָסטע-גאַס; אויך דאָ האָבן זיך פֿון דער ערד-עפֿענונג אַרויסגעשאָטן פּליטים פֿון דער ברענענדיקער געטאָ. דאָ איז די עקספּעדיציע נישט אַדורך אַזוי רויִק, ווי די פֿריערדיקע. אַ מאָסער האָט טייקעף דערטראָגן, עס איז אָנגעקומען פּאָליציי, און עס איז אויסגעבראָכן אַ קעגנזײַטיקע שיסערײַ. עטלעכע ייִדן זײַנען געפֿאַלן באַם סאַמע קאַנאַל-אַרויסגאַנג [2].

דאָס זײַנען נישט געווען די איינציקע רעטונגס-עקספּעדיציעס דורך די קאַנאַלן. דער מיטגליד פֿון דער ייִדישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע באָזשיקאָווסקי איז עטלעכע מאָל געקראָכן הין און צוריק, געוויזן דעם וועג, געראַטעוועט מענטשן.

ווייסנדיק, אַז הונדערטער — און אפֿשר טויזנטער — ייִדן געפֿינען זיך אין די פֿינצטערע קאַנאַלן און זוכן אַ וועג צו די אַרויסגענג, האָבן די דײַטשישע אויסוואַרפֿן אַרײַנגעלאָזט אין זיי וואַסער און געעפֿנט אַלע קליאַפּעס.

די שטאָט איז אויפֿגעציטערט געוואָרן דורך נײַע שוידערלעכע בילדער. פֿון אַלע געעפֿנטע קאַנאַל-לעכער האָבן אַרויסגעפּלייצט שטראָמען קויטיק וואַסער און צוזאַמען מיט זיי הונדערטער קערפּערס פֿון דערטרונקענע ייִדן. די טויטע קערפּערס פֿון די טראַגיש אומגעקומענע מענטשן זײַנען געשוואומען איבער די גאַסן מיט די ברייט-צעפּלאָסקעטע רינשטאָקן און אָנגעוואָרפֿן אַ גרויל אויף די אײַנוווינער פֿון די נישט-ייִדישע ראַיאָנען [3].

---

1 „גלאָס וואַרשאַווי".
2 קאָוואַלסקאַ.
3 דאָרטן.

ראטעוועט מענטשן דורך די קאנאלן איז געוואָרן אומעגלעך. פאָלקס־גווארדיסטן האָבן געפּרוּווט ארויסשלעפּן פון פײַער די ייִדן דורך אנדערע וועגן. דער גווארדיסט קאזשיק האָט דורכן קאטוילישן צווינטער ארויסגעפירט אין וואלד עטלעכע צענדליק ייִדישע קעמפער [1].

און די לעצטע אופשטענדלער האָבן דערוויַיל נישט גערוט.

ערשט אפן צוויי־און־פערציקסטן טאָג האָט זיך צעלייגט אפ די כורוועס שוידערלעכע שטילקייט. עס זיַינען אנשוויגן געוואָרן די שיסערייַען, עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער קאָל פונעם אופשטאנד.

אפצומאָרגנס האָט דער טריִומפירנדיקער סוינע אפ די טליִענדיקע כורוועס פון געטאָ אופגעשטעלט א טליִע. עס זיַינען אפ איר אופגעהאנגען געוואָרן פיר פארנייסימ פון דער לעצטער ייִדישער קעהילע — שערעשעווסקי, שטעגמאן, מיליקאָווסקי און ליכטנבוים.

און ווען עס איז אפן דריַי־און־פערציקסטן טאָג, דעם לעצטן טאָג פון דער נײַער ספירע פון פוילישן ייִדנטום, אופגעגאנגען די זון איבער ווארשע, האָבן די פוילישע פארבײַגייער, וועלכע האָבן איצט צום ערשטן מאָל באקומען די דערלויבעניש ווידער גיין און פאָרן דורך די קאָמוניקאציע־ארטעריעס פון ייִדישן ראיאָן, האָבן זיי דערזען פאר זיך אן אומפארגעסלעכן אין זײַן שוידער און גרויל בילד:

נישטאָ קיין גאס, נישטאָ קיין הויז, נישטאָ קיין ברוק. ריזיקע בערג פון אָפּגעסמאליעטע ציגל האָבן זיך געצויגן העט ווײַט — פון דער לעשנאָגאס ביזן קאטוילישן צווינטער. אָפּגעווישט פון דער ערד זײַנען געוואָרן די נאלעווקעס און די פראנציסקאנער, די גענשע און די פּאווע, מוראנאָוו און סמאָטשע. גלײַך עס וואָלט א ריזיקער ווולקאן אויסגעבראָכן מיט א גוואלדיקער צעשטער־לאווע, גלײַך עס וואָלט דאָ קיינמאָל קיין מענטשלעכער ייִשעוו נישט געווען. און נאָר ערטערווײַז האָט א דין אויער געקאָנט אופכאפּן א שטיל קרעכצן פון א מענטש, וואָס האָט געגויסעט אונטער דער דערדריקנדיקער מאסע פון אײַנגעפאלענע הײַזער.

צוואנציק טויזנט ווארשעווער ייִדן — סײַ פון געטאָ סײַ פון „ארישן" ראיאָן — זײַנען דורך די דײַטשן געכאפּט געוואָרן לעבעדיקערהייט. אין יענע שוידערלעכע טעג איז דער פרײַז פון לומינאל און פון ציאנקאלי געווען אין ווארשע זייער טײַער, און נישט איטלעכער

---

1 דאָרטן.

האָט געהאַט מיט וואָס א סאָף צו מאכן צו זײַן לעבן. צוואנציק טויזנט ייִדן, די לעצטע האָלעוושקעס פון דער גרויסער ווארשעווער קעהילע, זײַנען פארטריבן געוואָרן אין די פּײַן-לאגערן פון טראווניק און פּאָניאטאָווו. מיט אומענטשלעכע אינויִים האָט דער סוינע זיי דאָרט פארפּײַניקט צום טויט.

די בערלינער רעגירונג — האגאם זי האָט געהאַט צו פארצייכענען דעם טויט פון אכט הונדערט אירע סאָלדאטן, וואָס זײַנען געפאלן אפן געטאָ-פראָנט, האָט ברייט באלוינט די דינער אירע, וואָס האָבן מיט אכזאָריעסדיקער האנט געקערעוועט מיט דער לעצטער ליקווידאציע פון די ווארשעווער ייִדן. דער גענעראל פאָן-סטראָאָפּ האָט פון דעם „פירערס" אייגענער האנט באקומען א קרייץ — אן אויסצייכענונג פאר אויסראָטן די ייִדן פון דער ווארשעווער געטאָ.

דער צווייטער „העלד" פון דער בלוטיקער דראמע, דער פּאָליצייאון עסעס-גענעראל גלאָבאָצניק איז דערהויבן געוואָרן צום אמט פון גאולײַטער פון ווין.

דעם 16-טן יול איז אין דער צום צווייטן מאָל באזיגטער שטאָט אראָפּגעפאָרן דער גענעראל-גובערנאטאָר האנס פראנק אליין. דאָס האָט געדארפט זײַן א טריִומף-מארש פון דעם אויבער-סאטראפּ, דער לעצטער אקט פון דעם זיג פון „דריטן רײַך" איבער דער „אליודא".

דער דאָזיקער מערדער פון מיליאָנען פוילישע ייִדן האָט דעמלט נישט פאָרויסגעשפּירט, אז אין דריטהאלבן יאָר ארום וועט ער זיצן אפן באשולדיקונגס-באנק אין נירנבערג און א מעשוגענער פון מוירע וואַרטן אף זײַן אורטייל[1]. און דאָס פארזעעניש פישער האָט זיך דעמלט נישט געריכט, אז זײַן סאָף וועט קומען אין דער ווארשעווער מאָקאָטאָוו־טפיסע, און גלאָבאָצניק — האָט ער ד'ען געוווסט, אז ער וועט זיך אליין דאָס לעבן נעמען, נאָך דעם, ווי „דאָס דריטע רײַך", די מעלוכע, וואָס איז אופגעשטעלט געוואָרן אף רישעס, אף רעציכע, אף רויב און שווינדל, האָט געפּלאצט אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון דער אויסלייזערישער רויטער ארמיי? די גערעכטיקײַט פון דער געשיכטע האָט סאָפּקאָלסאָף, קנאפּע צוויי יאָר נאָכן ייִדישן אופשטאנד, טריִומפירט און פארווירקלעכט געוואָרן דורך דער הארטער שטראָפנדיקער האנט פון דעם סאָוועטישן שלאכטמאן.

---

1 ה. פראנק איז אופגעהאנגען דעם 16־טן אָקטיאבער 1946 יאָר. ר ע ד.

9

דער העמשעכ

אָבער די היסטאָרישע דראמע האָט זיך דעמלט אפּ דעם כורבנ געטאָ נישט געענדיקט. דער ווידערשטאנד פונ די רעשטלעך פּויליש‍ע ייִדנ — סײַ פונ די, וואָס האָבנ אונטער פאלשע דאָקומענטנ געלעבט מיט אנ אומרויִק לעבנ פונ א הונט, סײַ פונ די, וואָס זײַנענ ווי לעבעדיקע מייסימ געלעגנ אינ פארמויערטע מאלינעס, סײַ פונ די, וואָס זײַנענ אוועק אינ די וועלדער — זייער ווידערשטאנד האָט געדויערט. פונ דער ברענענדיקער ווארשעווער געטאָ איז דער קעמפער מאָרדכע טענענבוים קיינ ביאליסטאָק אראָפּ, אינאיינעמ מיט די דאָרטיקע ייִדישע קעמפער ריווקע שינדלער, לייביש מאנדעלבליט, דאניִעל מאָשקאָוויטש, ייִסראָעל מארגאָליס אונ ארנ אסקאָלא די פארטיידיקונג פונ דער דאָרטיקער געטאָ אָרגאניזירט אונ אפּ די פּאָזיציעס פונ ביאליסטאָק דעמ טויט געפונענ. פרומקע פּלאטניצקי, כאנטשעס שוועסטער, איז אינ א צווייטנ עק פּוילנ אוועק, קיינ בענדינ, אונ דאָ א ייִדישע קאמפּס-אָרגאניזאציע געשאפנ. אינ א שוצ־קעלער, אנ אופגעריסענע פונ דײַטשישע גראנאטעס, האָט זי איר ליכטיקע נעשאָמע אויסגעהויכט, אומגעקומענ אפנ פּאָסטנ אינ שוצ פונ ייִדישנ קאָוועד. מיכל ראָזענפּעלד האָט זיך א וועג פונ דער קראכנדיקער געטאָ אינ וואלד ארײַנ דורכגעשלאָגנ, באנאנד מיט די וואלד-העלדנ שמועל יעגער, אלטער אלעפ אונ מארגאָליס די ייִדישע פּארטיזאנישע מאכנעס אויסגעבויט אונ אינ א ביטערנ געפעכט מיט אנ עסעס־עקספּעדיציע דעמ טויט געפונענ. ריווע טייטעלבוימ אונ יעהוישוע ווישינסקי האָבנ זייער טעטיקײַט אפנ „ארישנ״ ראיאָנ אריבערגעוואָרפנ, אטענטאטנ אפּ היטלערישע גדוילימ דורכגעפירט אונ צומ סאָפּ אינ שרעקלעכע יעסורימ אינ די געסטאפּאָ-קעלערס א מארטירערישנ טויט געפונענ.

לאנג האָט זיך אינ אנ אונטערערדישער מאלינע, אונטער א יעראָקעס-גאָרטנ, געהאלטנ עמאנועל רינגעלבלומ, דער באל-פּינקעס פונ געטאָ, פונ איר טרויעריקנ אופקומ אונ העראָיִשנ אומקומ. ביז דער לעצטער מינוט האָט דער דאָזיקער יונגער היסטאָריקער, וואָס איז פאנאטיש געווענ פארליבט אינ זײַנ שליכעס פונ א היסטאָריאָגראפּ, פארשריבנ אלדאָס געשעענע. דורכ א צופאל איז די מאלינע אופגעדעקט געוואָרנ, אונ רינגעלבלומענ האָט דער שוידערלעכער טויט גע-

טראָפן. פונקט ווי זײַנע כאַווײרים, די קעמפער, איז אויך ער אפגעשלאכט-פּאָסטנ געפאלנ.

לענגער האָבן זיך געהאלטן רינגעלבלומס נאָענטע פרײַנט הערש בערלינסקי, פּאַליע עלסטער און ערליך. זיי האָבן — פונקט ווי מענאשע מאטיוויעצקי — דערלעבט דעם טאָג, ווען די אוואנגארדן פון דער רויטער ארמיי האָבן זיך אפ יענעם ברעג ווײַסל באוויזן. פון זייערע מאלינעס זײַנען זיי ארויסגעקראָכן, ווען דאָס ווארשעווער פּאָלק איז זומער-צײַט 1944 אין קאמף ארויס קעגן די דײַטשישע אונטערדריקער.

דאָס ביסל איבערגעבליבענע ייִדן האָבן נאָך אין זיך אזוי פיל מאָראלישע און פיזישע קריעכ געפונען, אז זיי האָבן זיך אפ די פאָדערשטע פּאָזיציעס געשטעלט. אָבער באַר-קאָמאראָווסקיס יונגען, וואָס האָבן דעם אופשטאנד פארשאכערט, האָבן זיך אויך אפ די ייִדן געווארפן. אין צווייטן אופשטאנד זײַנען געפאלן מאטיוויעצקי, בערלינסקי און זײַנע כאַווײרים, וועלכע זײַנען לעבעדיק ארויס פון דער ערשטער מערידע, פון דעם ערשטנ בראנד-פײַער.

דער לעצטער וועג פון פוילישן ייִדנטום האָט געפירט נישט בלויז דורך טרעבלינקע, מײַדאנעק און אושפיצן (אָסוויענטשים); דער לעצטער וועג פון פוילישן ייִדנטום האָט אויך געפירט דורך קאמף און אופשטאנד. דער אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ איז געווען א סיגנאל צו א ריי ווײַטערדיקע קאמפן אין די געטאָס. פון די געטאָס — פון ווארשע און ביאַליסטאָק, פון בענדין — האָט זיך דער ייִדישער ווידערשטאנד-קאמף איבערגעטראָגן אין די טויט-לאגערן. די פּלייטים פון ווארשעווער געטאָ, מאָהיקאנער פון דער ייִדישער קאמפס-אָרגאניזאציע, זײַנען געווען די, וואָס האָבן אופגערודערט, א נײַעם גײַסט ארײַנגעבלאָזן אין די ייִדישע שקלאפן, וועלכע האָבן פיזיש און גײַסטיק געגויסעסט אין די שוידערלעכע מאָרד-פאבריקן טרעבלינקע, סאביבור, אָסוויענטשים.

דעם צווייטן אויגוסט 1943 איז די אונטערערדישע ייִדישע קאמפס-אָרגאניזאציע פון טרעבלינקע, אין וועלכער עס האָבן זיך פאראייניקט פוילישע ייִדן מיט אונגארישע און טשעכאָסלאָוואקישע, ארויס אין אופשטאנד. מיטן לאָזונג „נידער מיט היטלערן! זאָלן לעבן די ייִדן!" האָבן זיי זיך געוואָרפן אפ די עסעס-לײַט און זיך דורכגעשלאָגן א וועג אפ דער פרײַ.

דעם 14-טן אָקטיאבער 1943 איז די אונטערערדישע קאמפס-אָרגאני-

זאציע פונ סאביבור, אינ וועלכער עס האָבנ זיכ פארייניקט ייִדנ מיט סאָוועטישע קריגס-געפאנגענע, ארויס אינ אופשטאנד. עס האָבנ אינ איינ ריי געקעמפט דער לאָדושער הענריק ענגעל, דער וולאָדאווער שמיד הערש פרײַטאָג אונ דער ראָסטאָווער ייִד סאשא פעטשאָרסקי, אנ אָפיצער פונ דער רויטער ארמיי, — דער אָרגאניזאטאָר אונ אָנפירער פונעמ אופשטאנד.

ייִדנ פונ גראָדנע אונ לאָמזשע, פארשפארטע אינ אָסווענטשימער טויט-לאגער, האָבנ מיט די לעצטע קויכעס זיכ געוואָרפנ אפ זייערע פײַניקער אונ זײַנענ אומגעקומענ ביז איינעמ אינ אומגלײַכנ קאמפ.

אונ אינ דער זעלביקער צײַט האָט א צווייטער טייל פונ פוילישנ ייִדנטומ, א קלענערער, וואָס האָט רעטונג געפונענ אפ די ראכוועס-דיקע טעריטאָריעס פונ סאָוועטנפארבאנד, געשיקט זײַנע בעסטע זינ אונ טעכטער אינ דער קאָסציושקאָ-דיוויזיע, וואָס איז אנטשטאנענ הינטער מאָסקווע, אונ אויכ אינ דער רויטער ארמיי, וועלכע האָט אנטשיידנ דעמ גורל אונ אויסגאנג פונ דער בלוטיקער וועלט-מילכאָמע.

דער לאנגער אונ שווערער שלאכט-וועג—פונ דעמ דאָרפ לענינאָ הינטער סמאָלענסק, ווו די קאָסציושקאָ-דיוויזיע האָט אויסגעהאלטנ איר ערשטנ קאמפס-עקזאמענ, ביזנ באלטישנ יאמ, ביז דעמ טײַכ אָדער, ביז בערלינ, איז אויכ דער וועג פונ ייִדישער גוורע. די נעמענ פונ די ייִדישע העלדנ פונ דער ערשטער פוילישער דיוויזיע — יוליוש היבנער, אווראָמ שמוליעוויטש, האָראוו הערש זאוואדא, אונ די נעמענ פונ די פוילישע ייִדנ, וועלכע האָבנ זיכ אויסגעצייכנט אינ דער רויטער ארמיי — די רײַזס, ראבינאָוויטשעס, ווײַנערס, מאָרגענשטערנס, ראָזענבוימס, די העלדנ פונ סטאלינגראד, אָריאָל, לענינגראד, מיזרעכ-פרײַסנ, זײַנענ ארײַנ אינ פאנטעאָנ פונ ייִדישנ פאָלק באנאנד מיט די נעמענ פונ די קעמפער, וועלכע זײַנענ געפאלנ אפ די באריקאדנ פונ דער ווארשעווער געטאָ. איינ הייסער גלויבנ האָט באווארעמט זייער אלעמענס הערצער, איינ הייליקע אידיי האָט זיי אלעמענ באגײַסטערט: די ליבע צומ פאָלק אונ האס צומ פאשיזמ.

פונ די, וואָס האָבנ אינ אפרעל 1943 אָנגעצונדנ אינ דער פינצטערער נאכט פונ היטלעריזמ אינ פוילנ דעמ שײַטער פונ קאמפ פארנ קאָוועד פונ ייִדישנ פאָלק, האָבנ בלויז געציילטע דערלעבט די שאָ פונ טריומפ, דעמ טאָג פונ דער אויסלייזונג; בלויז בערמאנ, אלעפ,

עדעלמאַנ, צוקערמאַנ, לובעטקינ, באָרג, ראָטשטײַזער, פעקער, דער אַרטיסט יאָנאַס טורקאָוו, באָזשיקאָווסקי, גאָלדשטײנ, באַסיע בערמאַנ, וואַסער, שאָכור, גאָלדקאָרנ, עווענסאָנ האָבנ דערלעבט דעמ טאָג, ווענ די אַרמײענ פונ די מאַרשאַלנ זשוקאָוו, ראָקאָסאָווסקי אונ קאָניעוו באַנאַנד מיטנ פוילישנ מיליטער האָבנ צעגראָמירט די דײַטשישע כאַיאָלעס, אַרויסגעטריבנ זײ פונ פוילישנ לאַנד אונ באַפרײַט דאָס פוילישע פאָלק אונ די שײריס-האַפּלײטע פונ פוילישנ ייִדנטומ.

געבליבנ זײַנענ אײנצלנע, עטלעכע צענדליק טויזנט, געבליבנ פונ מיליאָנענ, פונ אַ צאָלרײַכנ, פילפאַרביקנ, שעפערישנ ייִשעוו.

די, וואָס זײַנענ געבליבנ, האָבנ מיטגעבראַכט מיט זיכ די בסורע פונ יענעמ גרויסנ אויפשטאַנד, דעמ גרויס אונ די צוואָע פונ די אומגעקומענע העלדנ, וועלכע האָבנ אַרײַנגעשריבנ אַ נײַ דערהויבנ קאַפּיטל אינ דער געשיכטע פונ ייִדישנ פאָלק, אַ קאַפּיטל, וואָס וועבט זיכ אַרײַנ אינ דעמ קאַמפ פאַר באַפרײַענ פוילנ פונ די דײַטשישע אָקופּאַנטנ, אינ דעמ אַלגעמײנעמ קאַמפ פונ דער פרײַהײַטליבנדיקער מענטשהײַט קעגנ דעמ כײַישנ פאַשיזמ.

די צוויי אונ פערציק טעג פונעמ אויפשטאַנד פונ דער וואַרשעווער געטאָ זײַנענ צוויי אונ פערציק טעג אַנטפּלעקונג פונ רײנסטער מענטשלעכקײַט, פונ אומבאַפלעקטער גוורע, זײַנענ אַ היסטאָרישער דענקמאָל פונ דער לעבנספייִקײַט פונ ייִדישנ פאָלק.

אײביק וועט לעבנ אינ אונדזערע הערצער דער הײליקער אָנדענק פונ די לויטערע געשטאַלטנ, וועלכע האָבנ אינ די שווידערלעכסטע אומשטענדנ הויכ אויפגעהויבנ די פאָנ פונ מענטשלעכער ווירדע, פונ נאַציאָנאַלער פרײַהײַט, פונ פעלקער-פרײַנטשאַפט, אונ מעקאַדעש געווענ דעמ נאָמענ פונ אונדזער אויסגעבלוטיקטנ פאָלק. זײערע נעמענ וועלנ אַרײַנגײנ אינ אונדזער געשיכטע אונ אינ דעמ פּינקעס פונ דער מענטשהײַט ווי נעמענ פונ העלדנ, וועלכע האָבנ איבערגעגעבנ זײער נעפעש פאַר די העכסטע אידײענ פונ דער מענטשהײַט אונ פאַר דער צוקונפט פונ דעמ שווער געפּרוּווטנ ייִדישנ פאָלק.

ניט בלויז מיט טרויער אונ מיט הײליקנ אינערלעכנ ציטער דערמאָנענ מיר דעמ אָנדענק פונ די העלדישע קעמפער, נאָר מיט אַנטשײדענע מײַסימ — מיט האַרטנעקיקנ, קאָנסעקווענטנ קאַמפ פאַר אויסראָטנ די רעשטנ פונעמ פאַשיזמ, ווו זײ זאָלנ ניט זײַנ, מיט קאַמפ פאַר דער אויפבויונג פונ אונדזער הײמלאַנד, פונעמ דעמאָקראַטישנ פוילנ, מיט קאַמפ קעגנ די אָפענע אונ באַהאַלטענע סאָנימ פונ פרידנ אונ

דעמאָקראטיע, מיט קאמפ קעגנ די אנדערסעס אונ זייערע פאָגראָם-באנדעס, קעגנ די אָנצינדער פונ א נייַער וועלט-מילכאָמע, וואָס שטעלנ זיכ דעם ציל צו פארניכטנ די דעמאָקראטישע פרייַהייַט, וואָס איז דעראָבערט מיט דער ברידערלעכער הילפ פונ דער העלדישער סאָוועטישער ארמיי.

דעם אָנדענק פונ די מעסירעסנעפעשדיקע קעמפער אינ וואַרשעווער געטאָ וועלנ מיר היילִיקנ מיט פעסטיקנ דעם אייַנהייַטלעכנ פראָנט פונ קאמפ קעגנ פאשיזמ אינ רעאקציע, פאר פרידנ, פאר עכטער דעמאָקראטיע, פאר פעלקער-פרייַנטשאפט.

מאָסקווע, מייַ 1944 — דעקאבער 1945.

אינהאלט

זײַט

פון מעכאבער 3

ערשטער טייל

געטאָ

1. דער אָנהייב פון פארברעכן 5
2. צווישן צוויי בעסאַלמענס 9
3. נאכט און טאָג אין געטאָ 12
4. די גאס 17
5. הונגער 20
6. די הענקער 26
7. דאָס „דרײַצנטל" 30
8. טראגישע אילוזיעס און פארעטער 33
9. יידנראט 36
10. די אונטערערדישע געטאָ 38
11. דאָס פאָלק 47
12. דער אלטער יאָסעפ און זײַנע פרײַנט 52
13. דער שווארצער אנדריי 57

צווייטער טייל

פארטיליקונג

1. די בלוטיקע כוואליע 61
2. זעלבסטמאָרד פונעם פאָרזיצער פון יידנראט . . . 66
3. „זאָנדער־אופטראגס־קאָמיסיאָן" און „פערניכטונגס־קאָמאנדאָ" 70
4. דער טאָג פון די קינדער 73
5. דער טאָג פון די זקיינים 76
6. סעלעקציע 79
7. די שותפים פון מאָרד 81
8. דאָס דעמאָקראטישע פוילן 84

דריטער טייל

ווידערשטאנד

1. דער אנטיפאשיסטישער בלאָק 89
2. דער פאראייניקטער געזעלשאפטלעכער ראט פון געטאָ־אונטערערד 93
3. פאסיווער ווידערשטאנד 97
4. דער אקטיווער ווידערשטאנד וואקסט אָן 100
5. די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע 104
6. די „נייטראלע" וועלט 110
7. די פריינט פון „יענער" זייט 112
8. געווער 115
9. געשטאלטן 122
10. די ערשטע קאמפס־ארויסטרעטונג אין יאנוואר 1943 . 134

פערטער טייל

אופשטאנד

1. „א נייע מאכט הערשט אין געטאָ" 144
2. קיין מענטשן! קיין געלט! 150
3. דער אָנהייב 154
4. די פארטיידיקונג פון די בערשטער 161
5. די ווייטערדיקע שלאכטן 166
6. די געטאָ אין פלאמען 181
7. דער טויט פון העלדן 186
8. אונטער דער ערד 192
9. דער העמשעכ 201

Б. МАРК

ВОССТАНИЕ ВАРШАВСКОГО ГЕТТО

Редактор *М. Альтшулер.* Техредактор *А. Кантор.*
Обложка художника *М Аксельрода.*

Сдано в производство 30/V-46 г. Подписано к печати 7/III-47 г. А—00157
Печ. л. 13. Уч.-изд. л. 10 Тип. зн. в п. л. 3 .900. Формат бумаги 82x108 1/32.
Тираж 15 тыс. экз. Заказ № 194. Цена 7 руб.

Набрано в 13-ой типографии треста „Полиграфкнига" ОГИЗа при Совете Министров СССР Москва Денисовский, 30.
Отпечатано в 3-й типографии „Красный пролетарий" треста „Полиграфкнига" ОГИЗа при Совете Министров СССР, Москва, Краснопролетарская, 16.